STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01619

VEN DI VELT BRENT

Yosef Hilel Levi

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Milton Glicksman
in memory of
Leah & Morris Glicksman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווען די וועלט ברענט

(דערציילונגען)

פון

יוסף הלל לעווי

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL

When the World Is Aflame

By

JOSEPH LOWY

לאָנדאָן, 1943.

פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי און זין

פונעם זעלביקן מחבר זענען דערשינען פאלגנדיקע ביכער

„דאס אלטע ליד“ (פּאָעמע).

„יוגנט-וועלטן“.

„פרומע געזאנגען“.

„אלטע און נייע לידער“.

„קראקע פאעמע“.

„אונטערן שווערט“

שותּפות מיט בן א. סאָכאַטשעווסקי.

פארגאנגענע ליבע . . .

1

ווען רבקה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר שלאָף, איז שוין אַ קלאָרער און שיינער אָסיען טאָג אין איר חדרל געלעגן. די זון האָט מיט אירע קאַלטע זילבער־שטראַלן באַשאָטן דאָס געדטנדל, אין וועלכן אירע פענצטער זענען אַריינ־געגאַנגען. און שטעגלעך זענען געווען באַלייגט מיט גאָלד־ברוינע בלעטער, וועלכע האָבן זיך אין בלאָסן זונען־ליכט געוואָרעמט, די באַקעטע בוימער־צווייגלעך זענען געוועזן איינגעוועבט מיט זילבער דינע האַרבסטשפּעדעם וואָס די שפּינען האָבן כסדר געהאַלטן אין איין וועבן.

רבקעלע האָט זיך אויסגעווישט די פאַרשלאָפענע אויגן, גלייכגעמאַכט אירע שוואַרצגעלאָקטע האָר, און פאַרבערעכנדיק אירע שלאַנקע הענט אַ שטילן זיפץ געטאָן.

— רבקה׳לע, רבקה׳לע — האָט זיך דערהערט איר מוטערס קול פון צווייטן חדר — שוין צייט אויפצושטיין, נאָך עלף אַזייגער. ס׳וועלן דיר דאָך די כחות אויסגיין, טו זיך בעסער אָן, וועלן מיר אַ ביסל אין „ענגלישן״ גאָרטן שפּאַצירן גיין און אויך הערן דאָס שיינע מאַרגנקאָנצערט. נאָר ניט אַזוי ליגן און נאָכקלערן, ווייל דאָס נעמט דאָך די מאַרכעס פון די בייגער אַרויס און ברענגט ניט צו קיין שום טאַלק; און באמת, וואָס ווילסטו דען אויסקלערן? האָסט שוין גענוג וועגן אים געקלערט . . . און אויף מיינע שונאים געזאָגט דיין פּנים און דיין געמיט . . .

— גלייך, גלייך, מאַמינקע — האָט רבקה׳לע מיט אַ ווידערווילן געענט־פערט — אָט שוין שטיי איך אויף, נאָר נאָך אַ פּאָר מינוטן.

בשעת מעשה האָט זי איר מידן קאָפּ אויף די ווייכע קישנס ווידער פאַלנגעלאָזן, אַ ווײַלע זיך טיף און שטום פאַרקוקט אויף איר טויטן זיידנס בילד, וועלכעס איז פאַר איר בעט געהאָנגען.

באַלד דערנאָך האָבן זיך אירע ווײַס שטיל אַראָפּגעלאָזט, און אַ לייכטער דרימל האָט אירע אויגן צוגעמאַכט.

זי האָט געחלומט: מתחילת גרינג, פריי, דערנאָך פאַרמאַטערט, שווער, ווי האַלב אין וואָך. אַ שטילער ציטער איז איר דורכן גוף אַדורכגעלאָפן און אַ קילער שווייס האָט זיך אויף איר שטערן צעפּערלט. דערשראָקן האָט זי די אויגן אויפגעמאַכט און עס האָט זי געשווינדערט פאַר די אייגענע מחשבות, וועלכע האָבן זיך אין איר מח געפּעדעמט טריב און פויל, אָן אַ וועלכן ס׳איז צוזאַמענ־האַנג.

„אַך, צו וואָס ?“ איז אַן אומעטיקער געדאַנק אין דעם נעץ פון איר מח פאַרפלאָנטערט הענגען געבליבן. יאָ, צו וואָס טויג דאָס אויפהייבן און אַרומשלעפן זיך, וואָס טויג דער גאַנצער בחנימדיקער מאַטער ? איז דען ניט אַ סך גלייכער דאָ אַזוי אָ ליגן צו בלייבן און גאָרניט צו טאָן . . . ווי אומדערטרעגלעך איז דער גאַנצער פוסטער לעבן . . . ווידער פרישטיק, מיטאָג, נאַכטמאָל עסן, שלאָפן גיין, ווידער זיך אויפהייבן, וואַשן, אָנקליידן און פוצן זיך, פאַר אַ צייטפאַרטרייב, אָפגעדראָשן טעאַטער און ביכער וועקסלען, לאַנגווייליקע באַקאַנטע אויפנעמען ; און נאָך יעדן דערוואָרגענעם טאָג, פיבערדיק ביזן האַלבער נאַכט אַריין אין חלום צולעבן דאָס ניט דערלעבטע, און אומזיסט איבערוויטיקן דאָס ניט אמתדיק גליקלעך דערפילטע . . . ווי לעסטיק ווערט דאָס די אייביקע איבערחזרונג ! אָן אַ סוף און אָן אַן ענד . . . וואָלט דען ניט טויזנט מאָל בעסער געווען מיט אַ פראָדוקטיווער אַרבעט די צייט אויסצופילן, ניט אַזוי אין בעל הבתישער פוסטקייט צו דעגענערירן, אָדער גאָר איינמאָל אויף אייביק איינצושלאָפן, כדי אַזוי אַרום פטור צו ווערן פון דעם זינלאָזן, נישטיקן לעבן . . .

ווי הערלעך וואָלט דאָס געווען פלוצים באַפרייט צו ווערן פון דער אייביקער בענקשאַפט און טרויער, פלוצים אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם בחינמדיקן האָפן און נאַרישן שטרעבן . . . ווי הערלעך, ווי הערלעך וואָלט דאָס געווען — האָבן אירע בלאַסע ליפן וויטיקלעך געשעפטשעט.

נערוועיש האָט זי פון זיך די רויט זיידנע דעק אַראָפגעוואָרפן, די פוס פון בעט אַראָפגעלאָזן און גענומען מעכאַניש זיך אָנטאָן.

פאַרן שפּיגל שטייענדיק האָט זי הערזען די גאַנץ דינע שלענגלעך וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויף איר פנים צו לייגן. אַן אַנגסט האָט זי אַרומגענומען.

אירע מיידליש פולע ברוסטן האָבן שמאַכטנדיק נאָך ליבע און הייסע, פעסטע אומאַרמונגען געגאַרט . . .

פון אַ גליאיקן געפיל האָט איר גוף אויפגעשוידערט . . . שטאַרק, פעסט, האָט זי אירע הענט צו די ברוסטן קראַמפהאַפט צוגעדריקט, און געהאַט דעם פאַרלאַנג — זיך אין זיך אַליין צו פאַרטוליען...

אירע פיבערדיקע שויסן און שלאַנק געפורעמטע פיס האָבן געציטערט, זי האָט דערפילט אין דער טיפקייט פון איר בלוט אַ שטאַרקע גלוסטונג נאָך ליבע. זי האָט שווער אָפגעאָטעמט, און קומענדיק צו זיך, איז איר דאָס קליינע קערשנבוים מיט פערל באַצירטע בריוקעסטעלע אין די אויגן געפאַלן, וועלכעס איז אויף דעם שפיגל־טיש געשטאַנען. באַלד האָט זי אַ טיפער פאַרלאַנג אַרומגענומען ווידער אַמאָל אַדורכצוקוקן אַלע אירע אַלטע בריוו און בילדער.

בשעת מעשה האָבן אירע אויגן אַ פאַר׳כשופ׳טן גלאַנץ באַקומען, אירע בלאַסע ליפן האָבן זיך פריילעך מיט אַ הייבישן ראָמאַנס צעשפּילט. דאָס פלעגט תמיד זיין אַ סימן אַז זי איז געווען גוט אויפגעלייגט.

זי האָט פלינק דעם שלאָפראָק איבער זיך געוואָרפן און אויף די שפּיץ פיס

צו דער טיר זיך צוגעשלייכט און זי הינטער זיך פאַרשלאָסן.

דאָס קליינע שליסעלע וועלכעס איז אויף איר שנירל קרעלן געהאָנגען, האָט זי פון האַלז אַראָפּגענומען און דאָס בריוקעסטעלע אויפגעמאַכט.

אַן אַנגענעמער ריח פון פּערפיומירטע בריוו, צעטריקנטע רויזן און נעלקן בלעטער זענען איר ליב אַקייגן געקומען. פאָטאָגראַפיעס, פּעכערס און שלייפלעך האָבן ווי האַלב אָפּגעמעקטע מצבות פון איר פאַרגאַנגענהייט אַרויסגעקוקט.

פון אַלע פאַרבלאַסטע איבערלעבונגען איז איר גאָלדמאַן אַלס ערשטער תחית־המתים אויפגעשטאַנען. זיין קליין בריוול מיט רויטער טינט געשריבן, האָט אין איר צעפּיבערטער האַנט געציטערט.

אַך, האָט זי שווער אָפּגעזיפצט: ס׳אַראַ צאַרטער, נאַאיווער יינגל דאָס איז געווען, וואָס׳אַראַ סאַמעט ווייכע, גוטע, בלויע אויגן ער האָט געהאַט.

אַ קוש, און אַ טרער, און אַ ברוגז, דאַן ווידער אַ האַרציקער פאַרליבטער געלעכטער מיט אַ שטומען טוליען צו זיך, — און מינוטן ליכטיקע, פלאַטערדיקע, גליקלעכע, ווי די שפּילנדיק ווייסע שוואַנען. יאָ, מיין ערשטע ליבע איז דאָס געווען...

— איך האָב זיך געפילט ווי אין אַ פאַרכשופטן ראָד, און אין אַ אומענדלעכן חלום־פּאַלאַץ האָב איך אַרומגעשוועבט, געלעבט אין אַן אויסגעדאַכטער, שיינער, גוטער און ליבער וועלט,— ניט וויסנדיק וואָס שיין, ליב און גוט איז...

גאָלדמאַן האָט ווי אַ וווּנדערלעכער קלאַנג מיינע יוגנט־טעג באַגלייט, און צום סוף אויך ווי אַ לייכטער בליץ אין אַ נאַכטלעכן זומערהימל פאַרשוווּנדן...

זי האָט דאָס בריוול צום האַרצן צוגעדריקט און עס מיט אַ לאַנגען קוש אָוועקגעלייגט מורמלנדיק פאַר זיך: פליטערלעך, זילבער ווייסע אַקאַציען פליטערלעך...

ווייטער זוכנדיק, איז ווידער אַ בריוול אין אַ בלויען קאָנווערט מיט אַ גילדן שלייפל פאַרבונדן אין אירע הענט אַריינגעפאַלן. זי האָט עס אַ בייגיריקע געעפנט, און אַ האַלב פאַרוויאַנעטער נעלקן־ריח האָט זי אָן אַזוי פיל גליק און צער דערמאָנט; אַז זי איז ווי אַ פאַר׳שכור׳טע צום קלאַוויר צוגעפאַלן און אויסגעשפּילט מיט אַ שטיל דערשטיקטן שלוכצן „ליסטס 2 ראַפּסאָדי״.

די טענער האָבן זיך געגאָסן מעלאַנכאָליש פאַראומערט, באַלד מיט אַ פאַרפירערישער לייכטקייט, באַלד באַגליקט און העל, באַלד ווידער פינסטער, פאַרביטערט, ווי פאַרוואָגלטע נימפן וואָלטן זיי פון גילדענע האַרפן אַרויסגעצויבערט אין טריבע האַרבסט־אָוונטן...

פאַר אירע אויגן האָבן געבליצט די פערל געטאָקטע יידישע אותיות׳לעך און מיט אירע וואַרימע טרערן האָט זי זיי ווידער אויפגעלעבט...

דאָס בריוול איז ביי איר אַזוי טייער געווען ווי איר לעבן, זי האָט עס אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

אַ דיכטער איז גאָלדמאַן געווען. לאַנג האָט זי אים אפילו ניט געקענט. איידער ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע האָט ער אַ קורצע צייט אין דער שטאָט

מ. געוויילט,— און דאך האט ער אן אייביקע בענקשאפט נאך זיך ביי איר אין הארצן צוריקגעלאזן.

נאר קען זי אים דען פאריבל נעמען? איז ער דען באמת שולדיק געווען?

א דיכטער, און דערצו ער,— אזוי עלנט, איינזאם און פאר׳חלום׳ט, יא, מער טרוימער ווי דיכטער...

די קנייטשן פון זיין בלוט־ארעם פנים, די פריצייטיק גרויליכע שלייפנהאר, האבן שוין אלעס מגלה געווען...

הגם זי איז איבערצייגט אז ער איז מיט זיין ליבע צו איר גאר קיין שלעכטס ניט אויסן געווען, און אויך קיין בייזע מחשבות ניט געהאט,— דוכט איר פארט א סך מאל אז ער האט זי בא׳עוולה׳ט, און אומגליקלעך געמאכט. ווייל צופיל פארוויטיקט האט ער איר נשמה, צו וויט געעפנט די אויגן, און צעשטורעמט דאס הארץ, צופיל הערצייילט איר וועגן ליבע, לעבן און טויט,— און וואלט ער דאס ניט געווען געטאן, וואלט זי אפשר ניט געווען אזוי אומגליקלעך געווארן.

אבער ניט לאנג דויערן אירע תרעומות צו אים, מחמת באלד איז זי אים אליין אלעס מוחל מיט זיינע אייגענע ווערטער וואס ער פלעגט תמיד טענה׳ן צו איר: „פון דער שטארבלעכקייט טאר מען קיין אומשטארבלעכס ניט פאר־לאנגען״... מיין ליבע צו אייך דארפט איר ניט מער נאר אזוי ווי א מאמענט פון דער אייביקייט ארויסגעשפריצט באטראכטן,— וועלכער צערינט און גיסט זיך באלד ווידער דארט אהין, פון וואנען ער איז געקומען...

פארמאכנדיק אויך דאס בריוול, האט זי זיך די אויגן אויסגעווישט מיט א זיידן ווייסן טיכל וואס זי האט אמאל געהאט באקומען צום אנדענק פון אים...

אין איר הארצן האט ווידער א קליין לידל זיינס אפגעציטערט, וואס ער האט איר געהאט אין אלבום אריין פארשריבן:

אזוי ווי צו דיר כ׳בין געקומען,
אזוי כ׳וועל אוועקגיין פון דיר,
בלום, אך דו שענסטע פון בלומען,
פארגעס ניט, פארגעס ניט אן מיר.

איך בין דאך אן אייביקער וואנדרער,
פארמשפט צו לעבן באטריבט;
און וועט דיך ווען טרעפן אן אנדרער,
דערצייל אים ווי כ׳האב דיך געליבט...

א דיכטער, דיכטער, פאר דיר בין איך אפשר א לייכטער חלום געווען, אבער פאר מיר ביזטו א שווערע ווירקלעכקייט פארבליבן. פאר דיר בין איך אפשר א מאמענט אין דער אייביקייט געווען, אבער פאר מיר ביזטו א שמערצ־לעכע דערינערונג אויף אייביק פארבליבן...

דעם בריוו פון איר מוזיק־פראפעסאר האט זי גארניט אין האנט גענומען,

בעסער באַצייטנס מיט דער מוזיק־אָפּערע אָפּגעבראָכן, ס׳וואָלט זי דאָך דאָס זינגען סיי ווי סיי צו גאָרניט געווען דערפירט...

ער האָט אין איר נאָר דאָס ווייב, נישט דעם טאַלאַנט, געליבט, און זיכער דערפאַר האָט ער זי געוואָלט בחינם לערנען...

נאָך זענען איר פאַרשידענע בריוו פון פריינט און חבר׳טעס אין האַנט געקומען, וואָס יעדער באַזונדער האָט זי סענטימענטאַל געשטימט. אָבער פּלוצים האָבן אַלע איר איבערלעבונגען מיט זכרונות פאַרבלייכט, און זיך ווי ציטערדיקע זומערפייגעלעך צעפלויגן; ווייל זי האָט רובינשטיינ׳ס בילדל, וואָס זי האָט שוין אַ לאַנגע צייט געהאַט גערעכנט פאַר פאַרלוירן, ווידער צווישן אירע בריוו געפונען.

אַ ליבע וואַרעמקייט האָט איר נשמה אַרומגענומען, די קינדיש בלאַסע באַקן האָבן זיך מיט אַ רויטקייט באַוועבט און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן. מיט ציטערדיקע הענט און גליענדיקע אויגן האָט זי דאָס בילד גענומען און עס פעסט, פעסט צום האַרצן געדריקט, שפּעטער לאַנג באַטראַכט יעדן צוג פון זיין פּיינעם, איידעלן פּנים, שטודירט זיין הויכן שטערן, טיף פאַרקוקט זיך אין זיינע שטרענגע שוואַרצע אויגן, און געוואָלט אַ שטומע תשובה ביי זיי אַרויסבאַקומען פאַרוואָס אויך ער האָט זי פאַרלאָזן.

וואָס מער זי האָט אין זיינע אויגן אַריינגעקוקט, אַלץ שטרענגער זענען זיי געוואָרן, דער געהיימניספולער שמייכל וואָס איז געלעגן אַרום זיינע ליפּן פאַר־ביסענער, אַלץ מער פאַרוויקלט און אומפאַרשטענדלעכער איז פאַר איר זיין גאַנצער וועזן געוואָרן.

פאַרוואָס, אַ פאַרוואָס בין איך אַזוי עלנט ? האָב איך אים דען נישט געוואָלט אַלץ אַוועקשענקן, און וואָס וואָלט איך דען נישט געווען פאַר אים געטאָן ? אָבער ער האָט זיך דאָך פון אַלעם אָפּגעזאָגט,— און אירע טרערן זענען געריבען אי־בער אירע זילבער בלאַסע באַקן.

זיין פאָטער, אַ רייכער רוסישער וואַלד סוחר, האָט אים יעדן חודש פּינקט־לעך זיין געלט געשיקט, אַזוי אַז ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט אין פינאַנציעלער הילף געניטיקט ; און זי האָט ער אויך צו ריין געליבט און דערפאַר זי פּשוט ווי אַ לילי אָפּגעהיטן, נישט געלאָזן קיין שטויבל אויף איר פאַלן...

און זי דערמאָנט זיך אָן אַ שטילן פאַרגאַנגענעם האַרבסט טאָג — — —

אַ קיל דין רעגנדל האָט אָן אויפהער געקאַפּעט.

זי איז האַרט נעבן זיין אָרעם געגאַנגען.

אַ ווילע זענען זיי פאַר אַ קינאָ שטיין געבליבן און די רעגן דורכגענעצטע פּלאַקאַטן אַדורכגעלייענט : „לע מיזעראַבל".

ער האָט זיינע טריקע אויגן אויפגעהויבן און זיך ליב צו איר געווענדט :

אפשר האָט איר חשק אַריינצוגיין, ס׳מוז דאָך אַ הערלעכער פילם זיין, לויט דעם וואונדערבאַרן טיף מענטשלעכן אינהאַלט וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט אין דעם ווערק אַריינגעגאָסן, איר וועט באַשטימט נישט קיין חרטה האָבן.

זי האָט אַ ווײַלע געישוב׳ט און ניט גאַנץ אַנטשלאָסן געענטפערט: נײַן, ליבער ווײַטער שפּאַצירן אַז איר האָט געדולד און צײַט...

און זיי האָבן געשפּאַצירט אין טיף גרויען נעפּל נעבן דער האַרבסטיק טרי־בער „איזאַר״, פאַרבײַ דורך די אײַנזאַמע און מיט בלעטער באַלייגטע אַלעען, וואָס האָבן זיך ווי אַ רויט גאָלדן פאַר׳כשופ׳טער שלאַנג געצויגן.

פּלוצים איז ער שטיין געבליבן און אויסגערופן מיט דער האַנט ווײַזנדיק:

זעט איר אָט דעם באַלקאָן דאָרט, וואָס אַרום מיט די גריכישע סקולפּטורן? דאָ וווין איך. ווען איר וואָלט מסכים געווען וואָלט איך אײַך אַ ביסל צו מיר פאַרבעטן.

נו, וואָס שווײַגט איר עפּעס אַזוי מאָדנע, רבקה׳לע?

מתחילת איז זי ווי נשתומם געבליבן, איר האַרץ האָט אַ טיפן ציטער גע־טאָן; נאָר באַלד האָט זי זיך מישב געווען און מיט אַ קורצן און שנײַדנדיקן נײַן געענטפערט.

זי האָט דאָס פּנים פון אים אָפּגעווענדט, איר שטים האָט געציטערט פון אויפרעגונג:

וואָס מיינט איר דען ווער בין איך דאָס? באַלד האָבן זיך אירע אויגן מיט טרערן אָנגעפילט.

ער איז שטיין געבליבן אַ באַליידיקטער אין אַ פּײַנלעכער סיטואַציע, אַרויסגערופן פון זייער בייזהײַנס מיספאַרשטענדניס; און מיט אַ אומבאַהאָלפע־נער פאַרביטערונג אויסגעשטאַמלט: וואָס, צו מיר האָט איר מורא אַרויפצוגיין, פאַר מיר האָט איר מורא?

אין זײַן טאָן האָט זיך דערפילט אַן אומשולדיקער כעס און דערנידעריגונג, וואָס האָט אים זײַן צונג ווי אָפּגענומען.

זי האָט אויף איינמאָל דערפילט אַז זי האָט אים באַעולה׳ט...

ער האָט זיך אפשר ניט גוט אויסגעדריקט, אָבער זי האָט לחלוטין פאַלש זײַנע ווערטער אויסגעלייגט.

באַלד האָט זי זײַן האַנט אין איר ווייך העגטל אַרײַנגענומען, זי צום האַרצן דריקנדיק ווילנדיק ווידער אַלעס גוט מאַכן, און זי האָט געמורמלט: זײַט דאָך ניט בייז אויף מיר, איך האָב אײַך נאָר פאַלש פאַרשטאַנען, אַן אומריכטיקן זין אין אײַערע ווערטער אַרײַנגעלייגט. איך בעט אײַך און זײַט מיר מוחל, איך בין שולדיק.

זי האָט זײַן האַנט פעסטער צו איר האַרצן צוגעטוליעט, אָבער ער האָט נאָך מיט מער כעס און פאַרביטערונג זי אַרויסגעריסן.

זי איז שטיין געבליבן אַ הילפלאָזע ווי אַ געשלאָגן קינד...

באַוויגן פון אַ טיפן געפיל, האָט זי פּלוצים אירע אויגן אויף אים אויפגע־הויבן,— און ער האָט דערשפּירט אויף זיך אירע לאַשטשענדיקע בליקן.

קומט, קומט, איך וויל צו אײַך אַרויפגיין...

ער האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר זײַן גאַנצער וועזן איז עפּעס מיט אַזאַ

נצחונדיקער גליקזעליקייט אַנגעפילט געוואָרן, אַז ס׳האָט זיך אים פּשוט גע־גלוסט אויפצויובלען פאַר פרייד.

אַ באַרואיקטער און צעפרידענער איז ער מיט איר צו זיך אַהיימגעגאַנגען.

זיין צימערל איז געווען אַ קליינער, אָבער פיין אויסגעמעבלירט מיט אַלט דייטשן מעבל. אויפ׳ן דיל איז געלעגן אַן עכטער פערזישער טעפּיך. אַרום אַ רונדן טיש, אויף וועלכן אַ קינסטלעריש געהאַפטענע דעקע איז געלעגן, זענען וויכע פּליוש שטולן געשטאַנען. פון די ווענט האָבן מיט אַ טיפן ערנסט ביל־דער פון ניטשע און געטען אַראָפּגעקוקט. אויפ׳ן שרייב־טיש, וואָס האָט זיך גע־פונען נעבן פענסטער, זענען צוויי בראָנז־פיגורן פון בעטהאָווענען און מייסטער דירער געשטאַנען. אָן אַן אַלט כינעזישע וואַזע מיט האַרבסט בלומען איז געווען אָנגעלענט די איידעלע שלאַנקע מאַרטירער געשטאַלט פון דעם פרי פאַרשטאָר־בענעם אַנאַרכיסטישן אַרבעטער פּאָעט דוד עדעלשטאַט.

רבקה׳לע איז שעמעוודיק און שטיל ביי דער טיר שטיין געבליבן.

רויזיקע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן איר שמאָלן פּנים אַ באַזונדערן רייץ צוגעגעבן.

רבקה׳לע, רבקה׳לע, האָט ער זיך צו איר געווענדעט: וואָס זענט איר עפּעס שטיין געבליבן כעני בפתח? קומט, מאַכט אייך דאָך אַ ביסל באַקוועם, ציט אייער מאַנטל אויס, זעצט אייך אַוועק, פילט אייך ניט אַזוי פרעמד ביי מיר, זייט היימישער, מיר זענען דאָך עפּעס באַקאַנטע און אייגענע מענטשן.

אומזיכער האָט זי איר מאַנטל אויסגעצויגן און געבליבן זיצן מיט פאַרלייג־טע הענט אין איר שוואַרץ סאַמעטענער בלוזקע אויף אַ וויכן פאָטעל.

רובינשטיין האָט זיך אויף אַ קורצער וויל פון איר אַנטשולדיקט, אָבער באַלד אויף אַ קרישטאָל זילבער באַצירטן אויפוואַרטער מאַנדל קיכלעך מיט גאָלד־טרויבן אַריינגעבראַכט.

איר וועט אודאי אייך אַ טיי טרינקן, באַלד וועט ער קומען, שוין ביי מיין בעל־הבית׳טע באַשטעלט. הערוויל עסט, רבקה׳לע, די טרויבן זענען זיס ווי צוקער און זער זאַפטיק.

עסט, עסט, איך האָב ביי אייך אין דער היים שוין מער געגעסן, און בין גליקלעך אַז איך קען זיך אויך אַמאָל כאָטש מיט אַ קלייניקייט רעוואַנזשירן.

רבקה׳לע האָט נערוועז אירע שלאַנקע פינגער אויסגעשטרעקט און איייניקע טרויבן אָפּגעריסן.

דערוויל איז רובינשטיין אַ צעטראָגענדער פון איר שיינקייט און נאַטקייט אין זיין חדר׳ל אויף און אָפּ געגאַנגען,— און שמערצלעך זיינע סעקסועלע באַ־גערן אין האַרצן פאַרבאָרגן...

פּלוצים האָבן זיך זיינע אויגן אָן דוד עדעלשטאַט׳ס בילד אָנגעשפּאַרט און ער האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ ציטערדיקער שטים:

וואָס האָט איר געמיינט, רבקה׳לע, איך האָב אייך דאָ צו מיר געוואָלט אַרויפנאַרן צוליב ביליקע תשוקות? אַ, ניין, ניין, דערפון בין איך ווייט, גאַנץ

וויט... (האָט ער זיך ווי אַליין סוגעסטירט) איך האָב איך מיט אַ כיון צו מיר אַרויפפאַרבעטן, כדי איך איינמאָל דעם גאַנצן אמת מגלה צו זיין — פּלוצים האָט זיך זיין שטים אָפּגעבראָכן, זיין פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קרייד, און זיינע פינגער האָבן פיבערדיק צו ציטערן אָנגעהויבן.

רבקה׳לע איז אַ דערשראָקענע אויפגעשטאַנען און אים ווי אַ מאַמע פאַר דער האַנט גענומען בעטנדיק: רובינשטיין, וואָס איז מיט איך? איר האָט מיר דאָך שוין מוחל געווען, איז וואָס האָב איך דען ווידער חוטא געווען, זאָל איך אפשר גיין? — און אירע ליפּלעך האָבן זיך צום וויינען פאַרצויגן.

רובינשטיין האָט איר קאָפּ ווי אַ טייב אין זיינע הענט אַריינגענומען און אירע ליפּן צו די זייניקע מיט אַ הייסן לאַנגען קוש צוגעפּרעסט.

אָוועקזעצנדיק זיך מיט איר אויף דער אָטאָמאַנע, וואָס איז נעבן שרייב־טיש געשטאַנען, האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען: געטאָן האָט איר מיר גאָרניט, מיין קינד, באמת ניט, און איך האָב איך ליב מיט דעם גאַנצן כח פון מיין נשמה, מיט דעם גאַנצן אמת פאַר וועלכן איך לעב... און אָט דאָס מאַכט מיך אַזוי אומ־גליקלעך און טרויעריק, ווייל עס וועט אתנז צו גאָרניט פירן... מיין דאָקטאָר־דיפּלאָם וועל איך זיכער אָן וועלכע ס׳איז מניעות באַקומען, ווייל מיט אַ רייכן טאַטנס געלט און אַ ביסל אייגענער ענערגיע גייט מען שוין סוף כל סוף ניט לאיבוד... אָבער מיינט איר דען אַז דאָס וועט פאַר מיר גענוג זיין אַז איך זאָל דערמיט קענען אַ גאַנצן לעבן אויספילן? אפילו אַ גוטע פּראַקסיס, אינסטרו־מענטן, מיט אַ באַקוועמע היים, קען מען אויך פאַר אַ טאַטנס געלט הערגרייכן, אָבער ניט קיין נשמה רו און פאַרווירקלעכטע אידעאַלען... און אַזוי לאַנג ווי מיין פאָלק וועט זיין געקוועלט און פאַראַמירט, און מיין ברודער אַרבעטאָרער אויסגעזויגט פונ׳ם קאַפּיטאַל און פאַרשפּאַרט אין די צאַריסטישע תפיסות, וועט מיין נשמה קיין מנוחה ניט האָבן. מיט אַ פיליסטעריעזן קליין בעל־הבתישן פאַ־מיליען־גליק וועט עס מיר צו ענג זיין, רבקה׳לע! אָ, ביי מיין גרעסטער ליבע צו איך, וועל איך איך מוזן פאַרלאָזן, ווייל מיך רופט עפּעס גרעסערס, העכערס, אַן אידעאַל צו העלפן באַפרייען אַלע ליידנדיקע — ניט צו באַפרידיקן מיין אייגנליבע נאָר מיט אַ קאָנווענציאָנעלער חתונה...

יאָ, פאַר דעם הייליק גרויסן אידעאַל — פאַר וועלכן גאַנצע דורות זענען שוין אויף דעם שייטערהויפן געגאַנגען, און ווער ווייסט וויפיל דורות ס׳וועלן נאָך מוזן פאַר אים אויף דעם שייטערהויפן גיין, ביז ער וועט פאַרווירקלעכט ווערן; אָט פאַר דעם ליכטיקן אידעאַל לעב איך; און איבער מיין לעבן און ליבע צו איך, וועל איך צו אים גיין...

רבקה׳לעס קאָפּ איז ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל אויף זיין ברוסט געפאַלן און אירע ליפּלעך האָבן געפליסטערט: דאָן ליבט איר דאָך אייער אידעאַל, ניט מיך...

זיינע אויגן האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן און זיין שטים האָט אַ מעטאַליש הארטן קלאַנג באַקומען: יאָ, יאָ, ס׳איז וואָר, ווייל יעדעס באַשעפעניש מוז

פאַרגיין און נאָר דאָס גייסטיקע וואָס ער באַשאַפט בלייבט באַשטיין...

איך ווייס מיין סוף וועט אַ שלעכטער זיין, פריער אָדער שפּעטער וועל איך אויף דער תליה, אָדער אין סיביר ענדיקן... און כאָטש איך ליב איך מיט'ן גאַנצן אמת פון מיין נשמה, אָפט נאָך שטאַרקער ווי מיין אידעאַל,— וועל איך איך פאָרט מוזן פאַרלאָזן, און מיר אַנשטאָט דעם באַקוועמען וועג, דעם געפערלעכן אָפּהאַנג אויסוויילן, וואָס פירט מיך איבער אייער ליבע, צו מיין ליידנדיקן פאָלק, און מיינע אונטערדריקטע ברידער אַרבעטאָרער אין רוסלאַנד...

דער טיי וואָס זיין בעל הבית'טע האָט דערווייל געהאַט געבראַכט איז אין צווישן שוין פון לאַנג קאַלט געוואָרן.

און רבקה'לע דערמאָנט זיך ווייטער: אין אַ קורצע צייט אַרום, ווי ער האָט נאָר געהאַט זיין דאָקטאָר טיטל באַקומען, איז גלייך אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטיש פאַרפאָלגטע און געפאַנגענע אַרויסגעגאַנגען; און זיין אַלטע מוטער, פון וועלכער ער האָט טאָג־טעגלעך תחנונים'דיקע בריוו באַקומען, האָט שוין קוים די מינוט געקענט דערוואַרטן, ווען איר אייניציקער טייערער זון וועט ווידער ביי איר זיין, זי האָט דערפאַר ניט געזשאַלעוועט קיין טויזענטער רובל אַבי איר ליבסטען ביי זיך צו האָבן...

ביז איינמאָל אין אַ שטילן פרימאָרגן האָט אים רבקה'לע צום באַן אַרויסבאַגלייט, און אים אַ קליין בוקעטל מיט רויזן דערלאַנגט.

ער האָט עס ביי איר צוגענומען אָן סענטימענטן, און איר אַ חברישע האַנט אויף ווידערזען אויסגעשטרעקט,— אויף אַ ווײַלע זי נאָר צו דער ברוסט ־־־ געצויגן און איר אַ קורצן קוש אויף די ליפּן געטאָן.

באַלד דערנאָך האָט דער צוג־פירער שאַרף אָפּגעפּיפן, רבקה'לען האָט אַ ווייל אויסגעדוכט אַז רובינשטיינ'ס אויגן ווערן עפּעס גרעסער ווי תמיד, דערווייל האָבן די ריזן־לאָקאָמאָטיוו־רעדער אָנגעהויבן מעכאַניש זייער עבודות ממלא צו זיין, אָבער באַלד האָט דער לאָקאָמאָטיוו־דאַמף אַלעס איינגעהילט...

זי איז אים נאָך אַ שטיקל וועגס נאָכגעלאָפן די האַנט דריקנדיק און בעטנדיק ביי אים: ער זאָל דעם עיקר ניט פאַרגעסן און איר באַשטימט גלייך שרייבן, טאָקע באַלד פון נאָך דער גרענעץ, ווייל די גרענעץ איז דאָך דאָס וויכטיגסטע.

און ער האָט איר געענטפערט מיט זיין אייביקן פאַרביסענעם שמייכעלע אויף די ליפּן — באַשטימט, זיכער, איך וועל עס ניט פאַרגעסן, אַדיע, רבקה'לע, לעבט גליקלעך, מיין טייערע, אויף ווידערזען, אויף ווידערזען...

זי האָט נאָך לאַנג מיט איר ווייסן טיכל אים נאָכגעוואונקן, ניט פילנדיק ווי די טרערן זענען איבער אירע באַקן גערונען און אויך ניט באַמערקנדיק אַז דער צוג איז שוין לאַנג געווען פאַרשוואונדן...

רבקה'לע האָט רובינשטיינ'ס בילד צוריק אַריינגעלייגט אין איר בריווקעסטל און שטיל פאַר זיך געשעפּטשעט: אָ, רובינשטיין, רובינשטיין, מיין האַרץ און נשמה האָסטו ביי מיר ווילנדיק, אָדער ניט ווילנדיק, צוגענומען, אָבער מיין גוף האָסטו מיר הייליק און אומבאַרירט צוריקגעלאָזן, כאַ, כאַ, כאַ!

און וואָס איז מיר נאָך דיר פֿאַרבליבן ? פֿאַר דער גאַנצער גליקלעכער צייט וואָס מיר האָבן בייناנד פֿאַרבראַכט, מער ניט ווי אַ פּאַפּירענע פֿאַרבליכטע פֿאָטאָגראַפֿיע, מיט נאָך אַן איינציק קאַרטל פֿון נאָך דער גרענעץ וואָס דו האָסט מיר פֿון אונטערוועגס געשריבן, און זייט דאַמאָלט, — אַך גאָט, ווי שווער דאָס איז צו דערטראָגן...

זי האָט דאָס קעסטל פֿאַרמאַכט, די טיר ווידער אויפֿגעשלאָסן און ווייס ווי אַ קאַלך אינעם צווייטן צימער אַרײַנגעגאַנגען.

— אוי, רבקה׳לע, רבקה׳לע, שיין ווידער אַזוי שפּעט אויפֿגעשטאַנען און די מאַמען ניט געהאָרכט, מן הסתם ווידער די אויגן זיך אויסגעוויינט און דעם קאָפּ צעבראָכן וועגן אים, ערשט פֿון קראַנקבעט אַראָפּ און נאָך אַלץ ניט גענוג געווען...

— אוי, טאָכטער, טאָכטער, קוק זיך בעסער אָן וועסטו דערזען דיין גרין און געל פּנים, שטיקער פֿאַלן פּשוט פֿון מיר ווען איך דערזע דאָס... אַ כּלה־מיידל מישטיינסגעזאָגט, שוין איבער 20 יאָר אַלט און זאָל אַזוי קיין חס ניט האָבן אויף זיך און דער מאַמען. די גאַנצע וואָך ווייסטו דאָך בין איך פֿאַרוואָגלט און פֿאַרשוואַרצט, שלעפּ זיך אַרום אין די דערפֿער, קלאַפּ אין אַלע טירן, גיי מיר די פֿיס אָן, אַרבעט מיט שווייס און בלוט כּדי איך מפֿרנס צו זיין, ס׳זאָל איך חלילה גאַרניט פֿעלן. דער טאַטע אייערער, מישטיינסגעזאָגט, ווייסטו דאָך אַליין וואָס׳אַראַ עול פּרנסה ער טראָגט אויף זיך... דעם גאַנצן טאָג זיצט ער אין קאַווע־הויז און שפּילט אין קאָרטן מיט נאָך אַזעלכע פּרושניאַקעס ווי ער, און די אָרימע וועלימלעך וואַלגערן זיך נעבעך אָן אַ טאַטע מאַמע אויף דער גאָס אַרום, וועסטו דאָך זיכער מיינען אַז איך בין אַ ליאַדע ווער פֿון דער היים; זאָג איך דיר, אַז איך בין אין בלוט און אין מילעך אויפֿגעצויגן געוואָרן, קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער ניט אַריינגעטאָן, דער טאַטע האָט געהאַלטן אַ קוילן סקלאַד און די מאַמע האָט געהאַט משרתים...

געקומען אין „יעקע־לאַנד" דאָ מישטיינסגעזאָגט אויסגעריסן צו ווערן, צו שלעפּן אויף זיך דעם שווערן קויש מיט טיכלעך, זאָקן, העמדער און לייבלעך, וואָס זאָל פּשוט די פּלייצעס אַרונטעררייסן און צוריקלאָזן בלוטיק בלויע צייכנס אויפֿ׳ן לייב פֿון די האַרטע לעדער רימענס. יעצט אַז די עלטסטע טאָכטער, מיין איינציקער משגיח איבערן הויז, האָט אַנדערע דאגות, איז ווער דען זאָל זיך אויף די אָרימע וועלעמלעך אומקוקן ? וויפֿיל מאָל האָב איך דיך שוין ניט געבעטן דו זאָלסט פֿאָלגן אַ מאַמען און אָוועקלייגן דיינע נאַרישקייטן, וועסטו זען אַז דער וואָס כ׳בין נישט ווערט צו מעלדן וועט דיר העלפֿן, און דעם אמת׳דיקן זיווג מן השמים צושיקן. מן הסתם ברויכן מיר ניט קיין דאָקטוירים אין אונזער משפּחה, אודאי איז עס דיר ניט באַשערט געווען. מיר זענען פּשוט׳ע מענטשן און וועלן שוין געפֿינען אונזערס גלייכן, מען קען זיך ניט צערייסן, אפֿשר האָט ער שוין גאָר חתונה געהאַט, האָסטו געזען ווי זי נעמט זיך דאָ דאָס לעבן פֿאַר אים ?...

אַזאַ יאָר שוין צו מיר ס׳אַראַ ווילער מענטש פינקעלשטיין איז, אַ יונגערמאַן מיט גילדענע הענט, מאַכט די בעסטע געשעפטן, קען מפרנס זיין אַ פרוי שוין אַזאַ יאָר צו מיר, און היינט ווי פאַרליבט ער איז עס אין דיר, דאָס ווייסט דאָך אויך שוין יעדעס קינד אין שטאָט... ווו וואָלט ער הען פאַר דיר ניט געלאָפן, אפילו אין פייער אַריין, דיר דאָס טעלערל פון הימל געבראַכט, אַבי נאָר דיר זאָל גוט זיין.

— מאַמע, מאַמע, איך בעט דיך, איך ווייס שוין אַלץ... הייב נאָר ניט ווידער פון נייעם אָן... דו ווייסט גאַנץ גוט ווי ווי דו טוסט מיר מיט אַזעלכע רייד, איך האָב דאָך אפילו ניט קיין וואָרט דערמאָנט פון אים, כ׳ווייס גאָרניט וואָס ־ז ווילסט פון מיר האָבן, נעכטן נאָר אַ ביסל שפּעטער שלאָפן געגאַנגען ווייל כ׳האָב זיך אין אַ אינטערעסאַנטן בוך פאַרלעזן, אָבער אים האָב איך אפילו ניט אין זינען געהאַט...

— אוי, רבקה, רבקה, אַ מאַמען וועסטו ניט אָפּנאַרן, איך לייען דיר דאָך אַלעס פון דער נאָז אַרונטער. מישטיינס געזאָגט סודות האָט מען פאַר מיר, ווער אַרבעט און ווערט אויסגעריסן, אַז דיר זאָל נאָר חלילה גאָרניט פעלן? די מאַמע; איז ווער דען זאָל דיר אַ דעה זאָגן אַז ניט איך,— ווער מיינט עס דיר דען נאָך אַזוי גוט ווי איך, ווער לײדט און ברעכט זיך דעם קאָפּ פאַר דיר?— איך הייב שוין ווידער אָן, איך טו איר ווי מיט מיינע רייד, מישטיינס געזאָגט... אוי, רבקה, רבקה, וועסט זען ווי דו וועסט אַמאָל אויסזען אָן הער מאַמען... איך, נאַרישע בהמה, בין ווערט מ׳זאָל מיר געבן היי צו עסן, וואָס צערייס איך זיך דאָס אַזוי פאַר די ממזרים? זיי זענען עס ווערט, צאָלן עס צוריק. אַז מען האָט אַזאַ מאַן, רבונו של עולם, מוז מען אַלעס מקבל באהבה זיין, אין זיך אַריינפרעסן,— און זי האָט זיך צעוויינט מיט גרויסע ביטערע טרערן.

— אַך, מאַמינקע, האָט רבקה׳לע מיט אַ געמאַכטער פריילעכער שטים אויסגערופן: אויף מיין חתונה וועסטו דערפאַר טאָפּלט אַזוי פיל טאַנצן, און איצט גיב מיר בעסער אַ הייסן טעפל קאַווע — און רבקה׳לע איז געפאַלן אויף איר מוטער און זי ליב און האַרציק ווי אַ קליין קינד אויסגעקושט.

2

אין דרויסן האָט דער שניי געפינקלט און געגלאַנצט, ווי צעשטויסענע בריליאַנטן, און אַ ווייכע בלאַסקייט אין רבקה׳לעס חדר צעשפּרייט.

מיט דער זעלבער בלאַסקייט פונם ווינטער בין־השמשות איז אויך איר פנים איינגעהילט געווען. מיט פאַרלייגטע הענט איז זי נעבן פענסטער געשטאַנען, איר צאַרטער מיידלישער בוזעם האָט זיך שווער באַוועגן, אירע פאַרחלום׳טע אויגן האָבן עפּעס געזוכט און אומזיכער אין דער גאָרטן־אַלטאַנע אַרומגעזוכט, געבלאָנקעט אויף אַלע שטעגן, געקוקט אויף יעדער באַנק וואָס

זי איז אַמאָל געזעסן מיט אים און העגנען געבליבן אויף אַ פאַרשנייט צווייגל ווי מידע פייגעלעך, הערמאָנענדיק זיך אַלט פאַרגאַנגען גליק...

נאָר פון צייט צו צייט האָט זי דער קלויסטער־גלאָק פון אירע איינזאַמע חלומות אויפגעוועקט, וועלכער פלעגט זיך תמיד מיט אַ האַלב מעלאַנכאָלישן בים־באָם צעקלינגען, און תמיד ווען הער גלאָק פלעגט אַזוי קלינגען, האָט זי זיך דערמאָנט אַז עס ווערט שפּעטער און באַלד וועט דער אָונט קומען.

אָבער גאַנץ אָפט האָט איר אויך אויסגעדוכט אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איז מער ניט ווי אַן איינזאַמער קלאַנג,— וואָס שוועבט אַרום אין דעם חלל פונם גלאָק, און ציטערט, שרעקט זיך ניט אויסגעקלונגען צו ווערן...

און פאַרט ציט אים עפּעס ווי אַן אינערלעכע תאוה צו זיין אייגענעם סוף... ביז אומדערוואַרט און צוטומלט פון אַ פרעמדער האַנט באַוויגן צעקלינגט ער זיך...

אַזוי טראַכטנדיק איז זי טאַקע איינמאָל געקומען צו דעם באַשלוס, אַז יעדע נשמה שוועבט אַזוי אַרום אין דעם גרויסן מורא'דיקן גלאָק פון דער וועלט; און לעבט ניט זיין אייגענעם לעבן... און וואָס אַמאָל איז זי ביי זיך זיכערער געוואָרן, אַז באַלד, באַלד, וועט אויך קומען די צייט, ווען דער מורא'דיקער גלאָק פון אַן אומבאַקאַנטער האַנט באַוויגן, וועט זיין לעצטן בים־באָם אויס־קלינגען, און נאָר אויף אַזאַ אופן וועט ענדלעך אַמאָל פאַרשטומט ווערן דער גאַנצער זינלאָזער חשק צום לעבן...

אין אַזעלכע מינוטן איז איר אויף הער נשמה תמיד לייכטער געוואָרן, ווייל זי האָט זיך אויך געטרייסט דערמיט, וואָס אייגנטלעך ליידט, ליבט און האָפט דאָך יעדער ביז ער ווערט אַנטוישט, און קודם לעבן איז דאָך נאָר אַזוי פון אַנטוישונגען און ליידן אויפגעבויט,— די קורצזיכטיקע זעען עס נאָר ניט, די אומוויסנדע ווייסן עס ניט, און די פאַר'שכור'טע פילן עס ניט; דערפאַר קענען זיי אַלע אַזוי גליקלעך לעבן; אָבער די אויסגעניכטערטע נשמות טראָגן אַלע נאָר אַן אייביקע אומרו און ווייטיק אין האַרצן, און אפשר אין דעם וואָס זיי זע־נען אַמאָל ניט אומגליקלעך באַשטייט זייער גליק; דערפאַר דאַרפן די ליידנ־דיקע זיך מער אַכטן און שעצן, ווי עס טוט עס דאָס לעבן, ווייל זיי שטייען אַ סך העכער הערפון...

ניט איינמאָל האָט זיך רבקה'לע טאַקע העכער און גרעסער דערפילט אין אַזעלכע מאָמענטן איז איר פינקעלשטיינ'ס גאַנצער וועזן נאָר ווי אַ טראַגישע קאַריקאַטור פאַרגעקומען...

אַ הויכער געזונטער יונגערמאַן, מיט קרעפּטיק ברייטע פלייצעס, פעסטע מוסקלדיקע הענט, מיט אַ רויט געלאָקטן קאָפּ, דאָס איז געווען פינקלשטיין. ווען ער פלעגט רעדן, האָבן זיינע דיקע ליפּן זיך תמיד געסלינעט און האַלבע ווער־טער פאַרשלונגען, אין זיין גאַנצער גבורה איז עפּעס אַ טיפע אומבאַהאָלפנקייט פאַרבאַהאַלטן געלעגן, און אָפטמאָל רבקה'לען פשוט ביז טרערן גערירט, ווייל פאַר איר האָט ער זיך תמיד געזוכט צו צירן, געזוכט אויסצואיידלען מיט אַזאַ

פיינקייט, וואָס האָט נאָך אַ משונה׳דיקערע האַלטונג זיין גאַנצן וועזן צוגעגעבן...

אויף איינמאָל איז זיין שריפט אים פאַרמיאוסט געוואָרן, איז ער געלאָפן צו אַ קאַליגראַף זיך לערנען שיין שרייבן.

רבקה׳לען האָן פון אונטערוועגס ראָמאַנטישע אַנזיכטס קאַרטן צוגעשיקט, מיט אַן אויסגעצאַצקעטן אויסגעטאָקטן אַדרעס, און גרוסן מיט אַ פלינק גע־שריבענעם כתב־יד איר אַהינגעשליידערט, ווי אַ אמת גרויסער שרייבער. באַזונ־דערס זיין אונטערשריפט, די דאָזיקע האָט ער מיט זיין גאַנצן שיינקייטס זין אַ צעפיר געטאָן איבערן קאַרטל, זאָל זי איינמאָל זען און וויסן, אַז זי האָט עס ניט מיט אַבי וועמען צו טאָן, נאָר מיט אַן אינטעליגענטן און געבילדעטן מענטשן...

אַהיימקומענדיק יעדן דאָנערשטיק אָונט, פון דער אַ גאַנצער וואָכיקער רייזע, איז ער גלייך צום פריזער געלאָפן, זיך געלאָזן דעם פנים און נאַקן פיין אויסראַזירן, די האָר קינסטלעך לאָקן, און דאַן לעבעדיק לוסטיק אַהיימגעגאַנגען.

אין דער היים האָט ער זיך ערשט ריכטיק אויסגעשטראַנצלט, אָנגעטאָן פרישע וועש, דעם נייעם בלוי־גרוי געקעסטלטן פיינעם שעוויאָט אַנצוג מיט דער וויינרויטער קראַוואַט, זיך שפּאַרעוודיק אויסגעפּערפּיומירט, אפילו די שיך און זאָקן מיט אַדעקאָלאָן באַגאָסן,— אַזוי, אַז אַמאָל איז אים אפילו פון דעם זער שטאַרקן דופט שיר ניט גוט געוואָרן, אָבער דאָס איז נאָר אַ קליינע מניעה גע־ווען, דער עיקר איז — זי זאָל זען אַז ער איז אַ קאַוואַליער, מיט אַ פיגערלע וואָס שמעקט אַוועק...

אויף זיין טאַליע האָט ער פשוט ווי אַ מיידל מדקדק געווען, ווייל דאָס, פלעגט ער זאָגן, איז פונקט אַזוי ווי אַ לייצע וואָס ציט צו אַ מויד צו זיך. ניט בחינם פלעגן דאָס די עסטרייכישע אָפיצירן און סטודענטן זיך אַזוי צו שנירן און מידערן די טאַליעס.

ביי רבקה׳לעס עלטערן פלעגט ער זיך תמיד גאָר היימיש צו פילן, ווייל דאָרט איז בכלל אַן אָפן הויז פאַר אַלע לאַנדסלייט און בפרט פאַר די וועש־רייזענדערס געווען. דאָרטן פלעגט מען אים תמיד וואַרעם מקבל פנים זיין, מכבד געווען מיט פאַרשיידענע היימישע מאַנקיכלעך, אַ גוט גלעזל שליוואָוויץ, אָדער אַ הייס גלעזל טיי מיט סירופ. אָפטמאָל אַזוי געשמאַק קייענדיק די מאָן־און קעזקיכלעך, פלעגט ער מיט שווישטשענדיקע אייגעלעך אַרויסציען פון זיין בריוטאַש די „אויפטראַגסשיינען״ פון דער גאַנצער וואָך... און בשעת מעשה ביי רבקה׳לעס מוטער מיט אַ וווילינגישן קול אַ פרעג צו טאָן: אַנו, טרעפט אָקאָרשט, פרוי ווערנער, פאַר וויפיל איך האָב די וואָך כתנתלעך פאַרקנאַקט? טרעפט, פרוי ווערנער, אַזוי זאָלט איר מיר זיין געזונט און האָבן אַ גוט יאָר!

אָבער הערר פינקעלשטיין, ווי קען איך דען טרעפן?— האָט רבקה׳לעס מוטער רויט ווערנדיק אַ ביסל צו שטאַמלען אָנגעפאַנגען — אַי, איר פּפּאַר־לאַנגט פון מי־מיר צופיל... (ווייל דער ענין איז איר זער נוגע געווען מחמת פינקעלשטיין האָט פאַר איר געדרייזט).

אָבער פרוי ווערנער, האָט פינקעלשטיין נאָך אַמאָל אָנגעהויבן: איר מוזט,

איר מוזט טרעפן, אַז ניט בין איך באַליידיקט ווי כ׳בין אַ ייד! (און ער האָט אַ וואָליע אַרויף געגעבן אויפ׳ן טיש זיין ברווטאַש מיט אַלע שיינען) שעמט איך ניט, פרוי ווערנער, אפשר פאַר 200 אָדער 300 מאַרק? טרעפט, טרעפט, ס׳איז היינט ניט אַזוי פויגלדיק אין דרויסן...

איך וויס, איך ווייס, אָבער פאַר איך האָב איך קיין זאָרג ניט, האָט אים רבקה׳לעס מוטער אונטערגע׳חנפ׳עט: אודאי פאַר 500 מאַרק — האָב איך גע־טראָפן?

איר איבערשעצט מיך, פרוי ווערנער, האָט פינקעלשטיין מכלומרשט אַ האַלב ברוגזע און באַליידיקטע מינע געמאַכט, און גלייך דערנאָך מיט אַ היל־כיקן זעלבסטבאַוווסטן קול אויסגעשאָסן: און פאַר 1000 מאַרק איז שלעכט?

וואָס, פאַר טויזנט מאַרק? איך גלויב דאָס ניט, הערר פינקעלשטיין, ס׳איז ניט מעגליך, איר שפּאַסט.

אַזוי זאָל איך זיין געזונט מיט איך און אייערע קינדער, פאַר גאַנצע 1000 קנאַקערס, אַזוי ווי איך האָב אייער רבקה׳לען ליב! נו, וואָס זאָגט איר צו „יעקע־פּאַץ״? אַ מהומה דאָס אַ ביסל געווען אויף מיינע העמדלעך, האַ? ניטאַ אין ערגעץ מער די מציאה צו באַקומען... אוי, יעקל, יעקל, איז דאָס דיר אַ מדינה, מ׳קען פשוט צעפּלאַצט ווערן פאַר גליקלעכטער, איבער מתים וועלן זיי דיר לויפן ווען זיי ווילן עפּעס קויפן.

רבקה׳לע פלעגט בשעת אַזעלכע געשעפטלעכע שמועסן, אָדער אָפּגעכ־נובגען, זיך זעלטן וויזן, נאָר געווענלעך אין אַן אַנדער חדר זיך אויפצוהאַלטן איינחזרנדיק אירע געזאַנג לעקציעס אַקאָמפּאַנירנדיק אויפ׳ן קלאַוויר.

דערנאָך פלעגט זי אַריינקומען פון טיש אַרונטערראַמען און צו נאַכטמאָל צוצוגרייטן.

פינקעלשטיין האָט שוין געוואַרט אויף דעם דאָזיקן מאָמענט, און תמיד געזען די געלעגנהייט אויסצונוצן דערציילנדיק איבער זיינע וווילוונגישע שטיק־לעך פון דער רייזע. ווי ער פלעגט דאָס די דאַרפס גלחים און לערער מיט ערמה אַזוי קינסטלעך אָנעקזעצען, דאַן געהייסן ווידער אויפשטיין, דעם בויך איינ־ציען און די ברוסט אַרויסשטרעקן ווי די זעלנער ביים מושטירן... דערנאָך ערשט מיט אַ צענטימעטער אויף אַ גאַר ראַפינירטן אופן זיי די מאָס גענומען, און זיי מיט כתנתלעך אויף אַ לאַנגע צייט מלביש ערומים געווען... אָבער קיינ־מאָל ניט — האָט ער זיך מיט שטאָלץ באַרימט — קיין קראַמף געשעפטן גע־מאַכט ווי דער קליינער זיינוועלע, וואָס האָט אַמאָל פון אַ 5 אַ 15 פאַרשריבן, און אַזוי אַרום אַן אַלטן אַפּטייקער מיט ניט מער און ניט ווייניקער ווי טאַקע גאַנצע 15 העמדלעך איינגעזייפט...

דער אַפּטייקער האָט זיך נעבעך געבעטן ביי אים, אָבער עס האָט אים גע־האָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, ער האָט געוויינט און געציילט...

דער קליינער זיינוועלע פלעגט דאָס גאַר גבורעדיק אַנצואַרבעטן: די רעכטע האַנט האָט ער תמיד אויף דער רייזע געהאַלטן פאַרבונדן, ס׳זאָל הייסן

ער קען ניט שרייבן, אין אמת׳ן איז ער טאַקע קיין גרויסער תקיף אין שרייבן ניט געווען, קוים געקענט זיין נאָמען אויפ׳חתמענען...

אַמאָל האָט ער אַזאַ ענלעך שטיקל אַרבעט מיט אַ בעקער אָפּגעטאָן, און נאָך יאָרן ווי עס מאַכט זיך אַמאָל על פּי טעות אין דעם דאָזיקן הערפּל ווידער פאַרבלאָנזשעט פאַרגעסנדיק די גאַנצע מעשה. האָט אים טאַקע דער בעקער דערקענט, און אַריינגעפירט צו זיך בכבוד גדול, אים אפילו מכבד געווען מיט אַ גוט גלאָז בייעריש ביר, דאַן אָבער אומבאַמערקבאַר שטיל די טיר און ס׳פענסטער פאַרמאַכט,— און זיך געוואָלט רעוואַנזשירן אים אויף אַן אמת ווי אַ לעבעל ברויט אין ברענענדיקן אויוון אַריינרוקן...

די מעשה וואָלט זיך טאַקע געווען זער מיאוס פאַרענדיקט, ווען דעם בעקער׳ס פלונית׳טע וואָלט ניט צופעליק אַריינגעקומען און דעם קליינעם זיינוועלע פון דעם גרויסן גליעדיקן אויוון געראַטעוועט...

הערפאַר האָט זיך פינקעלשטיין די גאַנצע זאַך גוט אין זכרון אַריינגענומען, עפּעס אַזעלכעס קיינמאָל ניט נאָכצוטאָן, כדי ניט דערנאָך אויך יוי דער קליינער זיינוועלע צו ווערן אַ סיבה פאַר „יידישע אויסוויזונגען“... זיינע געשעפטן און אפילו זיינע ממזר׳שע שטיקלעך קאָוועט ער תמיד מיט שכל אָן, אָבער ניט אומקאָרעקט. ווייל ער האָט אויך פיינט איינצורעדן אַ קונה די סחורה ווי אַנדערע רייזנדערס פלעגן עס טאָן, מחמת ער האָט געגני געוווסט: „אַזוי לייכט ווי „יעקעלע“ איז געווען צום קויפן, איז ער אויך געווען צום חרטה האָבן“. האָט מען דאַן געמוזט דעם קונה אָנקלאָגן, און אָנקומען צום געריכט — צווינגען דעם קונה די סחורה אַרויסצונעמען — איז, טויג דער גאַנצער עסק ניט. דערפאַר האָט ער בעסער אויף אַזאַ אופן גאָרניט אָנגעהויבן . . .

פרוי ווערנער׳ס בעקלעך האָבן זיך בשעת מעשה ווי ביי אַ כלה־מיידל געראָיטלט, פאַר הנאה, מחמת נאָר זי אַליין האָט פאַרשטאַנען וואָס׳אַראַ גבורות אין דעם האָט געשטעקט, און אויף רבקה׳לען כסדר געקוקט אויב זי האָט חס ושלום ניט אַ וואָרט אויסגעלאָזן, זיך געפּרעגלט אין נחת און פשיט כח צוגענומען, ווען רבקה׳לע האָט זיך אַמאָל פון זיינס אַ ווערטל אָדער אַ מעשה צעלאַכט.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך פינקעלשטיין אויך אַ וויאָלין געקויפט, און שווער געלט אַוועקגעצאָלט פאַר לערנען שפּילן.

אין דרויסן אויף דער רייזע, ווען ער איז פון דער אַרבעט אַהיימגעקומען, האָט ער אויפגעהערט ווי געוועלעך אין די טאַנץ לאָקאַלן זיך אַרומצוטליקן, נאָר גענומען באַלד איינצורעפּעטירן „שילערס גלאָקע“ אויף אויסנווייניק, זאָל זי זען אַז ער קען אויך דעקלאַמירן און איז ניט קיין פשוט׳ער אומוויסנדער רייזענדער... „ווערטערס ליידן“ האָט ער אויך תמיד ביי זיך געהאַט און שוין כמעט האַלב אויף אויסנווייניק געקענט. זאָל זי ניט מיינען אַז ער איז אַ גאָרניט, נאָר אַלץ יענער דאָרט, דער יאָקטער, פאָניע גנב, אַ שרפה אויף אים!

און איז ער זיך אַמאָל מיט רובינשטיינ׳ען צענויפגעקומען, איז אים ס׳האַרץ

פֿאַר כעס און קנאה שיר שטיין געבליבן, די פיס האָבן זיך ביי אים אָנגעהויבן וואַקלען, די הענט זענען ביי אים ווי צווי צעבראָכענע בוימער־צווייגן אַראָפּגעהאַנגען. דער קאָפּ האָט זיך אים ווי נאָך אַ שווערע משקה פֿאַרדרייט. ער האָט גאָרניט געוווסט ווו זיך אַהין צו טאָן,— אַ פֿאַרלאַנג אויסגעמישט מיט אַ ברענענדיקן ווייטיק האָט זיך ווי אַ שפּיז אין זיין מוח און נשמה אַריינגעגעבערט: נעמען דעם פֿאַרהאַסטן פּאָנישן יאָקטער, וואָס קען אפילו ניט רעכט דייטש רעדן, און אים דעם שאַרבן איינזעצן. אַזאַ פֿאַרחלעריטער ממזר, וויפֿיק נקבות האָט ער? דאַרף ער זי נאָך דערצו... און טאַקע זי, די כשר'ע צנועה, ווי קליין זי ווערט דאָס ווען זי דערזעט אים... אַמליבסטן וואָלט זי אין אים אַריינגעקראָכן, די פּאַסקודנע סוקע... נאָר ביי מיר איז זי אַ הייליקע, מאַכט אַן אָנשטעל ווי אַ מלאך'ל וואָס ווייס פֿון גאָרניט... און דאָ ליבט מען זיך, מען קושט זיך, און ווער ווייסט וואָס נאָך... אַ בייזע חאָלערע מעג זיי ביידע אַנידערלייגן, אַזעלכע צווויי פּרוזשניאָקעס! וואָס האָבן זיי דען צו טאָן? — זי אַ פיינע הויזטאָכטער מאַניקירט אַ גאַנצן טאָג די נעגל (אין כעס האָט ער אין גאַנצן פֿאַרגעסן אַז זי וואַשט די פּאָדלאָגעס, קאָכט און ציט די קינדער אויף). און ער, דער פיינער תכשיט, ברויך ער דען אַמאָל צו אַרבעטן? צייט און געלט האָט ער פֿאַר אַלדי שוואַרצע יאָר, איז וואָס דען זאָל ער טאָן? . . .

אין אַזעלכע מינוטן פֿלעגט אים רובינשטיין העפֿלעך און ליב באַגריסן: בו, הערר פינקעלשטיין, וואָס מאַכט עפּעס אייער קונסט?

— וואָס'אַראַ קונסט? — האָט פינקעלשטיין פֿאַר'תמ'ט ביי אים געפֿרעגט.

— איך מיין אייער וויאָלין, הערר פינקעלשטיין...

הגם די גאַל איז אים שיער פֿאַר האַס צו דעם חזיר'ישן יאָקטער צעגאַנגען, האָט ער נאָך העפֿלעכער געמוזט אים ענטפֿערן: אַ דאַנק, אַ דאַנק איך... איך בין זער צופֿרידן — און אויף דער צונג איז אים געלעגן: פּאָניע ממזר, אַלץ מוז ער וויסן, כדי דערנאָך צו קענען בעסער חוזק מאַכן פֿון מיר, אַ שלאַק אים אין זיינע קישקעס אַריין, דער הירן יונג, די זשאַבּרעס וואָלט איך אים אונטערגעשלאָגן!...

און אַז ער האָט דערזען אַז דאָס שיין שרייבן, וויאָלין שפּילן, געטע און שילער, האָבן אים אויך גאָרניט געהאָלפֿן, איז ער אין אַ שיינעם העלן טאָג אַוועק צום עסטרייכישן קאָנסולאַט, און זיך אַלס אַ פֿרייוויליקער אין קריג אַריין געמאָלדן.

אויף אַזאַ אופֿן האָט ער אַן אַלעם נקמה גענומען...

אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער אויף דער פֿראָנט געקומען, און דערנאָך באַלד אין די ערשטע „געפֿאַלענע־ליסטען” פיגורירט...

רבֿקה'לע איז דאָן אַ פֿאַרלוירענע און דערשלאָגענע אַרומגעגאַנגען, און מיט ביטערע חרטה די גאַנצע נעכט זיך אַדורכגעקוועלצט — ניט קענענדיק מער סובל זיין די שרעקלעכע טרויעריק פֿאַרגליווערטע פּוסטקייט וואָס האָט זיך אין זייער הויז אַריינגעריסן.

3

אַ גרויסע פּוילע לעקטקייט איז אין רבקה'לעס האַרצן געלעגן, און זיך וואָס אַמאָל שווערער איבער איר לעבן אויסגעשפּרייט.

זי איז אָפט האַלבע טעג אין בעט אָפּגעלעגן און ניט געגעסן, מחמת אַ טי־פע אַפּאַטיע האָט זיך אין איר איינגענאַגט.

עס איז איר פּשוט מיאוס און מאוס געוואָרן פאַר'ן גאַנצן לעבן און זי האָט אָנגעפּאַנגען וועגן זעלבסטמאָרד צו טראַכטן, אָבער תמיד האָט זי ביי אַזעלכע מחשבות אויפגעשוידערט, און אַ שרעקלעכע אימה איז זי באַפאַלן — ווי וועט זי דען קענען דאָס רעאַליזירן? דערצו מוז מען דאָך האָבן געוואַלטיקע כחות, און זי פילט דאָך אַזוי דערשלאָגן, מיד און שוואַך...

אַגיימלט האָט זי אַן איבערגעפּאַרענע קאָפּ געזען ליגן מיט אַן אַרויסגע־שטעקטע פאַרבלוטיקטע צונג, האָט עס זי אַזוי אָפּגעשטויסן אַז זי האָט אַ האַל־בע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. הייגט פון וואַנען וועט זי נעמען כחות איר איי־גענע האַנט אויף זיך אויפצוהייבן? ניין, ניין, דערצו וועט זי דוכט איר קיינ־מאָל ניט פעאיק זיין.

ווען שוין באמת רעזיגנירן פון אַלעם, וועט זי בעסער ווייטער לעבן, אָבער נאָך מער ווי פריער זיך פון אַלעם איזאָלירן . . .

נאָר וואָס פאַר אַ זין וועט דען דאָס האָבן, וואָס וועט זי דען מיט איר צו־ריקגעצויגנקייט און שטענדיקן אומעט באַצוועקן, וועט זי דען דאָס לעבן דער־מיט ענדערן? ניין, ניט אפילו איר איגן לעבן וועט דערמיט געענדערט ווערן...

האָט דען איר חבר'טע ניט רעכט געהאַט הערמיט וואָס זי האָט זי שטאַרק אויסגע'מוסר'ט בעת זי איז ביי איר לעצטנס אויף אַ באַזוך געווען: „אַלע מע־בער מיטאַנאַנד זענען ניט ווערט אַז מ'זאָל זיך וועגן זיי איין גרויסע האָר לאָזן וואַקסן"...

און פאַרוואָס זאָל זי טאַקע נישט גיין מיט דעם יונגען באַגאַבטן מאָלער וואָס איז דאָ ערשט ניט לאַנג מיט זיינע עלטערן פון פּזשעמישל געקומען? (לויפט איר אַ וואַרימער געדאַנק דורך). די גאַנצע שטאָט לויבט אים דאָך פאַר זיינע געלונגענע פּאָרטרעטן און פאַרטרעטן, און איר חבר'טע גופא איז פון אים פּשוט באַגייסטערט און וואָלט זיך זיכער געווינטשן געליבט צו ווערן פון אים — און זי שטויסט אים אַזוי איינפאַך אַוועק, גלייך ווי ער וואָלט אַבי ווער געווען...

אַמאָל בעת זי איז אינם „פּרץ־קלוב" געווען אויף אַ פאָרטראַג זיינעם, האָט זי פּשוט געמוזט די אויגן אַראָפּלאָזן, אַזוי געקוקט האָט ער אויף איר און זי מיט זיינע אויגן באַנומען בשעת'ן רעדן... דאָס בלוט איז איר אַזש אין פּנים געקומען, עס האָט איר אויסגעדוכט אַז ער ווייסט אַלעס וועגן איר... זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אַלע אַנוועזנדיקע. נאָכ'ן פאָרטראַג איז ער דרייסט צו איר צוגעקומען און זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט. זי איז געזעסן אין אַ נישע, טיף

אין אַ פּאַטעל אַרייַנגעלאָזן אַז מ׳האָט נאָר איר קאָפּ מיט די שוואַרץ געקריפּטע האָר אַרויסגעזען. ניט געבעטענערהייט האָט ער ביי איר טישל פּלאַץ גענומען, און כסדר באַוווּנדערט איר פייַנעם פּראָפיל מיט די גרוי־גרינע אויגן, אַזוי לאַנג איר די ראָמאַנטישסטע קאָמפּלימענטן געמאַכט, ביז ער האָט אַרויסגעקרעקט: ער וואָלט זי אומבאַדינגט געוואָלט צייכענען, אַזוי מאָלעריש און פייַן איז איר פּראָפיל...

מתחילת האָט עס איר שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס טראַכט ער דען פון איר, ווער מיינט ער איז זי דאָס ? אַזאַ חוצפּה !

אָבער שפּעטער ווען ער האָט איר אין אַ אינטימען געשפּרעך געגעבן צו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין, האָט זי אַליין געמוזט איינזען אַז דאָס איז אַ גאַנץ איינפאַכע זאַך — און פאַר אַזאַ צייכנונג ווערט מען נאָך פון קונסט ליבהאָבער גוט האָנאָרירט, און ער וויל דאָס איר אומזיסט מאַכן, טאָ פאַרוואָס זאָל זי זיין דאַגעגן ?...

איז זי טאַקע איינציקע מאָל אין זיין אַטעליע געווען, אמת דאָס אַרויפגיין איז איר ניט גאָר לייכט אָנגעקומען, אָבער ס׳האָט זי עפּעס פאַרט געצויגן זיין קונסט, און סתם דער גאַנצער מאָדנער וועזן זיינער.

עס איז איר אויך אַ כבוד געווען וואָס גראָד זי וויל ער צייכענען (מן־הסתם, האָט זי זיך געטראַכט, בין איך דאָך ניט אַזאַ דורכשניטלעכע...) און איר וויבלעכקייט האָט זיך געפילט געשמייכלט, דורך זיין אַנערקענען איר שיינקייט...

ער האָט איר דאָך אַ קאָפּיע צוגעזאָגט, און אַזאַ קאָפּיע פאַרבלייבט דאָך אויף תמיד, אויף איר ווערט מען ניט אַלט, נאָר מ׳בלייבט אייביק יונג און שיין.

דאָס האָט טאַקע שטאַרק אויסגענומען ביי איר, און זי האָט מיט אים פון אָנפאַנג אַ סך אַרומגעשפּאַצירט, דערנאָך האָט זי אָנגעפאַנגען צו אים אַהיימצוקומען, ער פלעגט זי סקיצירן אין פאַרשידענע פּאָזן, אָבער מיט יעדן מאָל וואָס זי איז צו אים מער געקומען, איז ער צו איר ליבער און פרייער געוואָרן...

מתחילת האָט זי נאָר פאַרגעסקייט ביי אים געזוכט, אָבער פון דער דאָזיקער איז במשך דער צייט וואָס זיי האָבן האַרמאָנירט, נאָר אַ טיפע ליידנשאַפט ביי איר אויסגעוואַקסן...

פונקט אַזוי ווי זיין הפקרדיק באַנעמען זיך לגבי איר האָט זי סעקסועל פאַרבאָרגן גערייצט — פונקט אַזוי האָט עס אויך איר מאָראַלישעס געפיל ניט געקענט סובל זיין... דערפאַר האָט זי מורא באַקומען פאַר אים און אַ צייט לאַנג זיך אויפגעהערט צונויפצוקומען.

אים האָט עס אָבער שטאַרק אינטריגירט און נאָך מער זיין בייגיריקייט צו איר דערוועקט. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז זי מאַכט נאָר אַן אָנשטעל, מחמת ער האָט ניט געגלויבט מער אין איר מיידעלשקייט... (פאַרשידענעס זיך אָנגעהערט וועגן איר) טאָמער האָט ער אָבער אַ טעות, ווילט זיך אים איבערצייגן, ער האָט פיינט ספקות... איר טראַגישע ליבע, פון וועלכער ער האָט זיך אויך

אָנגעהערט אַזוי מאָדנע סוד'ן, איז געווען די טריב־קראַפט פון זיין בייגירקייט און געשטאַלטיקט זיין באַנעמען זיך צו איר...

ער האָט עס אויף אַ זער אויסגעראַפינירטן אופן פאַרשטאַנען די ערשטע צייט צו בינדן ווי אַ הונט אָן אַ קייט, זיין פאַליגאַמישעס געפיל וואָס ער האָט געהאַט צו יעדער פרוי... וואָס מער איר שיינקייט האָט אים פאַסצינירט, דעסטאָ מער קאַלטקייט האָט ער איר אַרויסגעוויזן... וואָס האָט זי ניט איינמאָל געפיי־ניקט ביז צום וואַנזין.

אַזוי אַרום האָט ער זי אין גאַנצן אין זיין נעץ אַריינפאַרכאַפּט, זי פאַר־שטריקט און געפאַנגען, מיט די צערייצטע דינסטע באַגערן, וועלכע האָבן סיי ווי סיי אין איר יונג צעבליטן דורשטיקן גוף אַרומגעבושעוועט...

זי קען ניט זאָגן אַז זי האָט אים ליב געהאַט, אָבער עפּעס אַן אומדעפינער־באַר געפיל האָט זי געצויגן צו אים... ווען זי האָט געטראַכט וועגן זיינע שטאַרק מוסקולדיקע הענט, קליינג שאַרפע נאָז און זאַפטיק פולע ליפּן...

אַמאָל האָט ער זיך צו איר גאַנץ פריי און אָפן געווענדט: איך, רפאל בער־גער, בין אַ קינד פון אַ חסידישער היים, מיין קינדהייט האָב איך אין אַ ענגען שמוציקן חדר אונטערן בייזן רביצ'ס קאַנטשיק אָפּגעקנעלט, מיין יוגנט האָב איך איבער אומעטיקן קלויז אויף דער האַרטער באַנק ביי דער גמרא צעפּ־טער'ט. דערפאַר זידט און קאָכט אין מיין האַרץ ווי אין אַ וועזוף די יאָרן לאַנ־גע איינגעצאַמטע ליבע פון מיר — און דורות אַזעלכע ווי איך וואָס האָבן זייער ליבע אין זיך דערוואָרגן... איז טאָרט איר מיר ניט פאַראיבל נעמען, מיין גאַנ־צעס וועזן בענקט און גאַרט תמיד נאָך דער ניט אויסגעלעבטער ליבע, מיין יונגט מאַנט און פאָדערט זי ביי מיר, ניט איך קען, און ניט איך וויל איר דאָס שולדיק בלייבן...

— אָבער רפאל, גאָט איז מיט אייך — האָט זי זיך אַ פאַרציטערטע אין זיינע אָרעמס געבעטן ביי אים — איך בין דאָך אַ יידיש מיידל און אַ ליידנדיקע, איר קענט דאָך ניט מיין פאַרגאַנגענהייט, איר מוזט מיך דאָך שאַנעווען, רפאל...

— און זי האָט זיך פעסטער אַרום אים געוויקלט.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס דו היטסט זיך אַזוי פאַר מיר, רבקה? נו איז וואָס אַז דו ביזט אַ יידיש מיידל, מיינסטו דערפאַר זענען דיינע באַגערן און גע־פילן ניט די זעלביקע ווי ביי ניט יידישע מיידלעך?...

— יאָ, רפאל, די געפילן און באַגערן זענען טאַקע די זעלביקע, אָבער מיין לעבן און די סביבה איז ניט דאָס זעלבע...

— אַך וואָס דו רעדסט, לעבן און סביבה קען מען זיך אַליין געשטאַלטיקן; אַזוי ווי מען דענקט אַזוי קען מען לעבן...

— הלואי, רפאל, וואָלט עס אַזוי געווען, אָבער צווישן לעבן און דענקן איז ליידער אַ גרויסע מחיצה פאַראַן; מחמת במחשבה קען מען אַלעס אָפּטאָן און ס'פאַסירט קיינעם גאָרניט, בעת מיט דער קלענסטער טאַט קען מען אַמאָל זיך און יענעם אויף אייביק אומגליקלעך מאַכן...

— אַך, וואָס דו ווייסט אַלץ, מיין גרויסע חכמה, אָבער דאָס אפנים ווייסטו נאָך ניט, אָדער דו פאַרבאַהאַלטסט עס פאַר מיר און מאַכסט זיך ניט וויסן, אַז איין מינוט שיין און גליקלעך לעבן, איז מער ווערט ווי אַלע געדאַנקען און טאַטן צוזאַמען; ווייל דאָס איז דער גרעסטער געדאַנק, און בעסטע טאַט. ווייטער איז ס׳רוב די גאַנצע מענטשלעכע עטיק און מאָראַל ניט מער ווי אַ רעליגיע פון פחדנים און קראַנקע נשמות...

איינמאָל בעת זי האָט געהאַט באַשלאָסן ביי זיך ניט מער אַרויפצוגיין צו אים און אים צו פאַזירן, האָט ער פאַר זייערע פענסטער אַזוי לאַנג זיך געדרייט און באַין אופן ניט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז זי איז שוואַך געוואָרן, אים נאָכגעגעבן און אַרונטער געקומען...

עפּעס האָט זי דאַמאָלט מער מורא געהאַט ווי תמיד אַרויפצוגיין צו אים, אָבער אויך מער דערשלאָגן ווי תמיד האָט זי זיך דאַמאָלט געפילט און זיין געזעלשאַפט באַנייטיקט... אַנטוישטע ליבע און אומבאַזיגבאַרע תאווה האָבן אין איר שוואַכן גוף געשטריטן און ער האָט עס מיט זיין סעקסועלן אינסטינקט באַלד דערשפירט.

ווי נאָר זי האָט זיין אַטעליע באַטרעטן האָט זי באַלד ווידער געוואָלט אַוועקגיין, ווייל אַ מאָדנער פאַרגעפיל האָט זי געפייניקט, אָבער זיין שלאַנקע הויכע געשטאַלט מיט דעם בלאָנד געלאָקטן קאָפּ און די פעסט צעמוסקלטע הענט זענען אַ סך שטאַרקער געווען ווי איר שרעקנדיק פאָרגעפיל...

זיין אַטעליע איז געווען אויף אַן אָרעם בוידעם שטיבל און זיין אינווענטאַר איז באַשטאַנען פון אַ טיש, אַ בענקל, מיט אַ בעט און אַ שאַפקע. אויפן פענסטער און דיל זענען געשטאַנען פאַרשידענע פאַרבן מישונגען, דאָס טישל איז געווען אָנגעלייגט מיט צייכן פאַפירן, קוילשטיפט, פענזלען און מיט ביכער און עסנוואַרג. נעבן פענסטער צו אַ שטענדער איז געווען באַפעסטיקט אַ בילדערראַמען אויף וועלכן ס׳איז געווען אויסגעשפּאַנט אַ לייווענט מיט אַ מענלעכן אַקט. פאָרן בעט אויף אַ בענקל איז געלעגן זיין פּאַלעטע מיט אַ ראַזיר אַפּאַראַט און זייף. די ווענט זענען געווען באַהאָנגען מיט פאַרשידענע שטיל־לעבנס, פּייזאַזשן און אַקטן.

כדי זיין גאַסט׳ס באַזוך אַנגענעמער און היימלעכער צו מאַכן, האָט רפאל פון זיין שאַפקע אַרויסגענומען אַ פלעשל זיסן וויין, מיט אַ מאַנדל־טאָרטע וואָס ער האָט געהאַט פאַרבאַרייט פאַר איר קומען.

— יעצט, פריילין וועראַנער, וועט מען זיך אַוועקזעצן, אָבער אַזוי ווי איך פאַרמאָג נאָר איין בענקל, וועט מען מוזן זיצן אויפן בעט, אָדער איינס אויף אַ בענקל און ס׳אַנדערע אויפן בעט, ווי איר ווילט.

— איך קען היינט ניט לאַנג פאַרבלייבן, ווייל דאַנערשטיק ווייסט איר דאָך קומט די מאַמע אַהיים פון דער רייזע און די קינדער פון דער שול, דערפאַר וועל איך באַלד מוזן אַוועקגיין.

— יאָ, יאָ, איר וועט באַלד קענען אַהיימגיין, אָבער דערווייל זעצט זיך צו

מיין האַרציק און שיינינקע מיידל, אַט אַ־דאָ אויפ׳ן בעט, און מיר׳ן מאַכן אַ פיינעם לחיים.

ער האָט אַנגעגאָסן צוויי גלעזלעך ווייִן און איינס דערלאַנגט רבקה׳לען.

רבקה׳לע האָט געצעגערט, ניט געוואָלט טרינקען און ניט געוואָלט זעצן זיך.

נאָר רפאל האָט איר דאָס גלעזל צו די ליפּן צוגעפּרעסט און זי האָט אַנ־דערש ניט געקענט נאָר געמוזט אַ זופּ טאָן.

רפאל האָט זיין גאַנץ גלעזל אַראָפּגעלאָזן און עס דאַן נאָכאַמאָל אָנגעפילט, זיך צו רבקה׳ן ווענדנדיק: אַך, מייחל, מיידל, איר זייט עפּעס גאָרניט קיין היינטיקע, ווער קען דאָס עפּעס אַזאַ גוטן ווייִן מבזה זיין מיט אַ זופּ פון אַ קימ־פעט־קינד?

— איך קען ניט, איך פאַרטראָג עס ניט, רפאל!

— אַז איר וועט אייך מטריח זיין און וועלן, וועט איר קענען.

— איך וואָלט אפשר יאָ געוואָלט, אָבער איך קען פאָרט ניט...

רפאל איז אויפגעשטאַנען, גענומען זיין כוסה אין האַנט אַריין און אָנגעפאַנגען מיט אַ פּאַטעטיש פייערליכן טאָן צו דעקלאַמירן:

צי דו לעבסט אין צדקות,
צי דו הורסט און טרינקסט,
ס׳איז אַלץ איינס, בן אדם,
נאָכ׳ן טויט דו שטינקסט...

רבקה׳לע האָט טרויעריק איר קאָפּ אויף דער ברוסט געלאָזן זינקן און איז אַ פאַרטראַכטע שטיל זיצן געבליבן. אירע טיפע בלויע אויגן האָבן זיך ווי פרי־לינג־הימלען מיט וואָלקנדלעך פאַרצויגן און באַקומען אַ בלומען פייכטן גלאַנץ.

— רבקה — האָט ער זי פאַר דער געמבע אָנגענומען און זיין בליק טיף אין דעם איריקן אַריינגעפילט פרעגנדיק ביי איר: וואָס איז מיט אייך, נאָך וואָס אייער אייביקער אומעט, נאָך וועמען ווייִנט איר דאָס, וועלכעס פאַרלוי־רענע גליק ווילט איר דאָס צוריקגעפינען?... רבקה, לאָזט אייערע אומעטיקע מחשבות, עס איז ניט כדאי, באמת ניט כדאי, נעמט דאָס לעבן ווי עס איז — אָבער ניט אַזוי ווי איר וואָלט געוואָלט עס זאָל זיין...

— רפאל, איך מוז אייך דעם אמת זאָגן: איך באַוווּנדער אייער אפּיקורסי־שע ניכטערקייט, אָבער זייט אויף מיר ניט ברוגז ווען איך וועל אייך גלייכצייטיק זאָגן, אַז זי שמעקט מיט הפקרות וועלכע שטויסט מיך אָפּ...

— רבקה, איר — ניין דו — ביזט אַ כוואַט, איך האָב דיך יעצט באמת ליב באַקומען...

— לאָזט בעסער, רפאל, די ליבע, ווייל וועמען האָט איר דען ניט ליב? איר האָט דאָך אַלע מיידלעך ליב...

— יעצט רבקה איבערהאַק מיר ניט, נאָר הער מיך אויס: דו מעגסט מיר

יאָ אָדער ניט גלויבן, איך האָב דיך ליב! ווייל דו האָסט געהאַט די חוצפּה מיר פריי און אָפן צו זאָגן דאָס וואָס אַ סך האָבן מיר פייג פאַרשוויגן.

— וואָס האָב איך דען געזאָגט, רפאל?

— אַז מיין אַפּיקורסישע ניכטערקייט וואָס שמעקט מיט הפקרות שטויסט דיך אָפּ...

— אָבער רבקה — האָט ער זי ווידער פאַר דער האַנט גענומען און זיין באַק צו די איריקע צוגעפרעסט — איך גלויב אין דעם אַפּשטויסן ניט, מחמת דאָס איז מער ניט ווי אַ מאָראַלישער זשעסט אויפגעבויט פון אַ וואָרט... אָבער אין דער טיף פון דיין בלוט ציט עס דיך צו דעם, נאָר די מורא האַלט דיך דערפון אָפּ, פונקט אַזוי ווי זי האָט דיך אָפּגעהאַלטן אַרויפצוקומען צו מיר... נאָר אויף אַזאַ אופן קען איך מיר דערקלערן דיין אויסמיידן מיך צו זען... און דערפאַר לאָז דיר זאָגן: אַז איך גלויב אין דעם אָפּשטויסן ניט, דאָס איז נאָר אַ וואָרט די פייגהייט צו פאַרמאַסקירן, דעם נאַטירלעכן אינסטינקט אין קינסטלעכע מאָראַלישע וואַסערן צו דערטרינקען...

— אָבער, רפאל, קענסט איר דען ניט משיג זיין אַז עס קענען אייגעם אַזעלכע געדיכטע ווי איר האָט צופויער אַפּירגעלייענט, מיט אַזאַ מין סעקסועלע הפקרות ווי איר פריידיקט אָפּשטויסן?...

— אוודאי קען איך גלויבן אַז עס קען עמיצן עפּעס אָפּשטויסן, אָבער דאָס קען נאָר דאַמאָלט געמאָלט זיין ווען דער יעניקער האָט פון דער זאַך צופיל, אָדער צו ווייניק געקענט געניסן... איז וואָס זאָל איך פון דיר גלויבן?...

— רפאל, איר — בעסער געזאָגט דו באַליידיקסט מיך...

— רבקה, לייג אָפּ דיין פאַרשימלטע קליין בעל־הבתישע קאָנווענציאָנעלע מאָראַל, און פאַרנעם דעם אמת; ווייל ווי שווער ער זאָל ניט זיין — איז ער אַלץ לייכטער צו דערטראָגן ווי דעם שקר...

— רפאל, דו ביזט אַ זער ציוויליזירטער מענטש, אָבער דיין קולטור שטייגט אַריבער דיין ציוויליזאַציע, — דו געפינסט אויף יעדן באַגריף און געפיל באַלד אויס אַזעלכע דראַסטישע, ראַציאָנעלע, דיאַלעקטישע טערמינען וואָס באַזיגן דיין אָפּאָנענט, אָבער נאָר מיט ווערטער; ווייל זיי ווייסנדיק עס זענען פאַראַנען געפילן און איבערלעבונגען, וואָס לאָזן זיך סתם ניט דעפינירן, אפילו ניט מיט די שענסטע, בעסטע און קלוגסטע ווערטער פון אונזערע העכסטע, אַנטוויקלטסטע שפּראַכן וואָס מיר פאַרמאָגן. ניט איך, נאָר דו אָפּאָנירסט מיט ווערטער... יאָ, פריער האָסטו מיר געזאָגט, אַז „איך זאָל דאָס לעבן נעמען ווי עס איז, ניט ווי איך וויל עס זאָל זיין"... עס זענען אָבער אויך פאַראַנען מאָמענטן און פעריאָדן אין מענטשלעכן לעבן, וואָס ניט מען קען דאָס לעבן נעמען, נאָר מען ווערט אַליין דערפון באַנומען... עס זענען אויך דאָ איבערלעבונגען, וואָס לאָזן אויף אייגעם אַזאַ שטאַרקן רושם צוריק, אַז זיי פאַרטונקלען אים אין גאַנצן דעם הוה, און צווינגען אים אַלעס נאָר אינעם ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט צו דערבליקן...

רבקה׳ס לעצטע ווערטער האָבן רפאל׳ן אַזוי אינטריגירט און געדרייצט, אַז ער האָט ביי זיך באַשלאָסן: היינט פאַר אַלע מאָל מוז ער געוויער ווערן וואָס מיט איר איז געווען. און ער האָט זיך צו איר געווענדט: מיין טייערע, פון אַלע דיינע באַהויפּטונגען און רייד זע איך אַרויס אַז דו האָסט געמוזט אַ גרויסע אַנטוישונג איבערלעבן, און פון דער דאָזיקער לאָזטו דיר דיין זיין דיקטירן... דאָס איז פאַרשטייט זיך אַ מין הילפלאָזע שוואַכקייט אויסגעמישט מיט אומרעכט... דו זוכסט אַלעס אַריינצופּאַסן אין דיין אומעטיקער איבערלעבונג, דערפאַר האָסטו ניט רעכט...

— איך פאַרשטיי דיך ניט גוט, רפאל, מיט וועלכן האָב איך ניט רעכט?

— גאַנץ פשוט, רבקה, דו האָסט ניט רעכט, מחמת דו טאָרסט ניט צוליב דעם פאַרגאַנגענעם צוריקשטויסן דעם הוה און עתיד... דער עבר קען דאָס לעבן העכסטנס פאַרשענערן, אָדער פאַראומערן, נאָר לעבן פון אים צי מיט אים קען מען ניט; ווייל מען הערט אויף צו זיין דאָס וואָס מען איז, און מען פאַרלירט דעם אמת׳ן זין פאַר דערווירקלעכער עקזיסטענץ... נאָר געגנוג פון דעם אַלעם, מיר׳ן בעסער נאָכאַמאָל אַן אמת׳ע כוסה מאַכן, אָבער טאַקע נאָר אויף דיין לעבן און געזונט, אַז דו זאָלסט זיך אויסלערנען ליב צו האָבן דאָס לעבן, עס צו געניסן, און בעמען עס מיט אַלע זיינע גליקן און אומגליקן, מיט זיין שיינקייט און אומעט, מיט זיין שטורעם און רו. לחיים, רבקה, לחיים!

און צוויי גלעזער האָבן זיך אָן אַנטאַנד אָנגעשטויסן, רבקה האָט זיך אַ כח אָנגעטאָן און זי האָט איר גלאָז געלערט ביז צום דנאָ גלייך ווי רפאל.

ער האָט באַלד דערנאָך נאָכאַמאָל די גלעזער אָנגעגאָסן און איר אויך אַ שטיק מאַנדלטאָרטע דערלאַנגט.

— אוי, מיר ווערט זיך נאָך דער קאָפּ פאַרדריען, איך מיין אַז איך ווער שכור...

— נאַרישקייטן, רבקה, מ׳ווערט ניט אַזוי באַלד שכור ווען מ׳איז אַזוי ניכטער ווי דו...

— יאָ, מיינע ליידן האָבן מיך שטאַרק אויסגעניכטערט...

— רבקה, זיי פריער צו מיר, שעם זיך ניט און דערציל וואָס עס ליגט דיר אויפן האַרצן, וואָס עס באַדריקט דיך, איך וויל דיר אַ חבר זיין און אָפּנעמען אַ טייל פון דיין עול, דו וועסט זען עס וועט דיר לייכטער ווערן...

— אַך וואָס, נאַרישקייטן, ניט כדאי צו רעדן דעריבער, עס קען נאָך פאַר דיר גאָר אַ חוזק זיין און אפשר דיר נאָך ליפערן מאַטעריאַל צו לאַכן איבער מיר...

רפאל האָט דערפילט אַז אויפן איינפּאַכן וועג וועט ער זיך גאָרניט דערוויסן פון איר. עס זענען אָבער אַ סך אומוועגן דאָ, האָט ער ביי זיך געטראַכט, און אַלע די דאָזיקע וועט ער באַטרעטן, ביז איינער וועט אים סוף כל סוף שוין ברענגען צו איר...

— אויב יאָ אַזוי, איז טאַקע אַ סך בעסער נאָך אַ גלעזל אַרונטערצולאָזן,

רבקה, נאר ניט קיין מורא האבן, ווייל שכור ווערט מען ניט פון ווין נאר פון ליבע, פון אמת׳ער ווארימער ליבע! וואס קוקסטו אויף מיר אזוי? פון ריינער ליבע, כאַ, כאַ, כאַ, רבקה׳לע — הייסטו דען ניט אזוי, מען רופט דיך דאך רבקה׳לע, איז קום טאקע א ביסל נענטער צו מיר מיין זיסינקע רבקה׳לע, און זיי ניט אזוי פרעמד צו מיר, איך בין ניט קיין מענטשנפרעסער און וועל דיך אסור ניט אויפפרעסן...

— אך, רפאל, לאז בעסער דיינע שפאסן, איך באקום פשוט מורא פאר דיר...

— וואס זאגסטו, רבקה׳לע, מורא פאר מיר? דאס טאר דיך ניט גע־שענקט בלייבן...

ער האט זי שטארק צו זיך געפרעסט, הערנאך געטומען לייכט גלעטן די קני, זי איז אויפגעציטערט דערשראקן און זיך דאס קלייד טיפער איבער די פיס אראפגעצויגן... אויב דו האסט באמת מורא פאר מיר, וועל איך דיר באַ־ווייזן, רבקה׳לע, וואס אזא מענטשנפרעסער ווי איך קען. ער האט זי נאכאמאל מיט זיינע שטארק צעמוסקלטע הענט אזוי פעסט אומארעמט, אז זי האט אויפ־געשריען פאר ווייטיק.

דאס ערשטע מאל אין איר לעבן האט זי דערפילט, אז אין איר הויבט זיך אן עפעס צו לאקערן, אז זי ווערט שוואך און וועט עס ניט אויסהאלטן...

רפאל האט מיט זיינע געזונטע ווייסע ציינער און פולע באגערנדיקע ליפן זיך טיף אין איר קליינעם מוילעכל איינגעזויגן.

רבקה׳לע האט זיך פשוט ווי א יונג ביימל פון א געפערלעכן שטורעם אנ־געהויבן צו וואקלען און טרייסלען און געפילט אז זי הויבט זיך אן צו ברעכן... איר קאפ איז געפאלן א מידער אויף רפאל׳ס שולטער און ער האט זיך מיט גבורה איינגעקלאמערט אין איר מיידליש שלאנקן און הופטנדיק פארציטערטן גוף...

זי האט אלעס אין דער וועלט פארגעסן, עס איז ביי איר אפגעמעקט גע־ווארן די פארשטעלונג, אז עס האט בכלל נאך עפעס פריער עקזיסטירט, עס האט איר אויסגעדוכט אזוי ווי זי וואלט ערשט געבוירן געווארן, און דאס גאנ־צע לעבן אירס וואלט זיך פונם יעצטיקן מאמענט ערשט אנגעפאנגען... זי האט דערשפירט אין דער טיף פון איר בלוט א שווערן דרוק, און איר ווען האט זיך געזוכט צו באפרייען פון אים, און דעם באגן וואס ער האט איר גורם געווען...

פלוצים האט זי דערפילט רפאל׳ס קאפ גראבט זיך אין אירע ברוסטן איין, מיט אזא פייער, ווי די זון וואלט זי געוואלט פארצערן מיט איר גאנצער פלאַ־מענקראפט... זי האט אויפגעשוידערט, און אנגעפאנגען שווער צו אטעמען און מיט די הענט זיך אפצוווערן אקייגן אים, אבער איר גאנצער ווען האט אים באגערט און געפיבערט זיך אויפצולייזן און בטל צו ווערן אין אים...

— רבקה — האט זי ווי אין חלום זיין קול געהערט — פארוואס ביזטו דען אזוי פלעגמאטיש? קוש מיך דאך, איך ליב דיך צום משוגע ווערן, דו פאר־

מאַגסט אַ וואונדערבאַרן גוף, געבויט לויט אַלע שיינקייטס נאָרמען, עס מוז דיך דאָך יעדער גלוסטן, — און איך זאָג עס דיר אָפן: איך גלוסט נאָך דיר, איך באַגער דיך, און מוז דיך ליבן... מיין בלוט רייסט זיך מיט דעם דייניקן צו פאַרמישן, און שמאַכט נאָך דיין באַגליקנדיקער באַנטקייט...

— אָבער רפאל, איך בין דאָך אַ יידיש מיידל, דאָס טאָרסטו ניט פאַר־געסן...— נאָר דאָס האָט זי ניט גאַנץ אויפריכטיק געמיינט, מחמת זי האָט ווייעדיק נאָך אים באַגערט, און טיף געגלוסט פון אים גענומען צו ווערן... זיין מענלעכע שטאַרקייט האָט איר נייגיריקייט צעעפנט, ווי די זון אַ רויזנבעכער...

רפאל׳ן האָט געצייצט איר מיידלעשער דופט, וואָס איז צו אים פון איר צעבליטן גוף געדרונגען און אים פשוט פאַר׳שכור׳ט. זי האָט אַזוי געהיימניס־פול סעקסועל געשמעקט אַז ער האָט אירע רייד גאָרניט אין אַכט גענומען און נאָר איין פאַרלאַנג געהאַט וועלכער האָט זיך מיט אַלע קרעפטן געריסן צו איר מיידעלשער פרישקייט...

— רבקה, זאָל זיין וואָס עס וויל — האָט ער איר שטיל אין אויער גע־פליסטערט — כ׳וועל מיט דיר חתונה האָבן... האָב קיין מורא ניט, כ׳גיב דיר מיין וואָרט דערויף, איך וועל עס האַלטן, ביי מיין לעבן.

זי האָט אים אַרומגעוויקלט מיט אירע הערלעכע אָרעמס און איר גאַנצער גוף האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערן, פון עפעס אַזאַ מין נייגיריקע דערוואַרטונג, אין וועלכער ס׳איז געלעגן פאַרבאָרגן די תאוה פון דער גאַנצער וועלט...

— רפאל — האָט זי אויסגעשריען אים פאַר די האָר רייסנדיק — מיר איז ניט גוט, איך האַלט עס ניט אויס...

— וואָס איז מיט דיר, רבקה — האָט ער אַ דערשראָקענער זי מיט זיינע אויגן געלאָשטשעט — זאָל איך אפשר דיר וואַסער ברענגען, אָדער מיט דיר אַראָפגיין ?...

— ניין, רפאל, ניט דאָס, אָבער מיר איז עפעס אַזוי — איך ווייס אַליין ניט... דיין אָטעם איז עפּעס צו הייס און דיינע אָרעמס צו מעכטיק און שטאַרק, רפאל, איך קען עס ניט אויסהאַלטן, מיר איז ניט גוט, רפאל — און דאָך אַזוי גוט, אַזוי אָנגענעם, ווי אין אַ דופטנדיקן רויזנגאָרטן פאַרשפּינען אין גליענ־דיקע זונען־נעצן... אין חער נאָנט פון אַ קילן זילבערנעם קוואַל... — זי האָט אירע אויגן פאַרשלאָסן און שמאַכטנדיק נאָך אַ טרונק, זענען אירע אברים ווי לויז געוואָרן און אין אַ פאַרצערטער, ניט־דערטרעגלעכער אומגעדולד האָט זי דערוואַרט זיין טיפסטער דערנענטערונג...

אויף איינמאָל האָט זי דערשפּירט אַ גליענדיק שטעכעדיקן ברען אין איר בלוט. זי האָט ווייאיק אויפגעשוידערט, שיר דעם אָטעם פאַרלוירן, דערנאָך האָט עס געטאָן אַ ריס אין איר אַז זי האָט אויפגעשריען, אָבער באַלד דערנאָך איז זי אין אַ טיפן שווייגן פאַרזונקען און אָנגעפאַנגען איר צערנדיקן באַגער צו שטילן. וואָס מער איר האָט אויסגעדוכט אַז זי שטילט איר באַגער, העסטאַ אומ־געשטילטער איז ער געוואָרן, ביז ער האָט זיך פאַרהילט אין אַ לייכטן

רייצנדיקן ווייטיק... זי איז אָבער ווי נאַרקאָטיזירט פון איר לײַדנשאַפט געוואָרן, און איר ווײַ נאָר ווי אין חלום דערפילט...

און עס האָט איר אויסגעדוכט אַז זי שווימט עפּעס אין אַ פּאַבלהאַפט דופטנדיקן טײַך, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ טיפן בלויען הימל פון גאָלדענע שטערן, און די וואַסער ליליעס גלעטן זי אַזוי אַנגענעם, ליב און שײַן, אַז איר דוכט זי וועט פאַר מתיקות מוזן פאַרגיין,— אַ קילנדיק ווינטל לויפט דורך איר פאַרבײַ, און איבער אַלעם טראָגט זיך אַזאַ פיינע, דינע מוזיק, מיט אַזאַ פאַרכשופ'טן סערענאַדע געזאַנג, אַז ס'וואָלט זיך איר געוואָלט אייביק אַזוי אין דעם צערנדיקן אַנגענעמקייטס חלום פאַרשוועבן,— און זי שוועבט און שווייגט, וואָס אַמאָל טיפער און ווייטער, אין חעם אומענדלעכן טײַך פון ליבע,— אָט, אָט קומט אַ ווירבל ווינט און ציט זי אַראָפּ וואָס אַמאָל ווייטער און טיפער, און זי טרינקט פון דעם קילן דופטנדיקן זילבערנעם קוואַל, ביז איר גוף מיט אַלע אברים ווערן וואָס אַמאָל אויפגעלייזטער און לויזער, ביז זיי שוידערן אויף אין אַ גליקזעליקער אומבאַוווסטקייט...

ווען זי האָט דערוואַכט, האָט זי זיך נאָר די אויגן מיט די הענט פאַרשטעלט...

אָבער רפאל האָט זי ניט אויפגעהערט ווייטער לײַדנשאַפטלעך צו קושן און צוצודריקן צו זיך... יעצט רבקה, האָב איך דיך נאָך ליבער ווי צופֿויער: מחמת כהאָב זיך איבערגעצייגט אַז וואָס מהאָט זיך וועגן דיר געסודעט און אויסגערעדט, איז נאָר אַ שקר געווען... דער ערשטער מאַן אין דײַן לעבן בין געווען איך, און דערפאַר וועסטו אויך מײַן לעצטע פרוי זײַן!... איך וועל אַרבעטן מיט אַלע כחות ביז מײַנע בילדער וועלן אַנערקענט ווערן, איך וועל פאַרדינען, און מירן קענען פירן אַ שיינעם גליקלעכן, זאָרגלאָזן קינסטלערישן לעבן...

רבקה האָט אים געגלעט זײַנע בלאָנדגעלאָקטע האָר, אירע פינגער האָבן זיך פאַרלירנדיק אין זיי ווי מיט בלומען געשפּילט... נאָר דעם קאָפּ אירן האָט זי ניט געקענט אויפהויבן און אים אין די אויגן קוקן, מחמת זי האָט זיך אַזוי שרעקלעך שולדיק דערפילט, ווי זי וואָלט דעם גרעסטן מאָרד אין דער וועלט באַגאַנגען; — אָבער ניט הערפאַר ווײַל זי האָט זיך צו אים אָפּגעגעבן, נייערט דערפאַר ווײַל זי ליבט אים דאָך ניט, סאיז דאָך נאָר איבער איר דאָס געפיל פון תאווה אויסגעמישט מיט רעזיגנאַציע געקומען, וואָס האָט זי ניט אויפגעהערט צו נאָגן מיט הער פינצטערער אומגעוויסקייט, צייט רובינשטיין איז פון איר אוועק...

און בעת רפאל האָט איר אַזוי שײַן מבטיח געווען אַז זי וועט זײַן פרוי זײַן, און איר אויך אויסגעמאָלן זייער פיינעם צוקונפטיקן קינסטלערישן לעבן, האָט זי ביטער אויפגעשלוכצט...

אירע הייסע טרערן זענען געפלאָסן אויף רפאלס הענט. איר קאָפּ האָט זיך פאַרלוירן אין זײַן ברוסט אײַנגעטוליעט שעפּטשענדיק: פאַרשטויס מיך בעסער רפאל, איך בין דײַן ליבע ניט ווערט, איך בין אַ זינדיקע לגבי דיר, דו ביסט

דערהויבן און איך בין קליין, יאָ, אַזוי קליין ווי אַ נישטיקער וואָרעם, איך בין שולדיק רפאל, איך בין שולדיק! אַ דערשטוינטער האָט ער זי אַרומגענומען און אָנגעפאַנגען קושן אויפן מויל, די אויגן, אויף דער געמבע און דערפילט אירע טרערן אויף זיינע ליפן...

רבקה, וואָס איז דען מיט דיר, וואָס פעלט דיר? זיי דאָך אָפענער פאַר מיר...

גאָרניט, רפאל, איך בין נאָר אַזוי גליקלעך אין מיין אומגליק, אַז איך וואָלט געוואָלט, אַך רפאל, איך ווייס אַליין ניט וואָס...

און ווידער האָט אַ נייער שטראָם פון טרערן אַ פלייץ געטאָן פון אירע גרויסע בלויע קינדער־אויגן, וועלכע האָבן אים אַ דאַנק זייער הילפלאָזיקייט אויף סטיפּסטע אויפגעשווידערט...

ער איז אויפגעשטאַנען אַ געריירטער און זי צו זיך צוגעצויגן, פעסט אין זיינע אָרעמס איינגעשלאָסן און, זי האָט זיך דערפילט ביי אים, ווי אַ קליין שוואַך און נויטבאַדערפטיק קינד...

רבקה דו טאָרסט מיר ניט פאַרשווייגן דעם טרויער, וואָס דו האָסט פריער דערמאָנט... איך קען ניט באַגרייפן פאַרוואָס דו וויינסט אַלץ כסדר און פילסט זיך אַזוי קליין לגבי מיר, צי האָט אונדז דען ניט איין מאָמענט פון גליקלעכקייט פאַרייניקט?...

אַ גרויסן סוד בין איך פון דיר דערגאַנגען, און אַן אַנדערער נאָך גרעסערער איז פאַר מיר אויפגעשטיגן, רבקה, פאַרוואָס פייניקסטו מיך מיט דיין פאַרשלאָסנקייט?...

זי האָט אים געוואָלט ענטפערן פאַרוואָס זי וויינט, אָבער זי איז ניט בכח געווען, — נאָר אין זיך טיף אַריינגעוואָרגן דאָס געפיל, פון דער ווידער אויפ־שטייגנדיקער אַלטער פוסטקייט אירער, פון וועלכער זי האָט געגלויבט באַפרייט צו ווערן, אָבער ניין, דאָס איז ניט געשען, נייערט נאָך שווערער דריקט זי איצט איר געמיט צו; מחמת זי ליבט נאָך איינעם, יאָ, איין איינציקן, וועלכן זי האָט אַזוי עלנדיק און געמיין פאַראַטן.

יעצט זעט זי ערשט ווי זי קען אָן אים ניט לעבן, און קיינער קען איר אים ניט דערזעצן... ניין ניין, זי וועט עס ניט איבערטראָגן וואָס זי האָט געטאָן...

אָ ווי וועט זי דאָס קענען פאַרענטפערן?... אוי רובינשטיין רובינשטיין וואָס האָסטו פון מיר געמאַכט, און וואָס וועט פון מיר ווערן?...

אַזוי שיין און גליקלעך ווי זי האָט צופריער אַלעס דערזען און זיך געפילט, אַזוי אומגליקלעך און העסלעך קוקט איר אַלעס איצט אויס...

אַזוי האָט זי געטראַכט בעת רפאל האָט צו איר געזאָגט: רבקה דו ביסט און בלייבסט מיין, איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן כאָטש מיר האָבן ניט חתונה געהאַט, ווייל ניט צערעמאָניעס און שבועות פאַרבינדן און פאַרפליכטן איין מענטש צום אַנדערן, נייערט זייערע הערצער, און פון יעצט אָן איז מיין האַרץ ביי דיר און מיט דיר...

רבקה האָט אים לייכט אין זיינע ליפּן געקושט און אַלץ ניט אויפגעהערט

צו וויינען מחרמלנדיק: איך גלויב עס דיר רפאל, איך גלויב עס דיר און מיר וואלט דאך געדארפן אויך גוט צו זיין, נאר איך ווייס אליין ניט פארוואס מיין הארץ איז מיר אזוי שווער איך בין ניט שולדיק, נאר מיין הארץ, מיין זינדיק הארץ...

4

די וועלט מלחמה האט זיך אלץ שטארקער און ווילדער צעבושעוועט, און אנגעפאנגען ווי דער מולך וואס אמאל מער קרבנות צו פארדערן, אפילו די 17 און 18 יאריקע זענען איר אויך שוין צו ווייניק געווען; האט מען זיך געמוזט צו די עלטערע יארגאנגען און צו אלע קאליקעס נעמען, כדי אזוי ארום אויסצופילן די ליקעס וואס די רוסן און פראנצויזן האבן אנגעמאכט אויף דער אסט און וועסט פראנט... האבן זיך האן אנגעהויבן מוסטערונגען, אויף מוסטערונגען, אין וועלכע מען האט צוגענומען טויט און לעבעדיק...

נאר ווען גיבן זיך יידן ניט קיין עצה? — האבן די רייכע פון מ. געזען אפצובלאטעווען דעם רעגימענטס־ארצט מיט א פאר טויזנט מארק וועלכע די חברה האבן צווישן זיך צענויפגעזאמלט; און כדי דער קרישער דאקטאר זאל די נעמען פון זיינע רייכע פאציענטן חלילה ניט פארגעסן, האט ער זיך די ראשי־תיבות פון די דאזיקע נעמען פארנאטירט אויף די מאנזשעטן פון זיין העמד...

דערפאר האבן אלע ארימע וואס האבן דאס גליק ניט געהאט אויף דעם רעגימענטס־ארצט מאנשעטן צו פיגורירן געמוזט אסנטירט ווערן...

2 מאל האט עס רפאלן אפגעגליקט זיך פון זייערע לאפעס ארויסצודרייען, — הגם דאס איז אים אויך ניט אזוי לייכט אנגעקומען, מחמת 4 וואכן לאנג האט ער זיך געמוזט פלאגן, קיין אויג ניט צוגעמאכט און ניט דערפילט דעם טעם פון זיך לייגן אין א בעט אריין, נאר די גאנצע נעכט מיט דער חברה־שטעלערס זיך ארומגעטליקעט, פון איין קאפע אינעם צווייטן, אין אלע קאבארעס און טינגלטאנגלס, מיט די מיידלעך יד אחת געווען, און ניט איינמאל די אמתדיקע הוליאנקע געפראוועט מיט זיי, — און אויפן סמך פון דער אסנטירונג זיך אלעס דערלויבט...

צוויי מאל איז עס רפאלן אויך דערפאר אפגעגליקט אויף אזא אופן פטור צו ווערן פון זיי, אבער ס׳דריטע מאל איז ער שוין אין זייערע לאפעס אריינגע־פאלן און אלס א „קריגס־דינסט־טויגלעכער״ דערקלערט געווארן...

פאר רבקען איז רפאלס אסנטירונג א שווערער קלאפ געווען, מחמת זי האט דערפילט אז זי פארלירט יעדן אינהאלט, פשוט ווי דער באדן וואלט הינטער אירע פיס פארזונקן...

די לעצטע פאר וואכן האבן זיך ווי בייזע נאגנדיקע שלאנגען אין איר פאטאלן לעבן איינגענאגט...

אנגעפאנגען האט עס זיך ביי איר מיט קאפווייטיק, חלשות און ברעכן...

מתחלות האט זי עס אפילו פאר רפאלן פארשוויגן, שפעטער אבער אז זי האט דערפילט אז סקומט אין איר פאר א שרעקלעכע פארענדערונג וועלכע נעמט אן

מיאוסע פאַרמען, האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט רפאלן אַלעס צו דערציילן...

אַמאָל בעת זי איז מיט רפאלן שפּאַצירנדיק אין די אַלייען צוגעקומען צו דער באַנק אונטערן נאַדלבוים וואָס האָט זי אָן אַזויפיל גליק און לייד דערמאָנט, האָט זי זיך געוואָנדן צו רפאלן מיט אַ ציטריקער שטים: איך מוז דיר עפּעס שרעקלעכעס דערציילן רפאל...

רפאל, וועלכער איז אין זיינע טרויעריקע מחשבות פאַרזונקן געווען, האָט צו איר מאָדנע און דערשראָקן אויפגעבליקט, — וואָס דען רבקה, וואָס איז דען פּאַסירט ?...

רבקה האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזן און מיט אַ קול פון אַ געשלאָגענעם הונט אָנגעהויבן: רפאל, איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשען ?... ניט איך קען עסן, ניט איך קען שלאָפן, שוין צייט צוויי חדשים ווי איך האָב ניט מער...

איבער רפאלן זענען אירע לעצטע ווערטער ווי אַ שווערע שאַרפע האַק געפאַלן, און אַ טיף פאַרוווּנדעטער האָט ער צו שטאַמלען אָנגעפאַנגען: רבקה, וואָס רעדסטו ? רבקה, דאָס קען דאָך ניט זיין, ניין ניין, דאָס איז אוממיגלעך !...

יאָ, רפאל, אַזוי איז עס... איך האָב שוין אַלעס אָנגעוואָנדן: גענומען הייסע וואַנעס און דאַמפּבעדער, געהויבן שווערע משאות, איינגענומען פאַרשידענע פּילן, אָבער גאָרניט האָט מיר געהאָלפן, און איצט ווייס איך אַליין ניט מער וואָס אָנצופאַנגן...

רבקה, צי וואָס דען דאָס אַלעס ? מירן בעסער חתונה האָבן, איך וועל צו דיין מאַמען גיין און איר אַלעס דערציילן און איר זאָגן: אַז מיר ווילן חתונה האָבן, דאָס וועט דאָס בעסטע זיין, קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ...

רפאל וואָס רעדסטו ? דו ביסט דאָך ניט פון זינען אַראָפּ, בעסער וועל איך מיר אַ מעשה אָנטאָן, איידער די מאַמע און מיינע שוועסטערן זאָלן זיך פון אַלעם דערוויסן. ניין ניין, דאָס קען ניט און דאָס טאָרניט זיין, אָ, ווי וואָלט איך דען די חרפה געקענט אַריבערטראָגן ? אַזאַ אומגליק, אַזאַ בזיון...

טאָ וואָס דען רבקה קענען מיר טאָן ?...

איך טראַכט פון אַ הייב־אַם, רפאל... איך האָב אין דער צייטונג געלייענט אַז ס׳זענען פאַראַן הייב־אַמס וועלכע פאַרמאָגן אַזעלכע פּריוואַט־קליניקס אין וועלכע מ׳האָט קינדער, און קיינער דערוויסט זיך ניט — אָט צו אַזאַ הייב־אַם וויל איך גיין און זיך מיט איר באַראַטן וואָס צו מאַכן . . .

דאָס איז דאָך זיכער מיט גרויסע קאָסטן פאַרבונדן, ווו וועלן מיר דען דאָס נייטיקע געלט דערצו נעמען רבקה ?

איך האָב אַ גאָלדרינגל מיט אַ קליינעם בריליאַנטל, און אַזויווי גאָלד איז היינט מחמת דער מלחמה כמעט ניט פאַראַנען, רעכן איך אַז זי וועט אפשר מרוצה ווערן פאַר דעם רינגל מיר אויסצוהעלפן...

רפאל האָט געכאַפּט רבקה׳ס האַנט און זי געקושט ווי אַ גליקלעך באַ־רוישטער, מחמת אַ שווערער שטיין איז אים פון האַרצן אַראָפּגעפאַלן און ער האָט געקענט לייכטער אויפאָטעמען...

באַלד צומאָרגנס האָט מען טאַקע געוואַנדערט פון איין אַקושערקע צו דער אַנדערער, רפאל האָט אַ דערשלאָגענער און מיט טיפער אומגעדולד פאַר יעדער אַקושערקעס הויז גוואַרט אויף דער תשובה וואָס רבקה וועט אים ברענגען; און ווי גליקלעך זענען זיי דאָס אַמאָל געווען בעת זי איז פון אַן אַקושערקע אַראָפּגעקומען און רפאל'ן די גוטע בשורה געבראַכט: אַז ס'מאַכט גאָרניט אויס, ס'האָט זיך ביי איר נאָר פאַרהאַלטן, אַזאַ זאַך האָט שוין אָפט ביי אַ סך פאַסירט, דערפאַר דאַרף מען ניט איבעראײַליק צו זיין,— זי ראַט נאָך אַ ביסל אָפּצוואַרטן, אַ מאַסאַזש־קור צו מאַכן און דערנאָך צו איר צו קומען, וועט מען שוין דאָס בייטיקסטע אַראַנזשירן...

רבקה האָט אָבער געוואָלט גאַנץ זיכער זיין, האָט זי באַשלאָסן צו אַ דאָקטאָר צו גיין.

רפאל'ן האָט דאָס אָבער גאָרניט געשמעקט, נאָר ער האָט זיך געשעמט עס אָפן אַרויסצוווייזן... רבקה האָט עס זיך געמערקט, און גאָרניט געקענט תופס זיין פאַרוואָס אייגנטלעך רפאל וויל ניט זי זאָל צום דאָקטאָר גיין...

דערנאָך ווען זי איז נאָך אַ לענגערן אונטערזוכן פונעם דאָקטאָר אַרונטערגעקומען, האָט רפאל עס פאַר איפערזוכט כמעט מער ניט אויסגעהאַלטן און כדי זי צו ערגערן האָט ער זיך אין אַ הויז באַהאַלטן, זאָל זי מיינען אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, ס'אינטערעסירט אים ניט קיין סך דער גאַנצער עסק...

ווען רבקה איז פונעם דאָקטאָר, טרויריק אַרונטער און רפאלן אַ דערשטוינטע אַרומגעזוכט, האָט עס אים אַ הנאה אָנגעטאָן צו זען ווי דערשראָקן און אומזיכער אירע פיס האָבן אָנגעהויבן צו שוואַנקן זיך אַהיימוואַקלענדיק...

ווען זי האָט אים פלוצים ווידער דערזען, האָט ער זיך ביי איר מכלומרשט אַנטשולדיקט אַז ער האָט נאָר אַ באַקאַנטן אָנבאַגעגנט, דערפאַר איז ער ניט שולדיק...

— יעצט זע איך דיין ליבע און געטריישאַפט צו מיר — האָט זי אַ דערצאָרנטע אויסגעשריען — ס'האָט ניט פיל געפעלט און איך וואָלט געווען אַהיימגעגאַנגען, און דו וואָלסט געקענט גאַנץ גוט באַשטיין ניט צו וויסן וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט... דאָס קען איך מיר נאָר מיט דיין גלייכגילטיקייט און לייכטזיניקייט דערקלערן, מחמת אַזוי קען נאָר האַנדלען אַ געוויסנלאָזער פאַרברעכער.

רפאל האָט שמערצלעך די ליפן פאַרביסן און געשוויגן...

דאָס האָט זי נאָך טיפער געקרענקט און זי איז אין אַ געוויין אויסגעבראָכן...

רפאל האָט מער ניט געקענט זיך צוריקהאַלטן און אָנגעהויבן מיט חשד זי אויסצופרעגן פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי לאַנג ביים דאָקטאָר געזוימט, און וואָס אייגנטלעך ער האָט איר געטאָן?...

רבקה האָט אים מיט אַ ביטערן שמייכל געענטפערט: אַז דו האָסט זיך פריער ניט געאײַלט צו וויסן, אײַל איך זיך יעצט דיר ניט צו דערציילן...

אַ צערייצטער האָט רפאל זי פאַר דער האַנט אַנגעכאַפּט: וואָס, קאָמעדיע ווערסטו מיט מיר שפּילן?...

— ניט איך, נאָר דו שפּילסט קאָמעדיע, דו מאַכסט זיך לעכערלעך...

— איך, איך? מאַך זיך לעכערלעך זאָגסטו, — און אַ פּאַרלאַנג האָט אים אַרומגענומען זי שטייען צו לאָזן און פון איר אַנטלויפן אויף תּמיד, זאָל זי וויסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל ווער ער איז...

רבקה האָט דערזען אַז רפאל איז איפּערזיכטיק, און דאָס האָט איר שטאַרק אימפּאָנירט...— נאַריש יינגל — האָט זי צו אים אויסגערופן און אים צו זיך געצויגן קושנדיק אויף די ליפּן — דו ביזט דאָך נאָך גאָר, גאָר אַ נאַאיווער, ווייסטו דען ניט פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי לאַנג געזוימט? ווייל עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט...

— און וואָס האָט ער דיר דען געטאָן? — האָט רפאל נאָכאַמאָל זיין פּריערדיקע פראַגע איבערגע׳חזר׳ט — איך וויל עס וויסן...

— וואָס ווילסטו דען וויסן, נאַרישער בחור, ווייסטו דען ניט וואָס אַ פרויען־דאָקטאָר טוט?

— האָט ער דיך געהייסן אין גאַנצן נאַקעט אויסטאָן, זאָג מיר דעם אמת...

רבקה׳ן איז עס פּיינלעך געוואָרן צו מוט און זי האָט מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים אים געענטפערט: עס איז מיר עקלהאַפט און איבלדיק דאָס צו איבער־דערציילן, מיר ליגן ניט אַזעלכע שטותים אין זינען.— עפּעס אַנדערש פאַראינ־טערעסירט דיך ניט צו וויסן, איך מיין דו האָסט עפּעס וויכטיקערס ביי מיר צו פרעגן...

רפאל׳ן האָבן רבקה׳ס ווערטער ווייטאָגדיק געררייצט, און ער האָט ניט אויפגעהערט ביי איר צו דרינגען זי זאָל אים זאָגן אויב זי האָט זיך אין גאַנצן געמוזט אויסטאָן און וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געטאָן...

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט אים רבקה געענטפערט: אַז יאָ. דער דאָקטאָר האָט איר מיט אַ מוטער־שפּיגל זער ווי געטאָן, בעת ער האָט אים טיף אין איר טראַכט אַריינגעבויערט . . .

אַ ברענענדיקע איפּערזוכט אויסגעמישט מיט אַ גרויסער ליידנשאַפט האָט רפאל׳ן אַרומגענומען צו איר...

אָבער ווען ער האָט רואיקער רבקה׳ס פּנים באַטראַכט האָט ער געזען אַז עס איז אין אַ טונקעלן וואָלקן פאַרהילט. שווערע אַנונגען האָבן אים אָנגעהויבן צו באַפאַלן... ער איז אויך אויף איינמאָל געוואָיער געוואָרן אַז זי איז שוין אין דריטן חודש... און העלפן קען דער דאָקטאָר ניט, ווייל ער טאָר ניט. איז אים ווידער אין מוח פינסטער געוואָרן און ער האָט זיך דערפילט אַ פאַרלוירענער אָן אַן אויסוועג...

זי מוז אַ קליינע אָפּעראַציע האָבן, נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען איר פרוכט אָפּטרייבן... און דאָס מוז פון אַ דאָקטאָר געמאַכט ווערן, ווייל עס האָבן שוין אַ סך אומגליקן פּאַסירט ווען פעלדשערס האָבן עס געטאָן...

די לעצטע ווערטער האָט זי אַזוי שטיל און הילפלאָז אַרויסגעבראַכט, אַז רפאל׳ן האָבן זיי ווי מעסערס אין האַרצן געשטאָכן.

זיין גאַנצע איפּערזוכט און תאוה זענען בטל געוואָרן אין אַ ים פון טרויריקע אַנונגען... און דערצו מוז ער נאָך אייגריקן אין אייניקע טעג אַרום און זי אַליין צוריקלאָזן, עס האָט אים שרעקלעך צו שווידערן אָנגעפאַנגען, מחמת ער האָט געוווּסט אַז זי שטייט פאַר דער אַלטערנאַטיווע: אָדער זי איבערגיט זיך צו דער אַקושערקע, דאָס מיינט דעם צופאַל... אָדער זי באַגייט זעלבסטמאָרד...

אַ טיפער רחמנות צו איר האָט אים דעם האַלז פאַרשנירט, ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי איר און ניט געוווּסט ווי עס ווידער גוט צו מאַכן און אַ וויטיקדיקער באַגער איר צו העלפן האָט אויפגעפלאַמט אין זיין צעטרייסלטן וועזן; ער האָט אויף איינמאָל זיין קלעגלעכן קאָמפּאַניאָן דעם תמיד ריקזיכטסלאָזן דאָן זשואַן דערזען פאַר זיך אין געשטאַלט פון אַ פאַרקריפּלטן ליליפּוט...

ער האָט זיך דערמאָנט אין אירע ריירנדיקע ווערטער: „עס זענען אָבער פאַראַנען מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן, וואָס ניט מען קען דאָס לעבן נעמען ווי עס איז, נאָר מען ווערט הערפון גענומען“ . . .

יעצט דערפילט ער דאָס אויף זיין אייגענעם לייב און הויט, יעצט ערשט ווייסט ער ווי רעכט זי האָט געהאַט; ער באַגרייפט אויך גלייכצייטיק אַז ער מוז איר העלפן זיך ראַטעווען, אַז ניט איז ער אויך פאַרלוירן, ווייל ער וועט עס ניט איבערהאַלטן, ער וועט איר אומגליק ניט קענען דערטראָגן, ער וועט צו שוואַך זיין דערצו... זיין אייגענעם צער און פּיין קען מען נאָך ווי עס זאָל ניט זיין דערשלעפּן, אָבער דעם צווייטנס, וואָס מען האָט אַליין גורם געווען — ניין, דער דאָזיקער איז צו שווער, צו געוואַלטיק אַז מען זאָל היינטער אים ניט צוזאַמענברעכן...

— — — — — — — — — — — — —

אין אַ נעפּלדיק טריפּנדיקע האַרבסט־נאַכט האָבן זיי זיך ביידע געזעגנט.

צום וואָקזאַל האָט זי ניט געוואָלט קומען, מחמת קיינער זאָל זיך פון זייער ליבע ניט דערוויסן, הגם מ׳האָט זיי אַ סך מאָל געזען צוזאַמען גיין...

רפאל איז אַ שרעקלעך צעטראָגענער און אויפגערעגטער געווען, און אויף איינמאָל ביטער צו זידלען אויף דייטשלאַנד און עסטרייך אָנגעפאַנגען, און בכלל אויף דער גאַנצער מלחמה, וועלכע איז נאָר פון אַ הייפל אינטריגאַנטישע דיפּלאָמאַטן איינסצעניִרט געוואָרן וואָס פאַרטרעטן ווי תמיד דאָס גרויס־קאַפּיטאַל; און די פייגע סאָציאַליסטן וועלכע האָבן געדאַרפט די מאַסן אין אַלע לענדער אַקייגן דעם קריג צו מאָביליזירן און זיי צו דערקלערן אַז זייערע שונאים זענען ניט די פרעמדע נאַציעס נאָר דאָס גרויס־קאַפּיטאַל אין יעדנס אייגענעם לאַנד — האָבן זיך געלאָזן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברעכערישער קליקע פאַרהעצן... און אַזוי לאַנג ווי די דאָזיקע קליקע וועט ניט באַזיגט ווערן, וועט דער קריג קיינמאָל ניט אויפהערן... אַנשטאָט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער מאַסן אין יעדן לאַנד באַזונדער, האָבן איבעראַל די פאַרבלענדעטע

אַרבעטער פאַרטרעטער דעם פאַלשן פאַטריאָטישן שאָוויניזם געפּריידיקט און דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם אין אַרבעטער בלוט דערטרונקן...

— רבקה — האָט ער זיך פּלוצים צו איר געווענדעט — איך שווער דיר, אַז איך וועל נית דינען, איך וועל אַלעס אין דער וועלט אָנשטעלן, אָבער דינען וועל איך זיי נית, און פאַר זיי דער׳הרג׳עט ווערן אודאי און אודאי נית... איך וועל סימולירן, מאַכן זיך אָנשטעלן פאַר אַ משוגענעם, לאָמען, אָדער בלינדן, ביז זיי וועלן מיך מוזן באַפרייען... איך וועל צו דיר צוריקקומען, איך שווער עס דיר, איך וועל דיך נית אַליין איבערלאָזן אין דעם צער וואָס איך האָב דיר פאַראורזאַכט...

אין אַ קורצע צייט אַרום איז רבקה מיט איר גאָלהענעם ברילאַנט רינג צו דער אַקושערקע אַרויפגעגאַנגען, עס איז איר גלייכגילטיק געווען וואָס מיט איר זאָל נית פּאַסירן, אַבי נאָר זי זאָל פון דעם פינסטערן פעקל פטור ווערן... דערפאַר האָט זי ביי דער אַקושערקע געבעטן מיט געוויין דערציילנדיק איר דעם שווערן מצב און די אומגליקלעכע ליבע אירע...

—טאָמער וועט איר מיך אַוועקשיקן פון אייך — האָט זי צו דער אַקושער־קע מיט אַ געבראָכענע שטים געזאָגט — בלייבט מיר קיין אַנדערע ברירה נית איבער נאָר זעלבסט־מאָרד צו באַגיין, איך פאַרזיכער אייך — גאַנץ גלייך וואָס מיט מיר זאָל נית פּאַסירן, וועט זיך קיינמאָל קיינער פון גאָרנית דערוויסן, איר מעגט עס מיר גלייבן, איך זאָג עס אייך צו, אויף מיין נאמנות, — העלפט מיר, ראַטעוועט מיך, איך בין עלנט און פאַרלאָזן . . . איך שעם זיך פאַר מיינע עלטערן, מיינע שוועסטער, פאַר אַלע מיינע באַקאַנטע, פאַר אַלע מענטשן, פאַר דער וועלט, איך שעם זיך פאַר מיר אַליין, אַ ראַטעוועט מיך! פון דעם אומגליק וויל איך שעם זיך איך שעם זיך!...

און זי איז צוגעפאַלן צו דער אַקושערקע מיט אַ ביטערן שלוכצן איר די האַנט געקושט.

אַ געריערטע פון דעם מיידלס אויפריכטיקייט און ערלעכע רייד, איז די אַקושערקע מרוצה געוואָרן זי אין איר קליניק צו באַהאַלטן, אָבער רבקעלע האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין און אויפסניי ביי איר גענומען בעטן אַז זי וויל און קען נאָך דער אָפּעראַציע אַ היימגיין, סטאָר זיך קיינער גאָרנית מערקן און אויף איר אַ חשד האָבן...

אום גאָטעס ווילן האָט די אַקושערקע שטרענג זיך אויף איר אָנגעבייזערט: ביין; דאָס טאָרניט זיין, איר קענט נאָך אויפן וועג פאַרבלוטן, דאָס איז נית קיין קלייניקייט... אוי, אַקושערקע קרוין איך וועל נית פאַרבלוטן, איר דאַרפט נית גאָרנית שרעקן פאַר מיר, איך וועל זיך שוין אַהיים־דערשלאָגן; קיינער קען מיך נית אַזוי גוט פאַרשטיין ווי איר מיין טייערע, איך האָב אייך דאָך שוין דערקלערט אַז איך קען ביי אייך נית פאַרבלייבן, ווייל מען וועט זיך אין דער היים דערוויסן און דאָס טאָרניט זיין...

די קענסט דאָך אָבער מפּלן אויפן וועג, אַ בלוטשטורץ באַקומען און דאָס

איז לעבנסגעפערלעך פאר דיר און אויך ניט ווייניקער פאר מיר...

אַ קושערקע קרויז, עס מאַכט ניט אויס, זאָל זיין וואָס עס וויל, איך קען בײַ אײַך ניט פאַרבלייבן איך מוז אַהיים־גיין, עס וועט מיר ניט שאַטן איך בעט אײַך מיין טייערע...

אָבער אויף דיין אייגענעם ריזיקאָ און געפאַר, און דו מוזט מיר נאָכאַמאָל שווערן אַז דו וועסט עס קיינעם אין דער וועלט בשום אופן ניט אויסזאָגן, אַפילו דאָס שלימסטע זאָל מיט דיר פּאַסירן מוסטו שווייגן...

איך שווער אײַך, איך שווער עס אײַך בײַ אַלעס אין דער וועלט, וואָס מיר איז נאָר הייליק און טייער, איך וועל עס קיינמאָל קיינעמען ניט דערציילן...

די אַקושערקע האָט זי אין אַ סעפּעראַטן חדר אַריינגענומען, זי אויף אַ סאָפקע אַוועקגעלייגט מיט אַ מוטערשפּיגל זי שמערצפול אונטערזוכט, — און טיף אין איר טראַכט אַ לאַנגן געבויגענעם רערל אַריינגעשטויסן און אָנגעפאַנגען טיף אין דער פּרוכט פון איר בויך אַריינצובויערן, זי האָט אַוויטיקדיקן שטעכן אין אַלע גלידער דערפילט, אָבער די ליפּן שטום פאַרביסן, די אַקושערקע האָט אַלץ אין איינעם אָן אויפהער אין איר געבויערט... עס האָט זי צו פרידן אָנגעפאַנגען און דער קאָפּ איז בײַ איר מיט אַ קאַלטן שווייס באַדעקט געוואָרן...

אין 4 וואָכן אַרום מוסטו ווידער קומען צו מיר, — האָט זי ווי אין חלום דער אַקושערקעס באַפעלנדיקן ערנסטן קול דערהערט.

ווי אַזוי זי איז אַ היימגעגאַנגען געדענקט זי ניט מער, — נאָר וואָס זי ווייס איז: באַלד אין איניקע טעג אַרום האָט זי נאָכאַמאָל געמוזט גיין אַז די אַקושערקע זאָל זי בויערן... גלייך דערנאָך ווי זי איז אַהיימגעקומען האָט זי אין בויך אַ שרעקלעכעס פרעסן ווי פון אַ שווערן שטיין דערפילט, עפּעס האָט זיך געזוכט אין איר אָפּצורייסן, זי האָט צו בלוטן אָנגעפאַנגען און שיר אין איר אייגן בלוט פאַרגאַנגען...

די מוטער אַ טיפדערשראָקענע האָט איר תיכף זייער דאָקטאָר געלאָזן רופן וועלכער האָט זי נאָר אָנגעקוקט, האָט ער גלייך געוווסט אין וואָס עס האַנדלט זיך, ער האָט בײַ איר גאָרניט געפרעגט, נאָר איר געגעבן פילן דאָס בלוט צושטילן און זי געהייסן איניקע טאָג גאַנץ רואיק אין בעט ליגנבלייבן, זיך מיט קיין שום אבר ניט רירן... קענענדיק רבקעלן צייט איר קינדהייט אָן, האָט ער דער מוטער געזאָגט: עס מאַכט ניט אויס, בײַ יינגע פרייליינס פּאַסירט עס אָפט אַז זיי בלוטן שטאַרקער...

חוץ איר וועט געזונט ווערן, — האָט ער זיך מיט אַ שפּיציק שמייכעלע צו רבקעלען געוואָנדן: קומט אַרויף צו מיר, וועל איך אײַך אונטערזוכן, דערווייל נאָר רואיק פאַרהאַלטן זיך און די פילן נעמען...

רבקה וועלכע איז כמעט אין חלשות געלעגן שרעקנדיק זיך אַז דער דאָקטאָר וועט באַלד איר גאַנצן אומגליק מבשר זיין איז ווי בײַ געבוירן געוואָרן ווען דער דאָקטאָר איז פון זיי אַרויס...

און ווען זי האָט ביטער געקעמפּט מיט אירע שמערצן און געשוועבט צווישן לעבן און טויט, האָט אין שווערן פיבער זי ניט קיינער נאָר רובינשטיין געהאַלטן אויף זיין שויס און געטרייסט: איך ווייס רבקעלע אַז דו ביסט ניט שולדיק דיין ליבע צו מיר האָט דאָס אַזוי דיין בלוט פאַרפּירט... און ליבנדיק מיך אַזוי שטאַרק, האָסטו זיך פאַר בּאַנגנדיקער אייַנזאַמקייט און בענקשאַפט פאַרגעסן, דיין בלוט איז אָפּגעשכורט געוואָרן מיין אָרעם קינד, איך ווייס, דו ביסט גוט מיין טייערע, דו האָסט עס ניט געוואָלט, — איך בין דערפאַר, עס דיר מוחל, ווייל דו האָסט הערמיט נאָר דיר אַליין אַזויפיל ליידן און פיין פאַרשאַפט, און איך ליב דיך ניט ווייניקער ווי פריער, ווען איך וועל נאָר קענען, וועל איך באַלד צוריקקומען צו דיר, ווייל דו ביסט אויף אייביק מיין, — און איך אויף אייביק, אייביק דיין...

.5

ווי נאָר רבקה איז פון איר שווערע מיזערע אַרויס, און קוים באַוויזן אַביסל פרייער אָפּצואָטעמען; איז זי באַלד ווידער אין אַן ערנסטע קרענק אַריינגעפאַלן און געמוזט אין שפּיטאָל אַריינקומען.

זי איז דאָרט אָפּגעלעגן אין ווייטיק און אין מרה שחורה, אַ לענגערע צייט האָט זי זיך שטאַרק איינזאַם דערפילט, — מחמת איר מוטער האָט אויסגעמידן צוצולאָזן אַלע באַקאַנטע צו איר; כדי מ׳זאָל זיך ניט דערוויסן אַז זי, דאָס כלה־מיידל איז קראַנק. ווייל אַזעלכע זאַכן פלעגן אַמאָל שטאַרק שאַדן אַ שידוך צו טאָן...

אַ האַלבצעבראָכענע, פאַרבלאַסטע, כמעט ווי מיט 10 יאָר עלטער איז זי דערנאָך אַ היימגעקומען.

די היים איז בעת איר קראַנקהייט ווי איבערגעקערט געוואָרן...

דער טאַטע שוין לאַנג ביי מיליטער, די מאַמע פאַראָרעמט, באָבע זיידע פון גאַליציען פאַר די רוסן אַהער אַנטלאָפן, די קינדער פאַרנאַכלעסיקט, אין די שטובן אַן אומאָרדענונג, דאָס לעבן אַ שווערס; יעדעס מאָל נייע און טרויעריקע ידיעות, שרעקלעכע מויעות, און די לעבנסמיטלען שלעכט, טייער און ווינציק.

רבקעלע האָט זיך אַרומגעשלעפּט איינזאַם אין מיד אויף דער בלוטיק משוגעגעוואָרענער וועלט, און טרויעריק ביי זיך געטראַכט: סיי ווי איז מיר אַלעס גלייך, וואָס און ווען, האָב איך דען נאָך צו דערוואַרטן?...

אָבער די בשורה אַז ס׳איז מעגלעך רובינשטיין זאָל טויט זיין, ווי שוידעריק זי האָט אויף איר ניט געזאָלט ווירקן, האָט פאָרט אַ נייעם איינהאַלט אין איר לעבן אַריינגעגעבן. (מחמת ביז אַצינד האָט זי ניט געוווּסט וואָס מיט אים איז געשען, און גערעכנט אַז ר׳האָט שוין פאַר אַן אַנדערע חתונה געהאַט) נאָר זינט זי האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אַז ער איז אויפגעהאַנגן געוואָרן פאַרן פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, וועלכע האָט געזאָלט בּונטעווען די מאַסן אַקעגן דעם צאַר; האָט זי אים גערעכט־

פערטיקט, מוחל געווען, און איר נשמה איז עפּעס ווי דערהייכט געוואָרן...

דער טויט אויף וועלכן זי האָט תמיד מיט שרעק און אפשר געקוקט — ווי אויף אַ בלוטדורשטיקן רויבטיר, — וואָס לויערט אויף זיין הילפלאָזן קרבן, און באַפאַלט אים מיט ערמה פון הינטערוויילעכטס; אָט, דער זעלביקער טויט, די פינצטערע היענע, האָט גאָר אַן אַנדערע מראה אין אירע אויגן באַקומען; ער איז ביי איר אין אַ ליכטיקן אידעאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן, — וואָס קען צו יעדער צייט אין מענטשן ניט נאָר טויטן דאָס לעבן, נייערט באַפרייען אים פון לעבנדיקן טויט...

אים דערלייזן און ברענגען אין העכערע שענערע וועלטן אַריין...

און טיף אין האַרצן ביי זיך האָט זי דערפילט, ווי מיט יעדער מינוט דער־נענטערט זי זיך צו די ריינע און אייביקע ספערן...

אַ נייע ערא האָט אין איר נשמה דערוואַכט, — דער אמתדיק אויפריכטיקער מענטש קען אייגנטלעך ניט עגזיסטירן מיטן שקר פון לעבן, נאָר צעשטערט דאָס לעבן פון שקר.

יעצט ערשט ווייסט זי און איז איבערצייגט ווי ערלעך רובינשטיינס כוונות זענען געווען צו איר, ער האָט זי געליבט אָן אַ פּגם מיט אַלע פייערן פון זיין נשמה. און זי האָט אים חושד בכשרן געווען, — אַז ער איז גליך ווי אַלע אַנדערע, זיך נאָר געוואָלט אַרויסדרייען כדי פּטור צו ווערן פון איר, האָט ער גענומען און אין רוסלאַנד געפאָרן, — אַריבערקומענדיק נאָר די גרענעץ מער ניט געוואָלט וויסן פון איר.

אָבער ווי פאַלש זענען אַלע אירע אנונגען איבער דעם וואונדערלעכן מענטש געווען, און אים האָט זי פאַראַטן אויף אַזאַ מוראדיק שענדלעכן אופן, ביין זי קען גאָרניט באַגרייפן ווי זי איז צו דעם פעיק געווען, און צו וואָס דער מענטש איז אַלץ פעיק ווען ער פאַרלירט די קאָנטראָלע איבער זיך...

און פאַרטראַכטענדיק זיך נעמט זי ביי אים שטום מחילה בעטן — פאַרוואָס זי האָט אים אַזוי טיף באַשולדיקט און באַליידיקט, מחמת די זינד אַקייגן אַ טויטן קען שוין קיינער ניט מכפר זיין...

און זי דערפילט פּלוצים, ווי אין איר פליישׁ און בלוט ווערט נולד דאָס געפיל, — אַז זי וועט ניט קענען מער לעבן, נאָר שטאַרבן, יאָ, זי' וועט מוזן שטאַרבן פאַר אים, ניט פאַר קיין שום העכערן אידעאַל, נאָר פאַר דער פשוט'ער ליבע פון איין מענטש צום אַנדערן...

און איר כח־הדמיון פאַרטראָגט זי אין די גליקלעכע צייטן בעת ער פלעגט צו זיי נאָך אַהיימצוקומען, און איר פון זיין שטודיום צו דערציילן.

וואָס פאַר אַ פיינער מענטש דאָס איז געווען. אין אַ אַסימילאַטאָרישער היים אויפגעצויגן, קיין וואָרט יידיש ניט געקענט, געקומען קיין מ. און זיך ערשט יידיש אויסגעלערנט אינ'ם דאָרטיקן „יידישן קולטור פאַריין". זי פלעגט זיך אָפּטמאָל ממש פאַר אים צו שעמען, מיט וואָס פאַר אַ ליבע ער האָט גערעדט און געלייענט יידיש און געזען אויך אַז אַנדערע זאָלן עס קענען. ניט איינמאָל

אויך געשטריטן און זיך איינגעשטעלט דערפאַר. און ווי פריילעך האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן ווען ער האָט מיט אַ נייעם יידישן דיכטער זיך באַקענט, זיין בוך האָט ער ווי אַ הייליקייט אָפּגעהיט און די לידער אויף אויסנווייניק געלערנט. היינט ערשט מיט וואָס פאַר אַ אחריות און התפעלות פלעגט ער די דערציילונגען פון פרץ׳ן און שלום עליכם׳ן פאָרלייענען; דער פאָטער, די מוטער, אפילו אירע קליינע שוועסטערלעך און יעדעס ווינקל פון שטוב האָט זיך מיט אים מיטגעפרייט און תענוג געשעפּט בשעת ער האָט געלייענט. אַזאַ ווילער און גאָלדענער מענטש איז דאָס געווען. ער האָט זי פאַרשידענע פאָלקס לידלעך אויסגעלערנט, — זי האָט זיי דאַן געזונגען און געשפּילט אויפן קלאַוויר.

זייענדיק פון רוסלאַנד אַן אַנטלאָפענער, האָט ער זיך דאָ זער שווער געקענט אַקלימאַטיזירן. די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור האָט ער מיט גרויס מי ערשט געמוזט לערנען. דערווייטערט פון זיין היים און פון יידן, האָט ער זיין יידישן שורש ערשט דערקענט... אָרימע סטודענטן פלעגט ער בחינם לעקציעס צו געבן, און ווי פלייסיג ער איז געווען — יעדעס „ריגאָראָזום" און יעדעס „קאָלאָקוויום" איז ער שפּילעוודיק אַדורכגעקומען און זיין דאָקטאָר דיפּלאָם מיט אַן אויסצייכנונג געמאַכט.

און וואָס פאַר אַ ליבע האָט ער געפילט צו איר גאַנצער פאַמיליע. זינט ער איז צו זיי אַהיימגעקומען האָט אַלעס גאָר אַן אַנדערן פּנים אָנגענומען. פאַר די קינדער איז ער פּשוט ווי אַ לערער געווען, זיי אַלעס אָנגעוויזן און פאַרבעסערט. איר מוטער האָט ער געשעצט און געאַכט פאַר איר פרומקייט.

רבקה׳לעס פאָטער, אין דער היים כמעט אַ גרינגגעשעצטער, האָט זיך תמיד מיט אים אַמבעסטן פאַרשטאַנען, מחמת רובינשטיין האָט אים פאַרשטאַנען אָפּצובאַצאָלן מיט דעם דרך ארץ וואָס ער האָט געהאַט אין דער היים פאַרלוירן...

זייענדיק דאָס איינציגע זונדל פון אַ רייכן כילעווער, האָט אים זיין פאָטער אַלע תענוגים און תשוקות נאָכגעגעבן. ער האָט זיין אייגן פערדל און ברישקע געהאַט. אין חדר קיינמאָל ניט געגאַנגען, נאָר מלמדים געלאָזן צו זיך אַהיימקומען.

און איז אַמאָל אַ באַרימטער חזן, אָדער אַ גוטע טעאַטער־טרופּע קיין לעמבערג געקומען, איז ער מיט זיין ליב־פריינד הערש דוד׳ן באַלד פון די ערשטע געווען וואָס האָט זיך מיט זיין אייגענער פערד און ברישקע קיין לעמבערג געלאָזן.

הערש דוד: אַ גרויס געזונטע געשטאַלט, אַ ברייטן פּנים, מיט אַ פלאַטשיקער נאָז, וועלכע האָט אַ ים מיט תאוה אין זיך איין און אויסגעאָטעמט, האָט לגבי רבקהלעס פאָטער וועלכער איז אַ קליינגעוואַקסענער געווען ווי אַ מחבל אויסגעזען. אָט דער געזונטער יאַט האָט ניט פיינט געהאַט מיט זיין חבר׳ס שיינע יונגע ווייבל היינטער זיין רוקן, אין הייסע ויכוחים זיך אַריינצולאָזן, זי שטאַרק צו באַדויערן וואָס איר מאַן איז אַ שטיק הולטיי, שפּילט אין קאָרטן און

קריכט בשתיקה צו פרעמדע נקבות... דאָס רחמנות־געפיל פון פּיוול־גבור, ווי מען פלעגט אים רופן, איז אַמאָל אַזוי ווייט צו זיין חבר׳ס יונגען און שייגעם ווייבל דערגאַנגען, אַז ער האָט זי איבערגערעדט מיט אים צו אַנטלויפן, כדי אויף אַזאַ אופן פון זיין חבר דעם פּוסט און פּאַסטניק פּטור צו ווערן...

יאַשקע ווערנער, רחל׳עס פאָטער, איז תמיד אַ זאַרגלאָזער, פריילעכער און גוטער ברודער געווען. לייכטזיניק, אָבער מיט אַן אויפריכטיקן כאַראַקטער, טאַקע ליב געהאַט אַ לעב צו טאָן נאָר אַננונגלאַז.

אויפעסנדיק די פּאָר טויזנט גילדן בדן וואָס זיין ווייב האָט צו דער חתונה באַקומען, האָט ער געמוזט אַנהויבן פון תכלית צו קלערן. און אַזוי ווי אין דייטשלאַנד איז דאָס געלד פּשוט אויף די גאַסן געלעגן, האָט מען דאָס קלענסטע קינד מיט זיך גענומען, די אַנדערע דערווייל ביי אַ משפחה איבערגעלאָזן און געפאָרן קיין דייטשלאַנד. קומענדיק אַהין האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געלט ליגט גאַרניט אַזוי אויף די גאַסן ווי מען האָט זיך אַנגעהערט, נאָר מען מוז טאַקע גאַנץ געזונט זיך אַנהאַרעווען כדי דעם ביסן צו פאַרדינען — אויסשטיין האַרצקלאַפּעניש, בזיונות און שפּלות ביז מען קומט צו עפּעס. איז מען פאַר דער ערשטער צייט ביי אַ מומען געווען, דאַרטן ניט ווייניק אָפּגעביִדעוועט, אויסגעשטאַנען גיהנום ביז גאָט האָט געהאָלפן.

פון אָנפאַנג אָן האָט יאַשקע צו דער אַרבעט אַ חשקות באַקומען, ער האָט געוואָלט באַווייזן אַז אויך ער איז ניט ווייניקער בריה ווי אַנדערע. האָט ער צע־נויפגעפּאַקט אַ מוסטער־קאָלעקציע פון העמדלעך, זאָקן, הויזן און לייבלעך און זיך אויף דער רייזע אַרויסגעלאָזן. אָבער אַ האַנק זיין שוואַכן חוש פאַרן פּראַק־טישן לעבן און זיין ניט געגוגענדיקן אויסדויער, האָט ער תמיד די רייזע הוצאות צוגעלייגט (מחמת אויף דער רייזע האָט מען געמוזט קענען אויסהאַלטן, ווייל אָפט האָט מען געקענט פון מאַנטיק ביז דאָנערשטיק אָן אַ פּאַרדינסט אַרומלויפן און אויך אַ וואָך „אַדורכברענגען״, דאָס מיינט גאַרניט פאַרדינען). דערפאַר האָט גיטל אין אַ קורצע צייט געמוזט דעם עול פּרנסה איבערנעמען...

און יאַשקע, בכדי זיין בענקשאַפט נאָך דער היים און דעם לאַנגוויל צו פאַר־טרייבן, האָט ער זיך אַ שולעכל אויפגעזוכט, דאַרטן אַ שטיקל גבאי געוואָרן, און געפונען אַ קליינע באַפרידיגונג ביים עמוד, אַרויסווייזנדיק זיינע חזנישע קונצ־שטיקלעך אין די שבתים, און אין די וואָכנטעג פּשוט ביי דאָמינעס און קאָרטן זיך פאַרגעסנקייט געזוכט. נאָר דאָס חזנות און גבאות איז אים באַלד דערעסן געוואָרן, איז ער געבליבן ביי די קאָרטן...

רובינשטיין האָט אים גוט פאַרשטאַנען, און זיך צו אים מיט ליבע און דרך ארץ פאַרהאַלטן, וואָס ער איז עס פון דער היים גאַרניט געווינט געווען; דער־פאַר האָט אים אויך יאַשקע ווערנער וואָס פלעגט פון יעדן וויליינגעריש אָפּצו־חוזקן, אָדער אין בעסטן פאַל מיט אַ ביטל־שמייכעלע אים אָוועקצומאַכן ווי אַן איינגן קינד ליב געווינען, געהאַלטן אים פאַר אַ העכערן מענטש, זיך פאַר אים סהאַרץ אויסגערעדט און אָפטמאָל אויך געלאָזן זיך פון אים אויסמוסרן...

אויף אַ ווײַלע זענען רבֿקעס מחשבֿות ווי איבערגעריסן געוואָרן, מחמת ווידער האָט זיך דער מלאַנכאָלישער בים־באָם פֿונעם קלויסטער־גלאָק געלאָזן הערן...

מיט אַ פּאַראָמערט געמיט איז רבֿקעלע אין אַן אַנדער צימער אַרײַנגעגאַנגען, און איר בליק האָט זיך אָן פֿינקעלשטײַנס פֿידל מיט חרטה אָנגעשלאָגן וועלכע ער האָט איר אַפֿאַר טאָג פֿאַרן אײַנרײַקן צום איבעריקן אָנדענק איבערגעגעבן.

רבֿקה האָט די פֿידל פֿון וואַנט אַראָפּגענומען און מיט צער צו איר גערעדט: איך האָב דיר אַן עוולה געטאָן, דיך גרינג־געשעצט, געדאַרפֿט דיר דעם אמת צו זאָגן, ביט שפּילן זיך מיט דיר... זײַ מיר מוחל טײַערער פֿינקעלשטיין, ערגיץ וווּ אין אַ מאַסן־גרוב גרויען דײַנע יונגע קנאָכן, און דורך וועמען? איך ווייס אַז כבֿין לײַכטזיניק געווען, נאָר די יוגנט האָט מיך דאָס אַזוי פֿאַרפֿירט... צוליב מיר האָט ער צושפּילן אָנגעהויבן, און דורך מיר האָט ער צו שפּילן אויפֿגעהערט... זי האָט די פֿידל מיט ווײַ צו אירע ליפּן צוגעפּירט, און איר נשמה האָט זיך ווײַט ווײַט פֿאַרטראָגן...

— זי צעקעמט אירע שוואַרציזידענע צעפּ, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, זי וואַשט זיך אַרום, טוט אָן איר שוואַרץ־קרעפּטעשין קלייד, פֿון איר טאַליע פֿורפֿורן אַרויס צוויי רויזן. זי פֿאַרפֿיומירט און באַפּודערט זיך גאַנץ לײַכט מיט אַ פֿײַנעם פֿראַנצויזישן פּודער, וועלכער מאַכט איר געזיכט אַ סך אידעלער אַדאַנק דער צאַרטער בלאַסקייט...

די מוטער אירע טוט זיך אויך איר סאַמעטן קלייד אָן, מיט דער גרויסער שניר פּערל און די לײַכטנדיקע בריליאַנט־אוירינגלעך, זי גייט מיט איר טאָכטער מיט.

רבֿקעלע נעמט איר עלפֿנבייַנערנעם פֿעכער, וואַרפֿט איבער די אַקסלען אַ זײַדוויַסן שאַל און אַ בריטשקע מיט צוויי אַדלער פֿערד ברענגען זיי צום „רוסישן הויף“.

שוין פֿון דער ווײַטן האָט זיי דאָס האָטעל מיט פֿאַרשיידענע עלעקטרישע ליכטער מקבל פּנים געווען. אַ דערפֿרייטע איז זי מיט איר מוטער אין זאַל אַרײַנגעקומען.

אַ האַרציקן ברוך הבא האָט זי תיכּף באַקומען פֿון סטודענט יאַקובזאָן, וועלכער האָט זי טאַקע אויך באַלד מיט רובינשטײַנען באַקאַנט געמאַכט...

אַגבֿ איז רובינשטיין יאַקובזאָנס גרעסטער געגנער אינעם „יידישן קולטור פֿאַריין“ געווען, מחמת ער האָט געהערט צו דעם „לינקן העברעיִסטישן פֿליגל“

רובינשטיין האָט מיט אים אָפֿט די גרעסטע מחלוקות געפֿירט, און אים ביז צום בלוט באַליידיקט, אָבער דאָ אויפֿן באַל האָט עס ניט קיין פּאַרטייען געגעבן, דאָ האָט זיך אַלעס פֿאַרייניקט, אַלץ זיך מוחל געווען און ווי ברידער זיך געפֿילט.

דער זאַל האָט געשטראַלט און געבליצט פֿון פֿאַרשידענע קוסטיומען, פּערל, בריליאַנטן און גאָלד האָבן זיך אין פֿליצנדיקע שטראָמען פֿון ליכט געטובלט.

די ווענט זענען געווען באַצירט מיט פֿײַנע אײַלבילדער וועלכע האָבן

געשילדערט מיט פארכישופטע פארבן: „וואגנערס ניבעלונגענרינג"... און האבן א באזונדערן רייץ ארום זיך פארשפרייט.

די מוזיק האט געשפילט א לוסטיקן וואלצער, און פארלעך האבן געטאנצט לייכט, באגליקט, ווי שכור פון יוגנט און ליבע.

און דאמאלט האט איר אויסגעדוכט אז דאס גאנצע לעבן איז ניט מער נאר א גראציעזער, פריילעכער, לייכטער און שיינער טאנץ...

אין א נעבנשטיבל פונעם גרויסן זאל איז דער בופעט געווען. אויסגעסדרט מיט פארשיידענע טארטן, ליקער, ווייז, אראנזשן, טשאקאלאד, ווורשט און ציגארעטן.

ארום א רונדן טיש זענען געזעסן א חברה סטודענטן שוין א ביסל בגילופן און זיך געוויצלט, געפלירטעוועט און געכוסעט מיט ייגנע מיידלעך. מיט פאטע־טישע ליבע מאנאלאגן האבן זיי זיך פאר זיי אויף די קני געלאזן, קושנדיק דעם זוים פון זייערע קליידער און זיך דאן ווי זארגלאזע קינדער צעזונגען. אז ווער עס איז פארבייגעגאנגען איז פשוט ווי עלעקטריזירט געווארן פון זייער שפרו־דעלדיקער פרייד, און יוגנטלעכן לייכטזין...

אין א זייט נעבן רבקה׳לען איז רובינשטיין א פארטראכטער געזעסן, מיט זיין אייביק פארביסענעם שמייכל ארום זיינע דינע ליפן, און הנאה געהאט דער־פון וואס אנדערע האבן זיך געפרייט און גליקלעך געווען.

שפעטער איז ער מיט דרך ארץ צו איר צוגעגאנגען און געפרעגט זי ווי ס׳געפעלט איר דא, און ווי עס טאנצט זיך איר?

רויט ווערנדיק און מיט אראפגעלאזטע אויגן האט איך רבקה׳לע געענט־פערט: הערלעך, שיין, עס איז דא אלעס מיט אזוי פיל געשמאק און הארמאניע אראנזשירט געווארן, אז איך בין פשוט נתפעל!

— אודאי, וואס ט׳איר געמיינט, חברה סטודענטן האבן חוש פאר שיינקייט אין לעבן...

— אבער וואס זיצט איר עפעס אזוי איזאלירט, הערר רובינשטיין, און נעמט ניט קיין אנטייל אין טאנץ?

— איך, איך — האט רובינשטיין שטאמלענדיק געענטפערט — איך טאנץ ניט...

זי האט פארוונדערט אירע אויגן אויף אים אויפגעהויבן: פארוואס דען ניט, דאס קען איך ניט משיג זיין; איז דען די געזעלשאפט וואס באשטייט דא נאר פון אייערע אייגענע קאלעגן ניט פאסיק פאר אייך? אדער...

— חלילה, אין געגנטייל, געזעלשאפטלעכע אונטערשיידן קען איך בכלל ניט אין באציאונג פון מענטש צו מענטש, סיידן אין קאפיטאליסטישן זין פון קלאסן־אינטערעס...

— טא פארוואס טאנצט איר ניט, דערקלערט דאס מיר, איך בעט אייך.

א ווײלע האט ער פארלעגן געשוויגן און זיינע אויגן האבן דאן א מאדנעם גלאנץ באקומען.

— אָ, אַנטשולדיקט, איך האָב אייך ניט פאַרשטאַנען, ביטע, אַנטשולדיקט...

—איר מיינט ווייל איך קען ניט? דאַן האָט איר מיך טאַקע ניט פאַרשטאַנען.

— טאָ פאַרוואָס דען טאַנצט איר ניט — האָט רבקה'לע ביי אים געפרעגט אין איין פלאַם איינהילנדיק זיך.

— ווייל ניט אויפהערן דרייען זיך אַ גאַנצן אָוונט אין איין קרייז, און פון דעם דאָזיקן ניט אַרויסקומען איז אוממאָראַליש, האָט אַמאָל דער באַרימטער סעקסואַל פסיכאָלאָג אָטאָ ווייניגער געזאָגט.

— אַך, דערפאַר...— האָט זי אים ליב געענטפערט און נענטער צו אים צוגעגאַנגען — אָבער מיט מיר וועט איר דאָך אַן אויסנאַם מאַכן און טאַנצן, מיר וועלן זען פון קרייז יאָ אַרויסצוקומען, אָטאָ ווייניגער'ן חלילה קיין עולה ניט טאָן, און אויך די מאָראַל דערמיט ניט פוגע בכבוד זיין, וואָס ניט אַזוי?—און זי האָט זיך מיט אַ העל־זילבערנעם געלעכטער צעלאַכט, און אים מיט אַ זעלבסט־באַוווסטער שיינקייטס מינע און נצחון פאַר דער האַנט אָנגענומען און צום טאַנצפאַדיום צוגעפירט.

— מיט אייך, מיט אייך — האָט ער פאַרלעגן געצעגערט, און האַלב ווילנ־לאָז, האַלב שכור פון איר האַרציקן חן געלאָזן זיך פון איר פירן...

זי האָט אירע בלויע אויגן ווייט צעעפנט אויף אים, און מיט זייער אומ־ענדלעכער בלויקייט האָט זיך זיין האַרץ אָנגעפילט.

איר שטים האָט ווי אַ צעזונטער רויזן־ריח זיך געגאָסן: גוט אַזוי, שיין אַזוי, געפעלט דאָס אייך, יאָ, זאָגט עס מיר אָפן, איך בעט אייך.

— מיט אייך, מיט אייך, יאָ, מיט אייך מוז מען טאַנצן, ביי אייך ווערן אַלע געטער מענטשן, און אַלע מענטשן געטער...

— נו, נו, איך וועל באַלד אָנהויבן שטאָלץ צו ווערן, מאַכט מיך נאָר ניט קאַליע...

ער האָט זי ציטערדיק לייכט פאַר דער טאַליע אָנגענומען, פאַר'חלום'ט זיין קאָפּ אויפגעהויבן, און מיט איר טאַנצנדיק געשוועבט, באַלד אויף און באַלד אונטערגייענדיק אין ליבע־גליק...

איר אָטעם האָט ער ווי זיסן באַטויבנדיקן ווייַן געטרונקען, דערפילנדיק איר רייצנדיקע נאַקעטקייט פון איר דופטנדיקן גוף, האָבן זיינע קניען צו פי־בערן אָנגעהויבן. ער האָט אפילו ניט געהערט און געזען ווי זי האָט שמייכלענ־דיק צו אים גערעדט: נאָר ווייטער, פלינקער, און חלילה אין דעם זעלביקן קרייז ניט פאַרבלייבן, ווייל דאָס קען נאָך דעם יקדישן שאָפּענהאַוער ניט ניחא זיין, די מאָראַל קען נאָך האָבן תרעומות צו אים... ניט אַזוי? כאַ־כאַ — האָט איר געלעכטער געשפרודלט ווי אַ זילבערנער באַרג־קוואַל.

פאַר דעם גאַנצן אָוונט האָט שוין רבקה'לע מיט קיין אַנדערן ניט מער גערעדט און געטאַנצט.

אַהיימבאַגלייטנדיק זי, האָט ער איר נאָך פאַרשידענע געשיכטן און איינ־

צעלהייטן פון זיין רייכן באַוועגטן לעבן דערציילט, וואָס האָבן גאָר שטאַרק גע־ווירקט אויף איר יונגען געמיט.

זי האָט געאַרבעט געערדיש, נאָר שווייגנדיק זיינע רייד פאַרשלונגען, און דערפילט ווי זיי קריצן זיך טיף און אויף אייביק אין איר נשמה איין.

קושנדיק מיט דרך ארץ אירע און איר מוטערס האַנט, האָט ער זיך פריינד־לעך מיט זיי געזעגנט און זיי אַ גוטע נאַכט געווינטשן.

אַהיימקומענדיק האָט רבקה׳לע גליך דערפילט אַז זי איז צו רובינשטיינען ווי נאָך צו קיינעמען ניט צוגעבונדן געוואָרן מיט איר גאַנצן הארצן און נשמה.

אויף איר געלעגער איז זי נאָך לאַנג, לאַנג וואָך געבליבן און פאַר אירע אויגן האָט אַלץ געשוועבט זיין שלאַנקע בלאַסע געשטאַלט, מיט דעם פיינעם פאַרביסענעם שמייכל אַרום זיינע דינע ליפּן.

זיינע ליבע רייד האָבן איר אויך נאָך לאַנג אין די אויערן געקלונגען, און זי האָט זיך מיט זיי געשפּילט ווי אַן אומשולדיק קינד מיט בונטע פאַרביקע און שמעקנדיקע בלומען...

6

גרויע שווערע טעג, ווי בלייערנע כמאַרעס, האָבן זיך איבער דייטשלאַנד אַראָפּגעלאָזן און אַלעס פאַרטונקלט...

ביי רבקה׳לען אין הויז איז עס אומעטיק געוואָרן — דער פאָטער ביי מי־ליטער, די מוטער אַן פאַרדינסט מעגלעכקייטן, מחמת די העמדלעך וואָס זי מיט אירע רייזענדערס פלעגן פאַרקויפן, זענען פון דער רעגירונג פאַרבאָטן געוואָרן, און אַלע רייזענדערס האָבן געמוזט איינריקן...

אומדערוואַרט איז אין זייערע צימערן ענגער געוואָרן, די באַבע זיידע זענען פון גאַליציען אַנטלאָפן, מחמת די רוסן זענען שוין גאַנץ נאָנט צו פּושע־מישל געווען. זייער האָב און גוטס האָבן זיי געמוזט צוריקלאָזן, און מיטגענומען האָבן זיי נאָר מיט זיך די פחדים׳דיקע מעשים, וואָס דאָס פינסטערע צאַריסטי־שע רוסלאַנד האָט פאַר די הילפלאָזע יידישע מאַסן געהאַט אַזוי בלוטיק אויס־געשפּינען...

פון טאָג צו טאָג איז דאָס עסן שלעכטער און ווייניקער געוואָרן. מיט קאַר־טאָפליע און זעגעכטס־מעל איז דאָס ברויט געמישט געוואָרן, פון וועלכן טויזנ־טער זענען שפּעטער שווער מאַגנליידנדיק געוואָרן. אַנשטאָט מיט צוקער האָט מען זיך געמוזט מיט סאַכאַרין באַדינען. פון קאַווע, קאַקאָ אָדער טיי האָט מען נאָר געקענט חלום׳ן; אין דער ווירקלעכקייט האָט מען פאַר דעם אַלעם נאָר באַקומען דעם באַרימטן און איבעראַל באַקאַנטן „דויטשן ערזאַץ“...

פּוטער, אייער, אָדער קעז האָט מען אויך נאָר געקענט אין די דערפער בגנבה אונטער טויט־שטרעק און שווערע שטראָפן צוזאַמענשאַכערן...

אין די גאַסן האָט מען אפילו נאָך געהערט דאָס זינגען פון די אָפּציענדיקע סאָלדאַטן: „גלאָריאַ, וויקטאָריאַ, מיט הערץ אונד האַנד פירס פאַטערלאַנד“...

אָבער דער ניגון איז שוין געווען אַזאַ ביטערער און טרויעריקער, אַז יעדער האָט זיך פּשוט פאַר דעם געזאַנג געשראָקן, ווייל אין יעדנס האַרצן האָט דאָס געזאַנג נאָר אַ טיפן רחמנות אַרויסגערופן צו די אומגליקלעכע און צו די צום טויט געצייכנטע באַהעלטעטע סאָלדאַטן, מחמת קיינער האָט אין דעם זיך שוין מער ניט געגלויבט; אפילו דער דייטשער קייזער ווילהעלם מיט אַלע זיינע גענעראַלן האָבן שוין אויך געהאַט אויפגעגעבן דעם גרויסן חלום: „פאַר דייטשלאַנד מער לעבנס רוים צו געווינען"...

הגם אויף די הייזער האָבן נאָך אָפט די זיגעס־פענער געפלאַטערט, האָט אָבער שוין אין די הייזער אַ ביטערע אַנטוישונג געהערשט...

נאָך יעדן זיג זענען באַלד אַלע הייזער און פאַרקנס מיט גרויסע פלאַקאַטן באַקלעבט געווען, וועלכע האָבן נאָכאַמאָל אַלע יאָרגאַנגען צו מוסטערונגען אויפגערופן... און ס'זענען גלייכצייטיק מאַסן איינבאַרופונגען פון פאַרשיידענע קלאַסן פאָרגעקומען.

וואָס העכער און שטאַרקער די מיליטער קאַפּעלעס האָבן געשפּילט, דעסטאָ מער האָבן די מאַמעס אויגן געטרערט, ווען זייערע 17 יאָריקע זין האָבן מיט בלומען באַקראַנצטע העלמס מאַרשירט זינגענדיק:

איך האַטטע איינען קאַמעראַדען
איינען בעססערן פינדסט דו ניכט,
די טראָממעל שלוג צום שטרייטע
ער גינג אַן מיינער זייטע
אים גלייכען שריטט אונד טריטט,
אים גלייכען שריטט אונד טריטט.

איינע קוגעל קאַם געפלאָגען
גילט זי מיר אָדער גילט זי דיר? —
זי האָט איהן וועגגעריססען
ער לאַג צו מיינען פיססען
אַלס וועדס איין שטיק פאָן מיר,
אַלס וועדס איין שטיק פאָן מיר.

ווילל מיר די האַנד נאָך רייכען
דערוויל איך עבען לאַד, —
קאָנן דיר די האַנד ניכט געבען
בלייב דו אים עוויגען לעבען
מיין גוטער קאַמעראַד,
מיין גוטער קאַמעראַד.

נאך די אפציענדיקע סאלדאטן זענען מיידלעך נאכגעלאפן מיט בלומען־בוקעטלעך, און זיך מיט לופט־קושן און טרערנפארלאפענע בליקען אויף אייביק פון זיי געזעגנט.

א צייט לאנג האט רבקה׳לע זיך אפילו אויך ארומגעטראגן מיט דעם געדאנק א קראנקן־שוועסטער צו ווערן, כדי דעם לאנד אויך מיט עפעס צו דינען, און אליין אפשר אויך א באפרידיגונג אין דעם געפינען, אבער איר מוטער האט עס באין אופן ניט דערלאזן; מיר האבן אנדערע דאגות — האט זי גע׳טענה׳ט, און רבקה׳לע האט זי געפאלגט.

— — — — — — — — — — — — —

אין מיטן די רעגנדיקע פארנעפלטע און בלוטיקע טעג, האט די זון פלוצים א לייכט אויף געטאן מיט א העלן פארבלענדנדיקן שיין — די אויסגעהונגערטע און פארטרויערטע קריגס־מידע מענטשן האבן זיך דערפילט פון עפעס אזא געוואלטיקע כוואליע ליכט ארומגענומען, אז זיי האבן אנגעהויבן אין דער טיף פון זייער נשמה פון עפעס גאר גרויסעס צו אנען וואס איז ווי פארבארגן שוין אין דער לופט געשוועבט...

די גאסן האבן זיך ווי א צעוויגטער ים באוויגן מיט די צעשוימטע מענטשן־כוואליעס וועלכע זענען צעשטורעמט געווארן פון די ריזיקע פלאקאטן טעלעגראמעס, וואס זענען אויסגעקלעבט געווען אויף אלע מויערן און פארקנס, מיט בלוטיק גרויסע און צעשריגענע אותיות: „דער רוסישער צאר איז אראפגעווארפן געווארן, און ס׳האט זיך געבילדעט א פאלקס־רעגירונג פון סאלדאטן, מאטראזן און ארבעטארער“...

און דער צעוויגטער מענטשן־ים האט ניט אויפגעהערט צו רוישן: „אין רוסלאנד איז א רעוואלוציע אויסגעבראכן, דער צאר איז אראפגעווארפן געווארן, די מלחמה איז אפגעשטעלט“...

די גרויסע און ליכטיקע בשורה האט אלעמען באַרוישט און פאר׳שכור׳ט, די דייטשע יונקער האבן א האנק רוסלאנד׳ס מפלה ווידער אנגעהויבן צו גלויבן אין א נצחון — נאך דער פארניכטנדיקער „מארנע־שלאכט“...

די מאנארכיסטן האבן צוריק זייער זיכערקייט באקומען, אבער די סאציאליסטן האבן אין דעם אלעם אן אנהויב פונ׳ם שרעקלעכן סוף דערזען...

די יידן האבן געגלויבט אז ס׳זענען געקומען משיח׳ס צייטן און ענדלעך וועלן זיי פון פינסטערן גלות אויסגעלייזט ווערן, ס׳וועט א נייעס לעבן אנטשטיין...

באזונדערס טיף האט די בשורה געווירקט אויף רבקה׳לעס נשמה, מחמת זי האט זיך דערמאנט מיט וואס פאר א גרויזאמער שנאה רובינשטיין האט זיך ארומגעטראגן אקעגן דעם בלוטיקן, דעספאטישן צאריזם, און ווי ער האט דאס נאך דער מינוט געבענקט פון זיין טאטאלער פארניכטונג...

און זי האט זיך אויך דערמאנט, מיט וואס פאר א התפעלות ער האט גערעדט וועגן דער רעוואלוציע, און וועגן דעם צאר׳ס סוף...

הײַנט איז דער וואַמפּיר און הענקער פון אַלע רעוואָלוציאָנערן און ייִדן אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון זײַן טראָן,— און רובינשטיין, איר טײַערער, טרײַער רובינשטיין, צי האָט ער דאָס דערלעבט, צי האָט ער דאָס דערלעבט?

אַ דאַנק דעם אויספּעלן פון פאַרשיידענע רוי שטאָפן, וואָס זענען פון אויסלאַנד קיין דײַטשלאַנד אַרײַנגעקומען, איז דער דוחק פון פאַרשיידענע חפצים געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. מיט האָלץ האָט מען שיך געזוילט, און פון פּאַפּיר האָט מען שטאָפן פאַראַרבעט און קליידער פאַבריצירט.

דערפאַר האָבן אָנגעהויבן די גרעסטע קויפהײַזער אַלע פריערדיקע פרידנס סחורות צו פאַרבאַהאַלטן, ניט אַכטענדיק אויף די שווערע שטראָפן וואָס האָבן דערפאַר געדראָט, און זיי דערנאָך צו פאַרקויפן פאַר אַזעלכע פּרײַזן, וואָס האָבן דעם פאַרקויפער געגעבן די מעגלעכקייט מיט נײַע גוטע סחורות זיך צו באַזאָרגן...

אַזוי ווי אַלע דײַטשע גאָלד־רעזערוואַרן זענען פאַרברויכט געוואָרן, האָט דאָס פּאַפּיר געלט קיין דעקונג מער ניט געהאַט, און דערפאַר זײַן ריכטיקן ווערט פאַרלוירן און אָנגעפאַנגען אין די מיליאָנען און מיליאַרדן צו קורסירן; וואָס מער מיליאָנען אײנער האָט באַזעסן, דעסטאָ ווייניקער סחורות האָט ער פאַר די דאָזיקע געקענט באַקומען, מחמת די סחורות האָבן פון שעה צו שעה געביטן זייער ווערט, אויף אַ פאַנטאַסטישן און אומנאַטירלעכן אופן געשטיגן...

די גאַנצע ווירטשאַפט איז אַרײַן אין די אַלץ דערהרייקנדיקע לאַפּעס פון דער גרויזאַמער אינפלאַציע, און פון דער דאָזיקער געפערלעכער קרענק אויסגעצוימט און שווינדזיכטיק געוואָרן.

און אין אָט דעם דאָזיקן זומפּ און קויט האָט דער נאַציזמוס אָנגעהויבן צו בליען און זיך פונאַנדערצוואַקסן.

די אומנאָרמאַלע לאַגע האָט כמעט אַלע הענדלער צום וווכער געטריבן...

און אַזוי ווי רבֿקה׳לעס מוטער האָט ניט געהאַט מיט וואָס זיך מפרנס צו זײַן, האָט זי דאָס געטון אין דעטייל, וואָס אַלע גרויסע סוחרים האָבן געטון ענגראָ...

ביז אײנציקווײַז, אײנציקווײַז, האָט דער אומעט מיט די דאגות־פּרנסה אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון זייערע שטיבער, און אַלעס האָט ווידער אויפגעלעבט. געזעלשאַפטן האָבן אָנגעהויבן אויפסניי צו זיי צו קומען, מ׳האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט: מיט זייד, פאַנשטאָף, פירהאַנגשטאָף, פּאָטשעווקע, פּאָדעם, שטאָף־אָפּפאַל, און מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

ווידער אַרויס אויף דער רייזע, אויפגעזוכט געשעפטן (הגם אין טויטשרעק) און באַצאָלט וואָס מ׳האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַבי אַ שטיקל סחורה אַהײמצוברענגען.

רבֿקה׳לעס מוטער, וועלכע איז פון תמיד אָן געווען געוווינט צו אַרבעטן, האָט פּשוט פון דאָס נײַ אויפגעלעבט; הגם די פאַרדינסטן זענען ניט אַזוי לײַכט אָנגעקומען ווי פריער, האָט זי זיך מיט אַלע כּחות צו דער אַרבעט גענומען.

אָבער די דייטשע זשאַנדאַרמען און אַלע שפּיצלען האָבן אויך ניט געשלאָפֿן, נאָר אָפּגעטון זייער אַרבעט גרינטלעך און בשלימות: פֿאַרפֿאָלגט און אויסגעשפּרייט נעצן אויף שריט און טריט, פֿאַר אַלע פּאַסאַנטן און רייזענדערס, ביים איינשטייגן אין דער באַן, און ביים אויסשטייגן פֿון איר, ביים אַריינגיין אין האָטעל און ביים אַרויסגיין — איבעראַל שפּיצלען און שפּיצלען, ווו מען האָט זיי ניט פֿאַרזייט זענען זיי אויסגעוואַקסן, ווי משוגענע שוואָמען... און עס האָט זיי אַמאָל אָנגעגליקט צו דערטאַפּן אַ גאַליצישן ייִד, איז זייער שאַדנפֿרייד געווען אין לשער, און באַלד האָט מען געמאַכט אַ גאַנצן צימעס דערפֿון, געלאָזן אין אַלע צייטונגען דערשיינען אַרטיקלען מיט גרויסע פֿעטע שרייענדיקע נעמען: „ווער שיעבט, וווכערט, האַמסטערט? נור דער גאַליציַשע יודע! ווער זויגט דייטשלאַנד אויס בעת דאָס דייטשע פֿאָלק פֿאַרבלוט אויף די שלאַכטפֿעלדער, גייט אַרום קרוע־ובלוע, פֿאַרהונגערט און פֿרירט אין זיין אייגענער היימאַט — נור דער גאַליצישער זאַוויד, ער באַרייכערט זיך, זויפֿט און פֿרעסט און לעבט אין ווילטאָג; פֿאַרטרייבט זיי, יאָגט זיי אַרויס די וווכערער און שיעבער, אויפֿן גאַלגן מיט זיי, נאָר די פּאַראַזיטן זענען שולדיק אין דייטשלאַנד'ס אומגליק, ביז ס'וועט ניט דער לעצטער ייִד פֿון דייטשלאַנד אַרויס אַזוי לאַנג וועט אונזער שיינע היימאַט אויסגעפּליַנדערט און באַרויבט זיין!"

ניט קיין קליינעם חלק האָבן אויך אָפּט אין אַזעלכע געפֿערלעכע העצעס די דייטשע יהודימלעך גופֿא געהאַט, מיינענדיק אַז מיט'ן אַרויפֿליגן אַלץ אויפ'ן גאַליצישן ייִד, וועט מען אַליין שענער און גערעכטער אין „יעקעס אויגן" אויסזען...

דערפֿון האָט זיך גענומען וואָס דער גאַליצישער ייִד איז געווען דער פֿאַרהאַסטסטער כמעט אין גאַנץ דייטשלאַנד, און האָט זיך אָפּט אַליין פֿאַרלייקנט, און זיך מיט זיך אַליין געשעמט...

אַמאָל האָט אַזאַ שפּיצל אויך רבקה'לעס מוטער פֿאַרפֿאָלגט און נאָכגעשפּירט, אַז ס'איז איר שיער די נשמה פֿאַר שרעק אויסגעגאַנגען, ביז גאָט האָט געהאָלפֿן זי האָט אים מער ניט געזען. דערנאָך האָט זי ערשט געפֿילט ווי די קניען האָבן איר געציטערט, עס האָט זי אַזאַ שוואַכקייט אַרומגענומען, אַז זי איז פּשוט שיער אין חלשות געפֿאַלן. האַנדלען האָט זי שוין דעם גאַנצן טאָג מער ניט געקענט, נאָר צעזאַמענגעפּאַקט איר ביסל סחורה וואָס זי האָט געהאַט צענויפֿגעקויפֿט, און זיך גלייך געלאָזן צום באַנהאָף מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן מען זאָל זי חלילה נאָר ניט דערזען... אין קופּע האָט זי די סחורה אויפ'ן געפּעק־פּלאַץ אַוועקגעלייגט, און זיך געזעצט אין אַן אַנדערן וואַגאָן אַריין, די סחורה מפֿקיר געווען, ווייל טאָמער מאַכט מען אַ זוכונג אין דער אייזנבאַן, ווי ס'האָט אָפּט פּאַסירט, זאָל מען זיך ניט דערוויסן צו וועמען די סחורה באַלאַנגט. קוים מיט צרות זי האָט דערלעבט אַהיימצוקומען, האָט זי גענומען ערשט אויפֿצואָטעמען. באַלד זענען איר די קינדערלעך פֿריידיק אַקעגנגעלאָפֿן, און זי גע־

קושט און געהאַלזט, מחמת זי איז אַזוי גיך צוריקגעקומען, ווייל דאָס האָט גע־מיינט אַז זי האָט אַ גוט געשעפט געמאַכט, און פאַר יעדן קינד עפּעס פיינס מיטגעבראַכט... מחמת נאָר אין אַזעלכע פאַלן זענען זיי געוווינט געווען אַז זייער מוטער זאָל צו זיי פון דער רייזע אַזוי גיך אַהיימקומען.

דערפאַר האָט ביי יעדן קינד זיך די נייגעריקייט צעפלאַקערט, און יעדעס באַזונדער האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויף די שיינע נייע זאַכן, וואָס די מאַמעשי האָט פאַר אים אַהיימגעבראַכט... די קינדער־גומענדלעך האָבן פּשוט געלעכצט נאָך אַ שטיקל עכטן פויערישן ברויט מיט פרישע פּוטער, אַן איי, אָדער אַ שטיקל קעז, וואָס מ'האָט אין דער שטאָט ניט פאַר שווער געלט גע־קענט באַקומען. זייערע הערצלעך האָבן געקלאַפּט, אפשר האָט די מאַמעשי גאָר אויך עכטע לעדערנע שיך מיט ריין שטאָפענע קליידלעך פאַר זיי מיט־געבראַכט.

אָבער דערזעענדיק זייער מוטערס אָנגעכמורעט און טרויעריקן פּנים, איז זייער שמחה באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. אַזוי אומזיסט זיך געפרייט און גע־האָפט...

— גייט, גייט, קינדערלעך, שלאָפן, מאָרגן אי״ה וועל איך אייך שוין יעדן עפּעס געבן, הייַנט פיל איך זיך ניט גאַנץ גוט, דערפאַר בין איך דאָס אַזוי פרי פון דער רייזע אַהיימגעקומען. גייט, גייט, קינדערלעך, מאָרגן וועט שוין אַלעס גוט זיין...

און זי איז מיט רבקה'לען באַלד אין אַ צימער אַריינגעגאַנגען, זיך מיט איר אָפּגעשלאָסן, עפּעס צו זיך גענומען און אָנגעהויבן זיך פאַר איר דאָס האַרץ אויסצוגיסן: אוי, רחמים פון דער גאַנצער וועלט האָב איך הייַנט געהאָט — אַרויסגייענדיק פון קויפהויז, מיט אָט דעם שטיקל שטאָף דאָ... האָט מיך אַ „געהיימער" גלייך דערזען, אָבער איך אים מתחילת ניט... נאָר ווי ער האָט מיך אָנגעפאַנגען צו באַגלייטן און מיר נאָכצוגיין אויף שריט און טריט, האָט מיר דער וואָס כ'בין ניט ווערט זיין נאָמען צו מעלדן ערשט די אויגן געעפנט, און איך האָב אויף איינמאָל דערזען,— אַז דאָס האַרץ איז מיר שיער פאַר פּחד און מורא שטיין געבליבן. האָט מיך אַזאַ ציטערניש און ווייטיק אָנגעכאַפּט, אַז איך האָב אויף גאָרניט מער געקוקט נאָר געטראַכט וואָס ראַשער דעם פאַרקערס־וועג אַריבערצולויפן, און העגדום פעגדום האָב איך זיך געלאָזן לויפן, שיער איבערגעפאָרן געוואָרן, ניט באַמערקנדיק ווי בשעת מעשה האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן די אויטאָס, טראַמוויס און דראָשקעס, אַ דאַנק מיר האָט זיך פּשוט דער גאַנצער פאַרקער פאַרהאַלטן... און ס'איז געוואָרן אַ געטומל, אַ גערודער, נאָר אַ פינסטער קול האָט זיך איבער דעם אַלעם אויפגעהויבן: „האַלטעט זי, האַלטעט זי!" נאָר מיר האָט גאָט געהאָלפן און איך האָב זיך פּשוט דורך אַ נס אויף אַ טראַמווי אַרויפגעראַטעוועט... און אויף אַזאַ אופן בין איך ניצול גע־וואָרן פון דעם „שפּיצלס" לאַפּעס... איך האַרף גומל בענטשן, אַז גאָט האָט מיך פון זייערע הענט אַרויסגעראַטעוועט... אַמליבסטן, רבקה'לע, וואָלט איך דאָס

פאַרשאַלטענע פּעקל אין שטוב ניט געהאַלטן, ווען איך וואָלט עס נאָר געהאַט וווּ אַהין צו טון... אוי, ווי ס׳ציטערט מיר דאָס האַרץ...

— ניין, מאַמע — האָט רבקה׳לע אַ צעטראָגענע אויסגעשריען — ניט נאָר דאָס פּעקל, נאָר דו טאָרסט בשום אופן אויף להבא מיט דעם שוואַרץ־האַנדל זיך ניט מתעסק זיין!... מחמת ראשית איז דאָס שטרענג פאַרבאָטן, און העלפט די פונ׳ם קריג שוין סיי־ווי מסוכנ׳ע ווירטשאַפט נאָך קראַנקער ווערן; והשנית ביזטו צו שוואַך דערצו. שטעל דיר פאָר, ווען ס׳זאָל חלילה עפּעס פּאַסירן, ווייסטו דאָך זענען מיר אַלע פאַרלוירן, דער טאַטע ביי מיליטער וועט עס ניט אויסהאַלטן, ווייל ער איז פון תמיד אָן געווען די קאָרעקטקייט גופא, און דער גרעסטער געגנער פון אַזעלכע פאַרבאָטענע געשעפטן... לאָז בעסער איבער דעם עסק פאַר אַנדערע, און דאָס פּעקל ליג אַוועק דאָרטן אין ווינקל פאַר דער טיר, וועט עס קיינער ניט באַמערקן ווען אפילו ניט באַטאָגן זאָל עס דער טאָג מ׳זאָל זיך חלילה נאָכפרעגן...

— יאָ, מיין טייער קינד, מיט׳ן פּעקל וועל איך דיך טאַקע פאָלגן און עס פאַר דער טיר אַוועקלייגן, אָבער מיט דעם צרה׳דיקן מסחר, ווי גערן איך וואָלט דאָס געוואָלט, קען איך עס לייהער ניט טון; מחמת דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, פון וואַנען זאָלן מיר לעבן, די פרייזן שטייגן פון טאָג צו טאָג, אָפטמאָל אפילו פון שעה צו שעה, קיין שום סחורה קען מען ניט אויפ׳ן כשר׳ן וועג געפינען, ווייסטו דען ניט אַליין ווי איך מוז מיר דאָס לעבן איינשטעלן אַמאָל פון אונטערוועגס אַ שטיקל פוטער, אַן איי, אָדער אַן עוף אַהיימצוברענגען, מכל־שכן נאָך אַ שטיקל סחורה... און קען מען דען תמיד, איך זאָל ניט זינדיקן מיט די ריקד, עסן דאָס זעגעכטס ברויט, און טרינקן דעם געסאַכאַרינטן טיי? פאַר־גייט דען ניט אַמאָל דאָס האַרץ נאָך אַן עכט שטיקל ברויט, און אַן עכט ביסל קאַווע מיט צוקער?...

— דו האָסט זיכער רעכט, מאַמע, אָבער ווי לעבן דען די גויים, זענען מיר דען מער יחסנים פאַר זיי? זיי עסן אויך ניט עפּעס אַנדערש און האַלטן עס אויס...

— דו האָסט אַ שטיקל טעות, טאָכטערקע, מחמת זיי עסן שוין יאָ עפּעס אַנדערש. שינקן און בלוטווורשט עסן מיר ניט... נאָר דאָס איז ניט דער עיקר, דער עיקר איז די טויזנטער וואָס „האַמסטערן״, „שיעבען״, שאַכערן, וווּכערן, און דרייען אַן עסק — ס׳פאַרשטייט זיך ניט מיט קיין שטיקל שטאָף, נאָר מיט גאַנצע באַלן, גאַנצע געשלאָסענע פאַסטנס, ווער פאַרקויפט דען אַנגראָ די צו־זאַמענגעהאַמסטערטע סחורות ווען ניט זיי? אין דעטייל קויפן נאָר מיר שלעפּער, און דאָס שענסטע דערפון איז נאָך, וואָס מיר שטעלן זיך איין דאָס לעבן צוזאַמענצוקויפן דאָס קוואַנטום אין דעטייל, כדי עס ווידער צו פאַרקויפן צו אַזעלכע וואָס ברענגען עס צוריק צום זעלביקן גראָסיסט וואָס פאַרקויפט עס דערנאָך ווידער צו די זעלביקע וואָס האָבן עס ביי אים איינגעקויפט, נאָר מיט טייערערע פרייזן. אַזוי גייט די סדרה אָן אַ סוף... עס פאַרשטייט זיך אַז זיין

פראַפּיט איז אויך ניט קיין הדעטיקל פּראַפּיט... דערנאָך, אַז עס מאַכט זיך אַ מעשה, לאָזט מען אַלעס צו די יקדן אויס, מען שעלט און מאַכט אונדז פאַר אַלעס פאַראַנטוואָרטלעך, זיי זענען די ערשטע צום פּראַפּיט, און מיר באַשולדיקט צו ווערן אַזוי איז עס תמיד געווען, און אַזוי וועט עס אויך תמיד פאַרבלייבן; צי מירן יאָ האַנדלען אָדער ניט האַנדלען, שולדיק וועלן מיר תמיד פאַרבלייבן...

— אַוודאַי מאַמע, האָסטו ניט אין גאַנצן אומרעכט, הערפאַר טאַקי מוזן מיר זיך טאָפּלט אויסהיטן, און ניט צוטון האָבן מיט אַזעלכע געפערלעכע עסקים, — נאָר מירן דאָס נאָך מאָרגן גוט איבערשמועסן, היינט ביסטו שוין צו אָנגעשטרענגט און אויסגעמאַטערט פון דעם אַלעס, וועסט בעסער נאָך עפּעס עסן און זיך שלאָפן לייגן.

אַ מידע און צעבראָכענע איז גיטל אין בעט געגאַנגען, און קריאַת שמע לייענענדיק ניט ווילנדיק זיך ביטער צעוויינט אויסגיסנדיק איר שווער געמיט.

נאָך אַ לאַנגן קווילן זיך אין אומעטיקע געדאַנקן, איז זי האַרט אַיינגעשלאָפן.

זי האָט געשלאָפן שווער, אין אַ צעפיבערטן חלום זיך די גאַנצע נאַכט מיט אַ ביזן גרויסן גוי געראַנגלט, — וועלכער האָט זי נאָכגעיאָגט מיט אַ גראָבע פאָלקע אין האַנט, באַשולדיקנדיק זי אַז דאָס שטיק סחורה האָט זי צוגעגנבעט; — זי האָט אים געוואָלט דערקלערן אַז ער האָט אַ טעות, די סחורה איז יאָ באַצאָלט, אָבער ער האָט פון גאָרניט געוואָלט וויסן, נאָר זי געדראָט מיט דער שווערער פאָלקע וואָס ר׳האָט אין האַנט געהאַלטן, און ווילד געשריען אויף איר: גנבטע, גיב די סחורה צריק, כוועל דיך דערהרגענען מיט אָט דער פאָלקע, אַ דערשראָקענע האָט זי געוואָלט די סחורה מיטן מאַנטל פאַרדעקן, נאָר דער מאַנטל איז צו קורץ געווען, עס האָט זי אַ שווייס באַדעקט, און די הענט זענען ביי איר אויף איינמאָל עפּעס אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז דאָס שטיק סחורה איז איר אַרויסגעפאַלן, און בעת זי האָט עס געוואָלט אין געשווינדקייט צריקאויפהויבן, און זיך לאָזן ווייטער לויפן, איז זי איבער אַ שפּיציקן שטיין געפאַלן, — און דער גוי, אָט, איז ער שוין ביי איר — דאָס האַרץ אירס וואַרפט זיך קלאַפּט, זי קען קוים דעם אָטעם דערכאַפּן, מיט לעצטע כחות פּרוווט זי זיך אויפצוהויבן, און וויל פון דאַסניי זיך ווידער לאָזן לויפן ווייט, ווייט, אָבער זי קען ניט... און דער גוי, שוין הויבט ער זיין גראָבע פאָלקע אויף איר אויף, און דערלאַנגט איר אַ זעץ איבערן קאָפּ און זי ווערט אין גאַנצן מיט בלוט אָפּגעגאָסן...

— מאַמע, מאַמע, האָט זיך אין דער רגע דערהערט רבקעס דערשראָקענער אויסגעשריי, — עס קלאַפּט דאָך שוין אַ לענגערע צייט, אוי מיר דוכט אַז צוויי מענער שטייען פאַר דער טיר און ווילן אַריין...

— ווי מיר ניט, ווי מיר ניט, האָט גיטל נאָך האַלב פון שלאָף אויסגעשריען, און אָנגעהויבן זיך דעם שווייס אָפּצווישן וואָס איז פון איר פאַר שרעק אַרונטערגערינען.

אַ צעטומעלטע, האָט זי ניט געוווסט וואָס אָנצוהויבן, אירע אויגן האָבן

געגומען מאַדנע פינטלען און שטאַמלענדיק האָט זי געדופן: רבקע, רבקע, עפּעס בימבלט עס אין טיר, ווער, ווער קלאַפּט עס דאָרטן?

2 נייע שווערע קלאַפּ אין טיר מיט אַן אומאויפהערלעכן קלינגען האָבן זי אין גאַנצן וואַך געמאַכט...

זי האָט איצט שוין דייטלעך געהערט אַ האַרטן, רויען, און שפּיציקן קול: „זאָפּאָרט די טירע עפנען, זאָנסט ווירד זי געשפּרענגט"!

רבקע האָט אײַליק איבער זיך עפּעס אַריבערגעוואָרפן און געעפנט די טיר.

2 געהיימע (פון וועלכע גיטל האָט גוט אייבעם דערקענט) זענען צו איר אין דער וווינונג אַרײַנגעגאַנגען.

ביי גיטלען איז די נאַז שאַרף און גרוי געוואָרן ווי אַ מעסער־קלונג פאַרן האַרץ האָט איר אַזאַ מין חלשות אַרומגעכאַפּט, אַז זי האָט נאָך קוים אויף די פיס געקענט דערשטיין.

— וואָס ווינטשן די הערן? האָט רבקעלע העפלעך, אָבער פול מיט שרעק געפרעגט.

— וואָהנט היער הער יאָזעף ווערנער ביטטע? האָט געפרעגט דער שפּיצל מיט דער שופר נאָז און פּעפּערל אויפן רעכטן באַק, וואָס האָט גיטלען פאַרפלאָגט אַרויסגייענדיק בעכטן פון קויפהויז.

דאָס איז שוין פאַר גיטלען גענוג געווען, אַז די גאַנצע אימה וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט און געזאָטן פאַרבאָרגן אין גיטלס פאַרביטערטן האַרץ, זאָל זיך אויף איינמאָל אַגאָס אויס טאָן אויף דעם רשע־מרושע וואָס האָט זיך אָן איר מדבק געווען.

עס איז ביי איר געקומען האַלב אינסטינקטיוו, און האַלב בכוונה כדי אָפּצוווענדן פון זיך דעם גאַנצן פאַרעקלטן ענין...

— יאָ, יאָ, דאָ וואָהנט הער יאָשקע ווערנער, האָט זי אין אויפרעגונג האַלב יידיש און האַלב דייטש געענטפערט. אָבער איזן, איז ער אָן דער אָסטפראָנט, און האַלט דעם קאָפּ גלייך פאַר עסטרייך און דייטשלאַנד!... ווערט דאָרטן פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט און אויסגעריסן שוין איבער 3 יאָר, בעת אַנדערע פיל שטאַרקערע, געזונטערע און יינגערע זענען נאָך דאָ, — וואָס וואָלטן געקענט אָסך בעסער זייער פליכט טאָן פאַר אים; אָבער זיי האַלטן עס פאַר וויכטיקער זיך דאָ פוסט און פּאַסט אַרומצודרייען, און לעבן אַ געשוואָלענעם טאָג כדי צו קענען „קריגערספּרויען" באַלעסטיקן, און שיקאַנירן!... אַ שטראָם פון טרערן האָבן אירע רייד באַוואָרט.

די געהיימע האָבן זיך איבערגעקוקט, און דערנאָך צו איר געוואַנדן אין אַ מילדערן טאָן: אָבער פרוי ווערנער, מיר האָבן דאָך גאָרניט צו אײַער מאַן, מיר ווילן נאָר וויסן אויב איר זייט נעכטן אין גינצבורג געווען, און אין דעם דאָרטיקן קויפהויז אַ קופּאָן מאַנטלשטאָף געקויפט? אויף דער דאָזיקער פראַגע בעטן מיר ביי אײַך תיכף תשובה צו געבן, אָבער דעם פולסטן אמת, אַז ניט וועט איר אײַך אומגליקלעך מאַכן...

גיטעלען איז פאַר די אויגן שווינדלדיק געוואָרן, אין די אויערן האָט עס ביי איר אָנגעהויבן ווי טויזנטער בינען צו זשומען...

— איך, איך — האָט איר שטים געציטערט און געשטאַמלט... אַ ווייל האָט איר אויסגעדוכט אַז אָט, אָט וועט זיך די ערד פאַר איר עפענען; אָבער באַלד איז עס איר געלונגען די אינסטינקטיווע פאַרלוירנקייט מנצח צו זיין און זיך צו קאָנטראָלירן, און זי האָט געענטפערט:

— איך קען אייך נאָר אַזוי פיל זאָגן אַז דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און באַזיץ, מער האָב איך ניט, איר קענט איבעראַל נאָכקוקן...

בעת די שפיצלען האָבן זיך געלאָזן אין די אַנדערע צימערן אַריין האָט זי זיך דערווייל מיט די לעצטע כחות צוגעוואַקלט צו דער טיר ווו איר פעקל מאַנטלשטאָף איז געלעגן, און אומבאַמערקטערהייט האָט זי דערויף איר פוס אַזוי ווי אַ קאַנאָן אַוועקגעשטעלט, כדי עס צו פאַרשטעלן און באַשיצן... מיט איין האַנט האָט זי זיך געכאַפּט פאַרן האַרצן וועלכעס האָט זיך אין איר געוואָרפן און געצאַפּלט ווי אַ האַלב אָפּגעשלאָגענער פיש... און מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי געטייטלט און פאַרביטערט געזופן: ביי מיר איז אַלעס אָפן, צייג, רבקה׳לע, די הערן וואָס מיר פאַרמאָגן, מיר האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, אַלעס ערלעך אָפּגעהאָרעוועט...

די שפיצלען האָבן זיך גענומען אַרומקוקן אין די חדרים, און אַלעס גוט, גוט בודק צו זיין...

אָבער גיטל האָט זיך ווי אַן אָנגענאָגלטע פונ׳ם אָרט ניט אַוועקגערירט...

דער מחבל מיט דער שופר נאָז און מיטן פעפערל אויפן רעכטן באַק איז נאָכאַמאָל צו איר צוגעגאַנגען, איבער׳חזר׳נדיק די פריערדיקע שאלה: ווו זי איז נעכטן געווען, און וואָס זי האָט געקויפט?... זי זאָל דעם אמת זאָגן אין איר אינטערעס...

גיטל׳ס גאַנצער לעבן, זינט זי איז פון דער היים אַוועק, האָט אויפגעבי־טערט אין איר, און זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי איז דאָ צום ערשט מיט איר עלטסטער טאָכטער רבקה׳לע אַהערגעקומען, די אַנדערע קינדער דערווייל מיט׳ן מאַן אין דער היים איבערגעלאָזן, די ערשטע צייט געמוזט די שווערע רימענקוישן טראָגן, וועלכע האָבן איר לייב איינגעשניטן און איר בלויע בלאָע צייכנס איבערגעלאָזן. עס איז פאַר איר גליקצייטיק אויך וואָך געוואָרן יענע צייט, ווען זי האָט געמוזט מיט טויט־שרעק אָן אַ לעגיטימאַציע אַרבעטן, און וויפיל האַרץ און געזונט דאָס האָט איר אָפּגעקאָסט ביז מען האָט זי אַמאָל גע־כאַפּט; שפּעטער ווען איר איז שוין געלונגען איר מאַן אַהערצוברענגען איז ערשט דאָס קלענסטע קינד אין דער היים ביי באָבע זיידן איבערגעבליבן, אוי די בענקשאַפט און דער צער האָבן זי שיער ניט צעפרעסן, ביז גאָט האָט גע־האָלפן זיי זאָלן שוין אַלע ביינאַנד זיין...

דאָס אַלעס מיט איר מאַנ׳ס אַוועקזיין האָט זיך אין איר האַרצן פאַראיי־

ביקט מיט דער איצטיקער מורא און זי האָט נאָכאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש פאַרצווייפלטן געוויין: וואָס ווילט איר דען האָבן פון מיר? מיין מאַן איז אין קריג און איך מיט די קינדער לעבן קוים, איך בין געווען אין גינצבורג ביי מיינער אַמשפּחה, איך פאָר דאָרט אָפּטער אַהין, און וואָס איך האָב געקויפט דאָס האָט איר איך שוין איבערצייגט; איר קענט נאָך אין אַלע שטובן אַרומזוכן ווי לאַנג איר ווילט נאָר אַליין... זוכט, זוכט, וואָס איר ווילט — מיין מאַן בלוטיקט פאַר אייך, און איר זייט געקומען זיין פרוי צו פּייניקן, וואָס זאָל איך אייך געבן, אפשר מיין נשמה? נעמט, נעמט זי, איך וועל אָנהויבן אַזוי צו שרייען ביז אַלע שכנים וועלן זיך צונויפקומען, און זאָלן זיי זען ווי אַ פראָנט סאָלדאַט׳ס פרוי ווערט באַהאַנדלט...

די געהיימע האָבן נאָך אייניקע מינוטן אין אירע צימערן אַרומגע׳בדקנ׳ט, דערנאָך זיך ביידע באַקוקט, וואָס דאָס האָט געמיינט: מיר׳ן זיך בעסער אָפּ־טראָגן און זי זאָל דער טייוול נעמען, מיר׳ן מיט דער פאַרפלוכטער יידין ניט פאַרטיק ווערן, אָבער אויפן אויג וועלן מיר זי שוין האָבן, מיר׳ן זי שוין אַמאָל דערווישן, אָבער חאַמאַלט וועט זי פאַר אַלעם שוין כפל כפלים באַצאָלן...

נאָכדעם ווי די געהיימע זענען שוין געווען אַוועקגעגאַנגען, איז רבקה׳לע ערשט אויף איר מוטער אַרויפגעפאַלן מיט קושן און זיך ביי איר געבעטן מיט טרערן: מאַמינקע, דו ווייסט גאָרניט וואָס פאַר אַ נס אונז איז געשען, מיר זענען אַלע פון אַ גרויסן אומגליק געראַטעוועט געוואָרן, אַ דאַנק דיר... דער־פאַר זאָלסטו פון אַצינד אָן דעם גאַנצן שוואַרצהאַנדל אָפּלאָזן, דאָס איז ניט פאַר דיר, מיר האָבן דערפון נאָר צרות און טויט־שרעק, און די שונאים האָבן דאָס בעסטע מיטל אַקעגן אונז צו העצן...

— יאָ, גערן מיין קינד וויל איך עס טאָן, אָבער פון וואַנען וועלן מיר דען לעבן? כשר האַנדלען קען מען ניט, מחמת אַלע סחורות זענען פון די „באַ־הערדן" קאָנפיסקירט פאַר׳ן חייל, קיין אָפן געשעפט האָב איך ניט, קיין מלאכה קען איך ניט, איז פון וואַנען זאָל מען לעבן? די נויט ברעכט דאָך אייזן, אין אונטערגיין ווילט זיך פאָרט ניט. נאָר איך זאָג דיר צו, כ׳וועל זען אַלעס צו טאָן כדי דערפון פטור צו ווערן, מחמת דאָס איז אויך מיר ניט ניחא, אַקעגן מיין געוויסן, איך וויל זיך חלילה ניט באַרייכערן, נאָר קענען איבערקומען מיט מיינע קינדער די שווערע צייט...

רבונו של עולם, מיט וואָס מען האָט שוין אַלעס ניט פּרובירט צו האַנדלען, צום ערשט מיט פאַרגרעסערונגס בילדער די פּיס זיך אָנגעלאָפן, אַלע טירן פון שטעט און דערפער אָפּגעקלאַפּט, געזען משפּיע צו זיין מיט רירנדיקע דרשות אויף אַלע מאַמעס, כלות און אַלמנות, וואָס האָבן זייערע נאָנטסטע דרויסן אין קריג פאַרלוירן, אַז זיי זאָלן אַ קליין בילדל לאָזן פאַרגרעסערן, כדי ס׳זאָל כאָטש אַ שיינער אָנדענק אויף אַ גרויסער פאַרביקער פאָטאָגראַפיע פונ׳ם געפאַלענעם קריגער פאַרבלייבן...

ניט לאַנג האָט עס גענומען און אַלע אַנטיסעמיטן זענען אונז באַפאַלן, ווי

בייזע פליגן אַ פערכעדיק פערד, אָנגעהויבן צו גריזשען און צו נאָגן אין אונזער אייטערדיקער ווונד... האָבן מיר זיך געמוזט צו אַן אַנדערן האַנדל נעמען.

זענען איבער נאַכט ציגאַרעטן מיט ציגאַרן בולד געוואָרן. איז מען זיך ווידער איבער שטעטלעך און דערפער צעפאָרן, געהאַנדלט און געוואַנדלט, עס איז אויך האַמאָלט אין דעם אַרטיקל אַ גרויסער דוחק געווען, ביז די ציגאַרעטן מיט די ציגאַרן האָבן זיך אין אַ שיינעם העלן טאָג אויך אויסגעלאָזט...

זענען ווידער פעלעכלעך אין די מאָדע געקומען, מחמת שטאָף איז ווייניק געווען; האָט מען אָנגעהויבן אַרומצוזוכן: קאַצן, קיניקלעך, מוילוורפן, ביזאמראטן, מארדער, אילטיסן, פעעס און פוקסן, עס איז געגאַנגען אַ סדרה פון פעל, פעל, און ווידער פעל. פון יעדער לעבעדיקער חיה האָט מען פשוט געוואָלט די הויט אַראָפּציען אַבי נאָר געלט צו פאַרדינען, ווייל פון פעל איז יעדער כמעט איבער נאַכט אַ געבאַקענער גביר געוואָרן... אָבער אויך די פעל האָבן ניט לאַנג געלעבט — האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מעשה מיט שטאָף־אָפּפאַלעכטס, מען האָט עס אַרומגעזוכט ביי אַלע שניידערס, נייטאָרנס, אָבער אַזוי ווי די שטאָפן זענען וואָס אַמאָל ווייניקער געוואָרן, איז אויך דער מסחר באַלד פאַרשוווּנדן...

אַזוי, מיין קינד, האָט מען געהאַנדלט און געהאַנדלט, אַרומגעשוויצט איבער אַלע שטעט און דערפער, זיך פשוט אין צווייען צעריסן, ניט גערוט ביי טאָג און ביינאַכט, זיך קיין פרייע מינוט ניט פאַרגינען, ביז איבער נאַכט וועט מען אויף איינמאָל ווידער שטיין געבליבן ביים סאַמע אָנהויב — דאָס מיינט, ביי דעם זעלביקן פאַרמעגן מיט וועלכן מען האָט אָנגעפאַנגען: „ביים דלות“... דאָס וואָס די אינפלאַציע האָט איינעם געגעבן, וועט אים די סטאַביליזאַציע ווידער צוגענומען. אַזוי, מיין קינד, וועט מען נאָר האָבן פאַר׳ן טייוועלסוועגן געשאַפט און געהאָרעוועט...

— מאַמע — האָט רבקה איר מוטער׳ס רייד איבערגעשלאָגן — עס קען אַזוי ווייטער ניט גיין! איך וועל מוזן זען מיט וואָס עס זאָל ניט זיין דיר צוצוהעלפן, מ׳וועט אויך מוזן טראַכטן די קינדער זאָלן עפּעס אָנהויבן צו טון, אַבי דער גאַנצער עול זאָל אויף דיר אַליין ניט בלייבן; איך האָב געהערט אַז אַ סך פאַמיליעס נעמען איצט אַהיים מיליטער מענטל צו נייען, און דאָס, מאַמעשי, וואָלטן מיר דאָך אויך געקענט טון, אַ מאַשין האָבן מיר דאָך, אפשר וואָלטן מיר דערמיט געקענט די שלעכטע צייט איבערקומען.

— אוי נאַריש קינד, ראשית וועט דער פאַרדינסט קוים אויף ברויט קלעקן, והשנית, האָסטו דען ווייניק אַרבעט אין דער היים, ווער רוימט, וואַשט, קויפט איין, באַזאָרגט די שטוב, גיט אַכטונג אויף די קינדער, ווי וואָלט דען דאָס גאַנצע הויז אויסגעזען ווען די וואָלסט ניט געהאַט די השגחה דערויף? און די קינדער זענען צו קליין זיי זאָלן קענען אַרבעטן. איך וועל שוין זען עפּעס אַן ערלעכע אַרבעט אויסצוגעפינען פון וועלכער מ׳קען אָבער אויך לעבן; און ווען דו ווילסט מיר באמת העלפן, טאָ שלאָג דיר בעסער די אַלטע נאַרישקייטן פון

קאָפּ אַרויס, און נעם אַ חתן וואָס וויל דיך, ניט אַזאַ איינעם וואָס דו מוזט אים נאָכלויפן, און ער וויל אפשר גאָר ניט וויסן פון דיר, לאָזט פון זיך ניט הערן...

— מאַמע, שוין לאַנג האָב איך דיר עס געוואָלט זאָגן, וואָס מיך קוועלט שוין זינט יאָרן, נאָר קיינמאָל בין איך עס ניט ביכולת געווען, איצט אָבער דוכט מיר איז דאָס וואָס האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן ווי פאַרשוווּנדן, עס איז אין מיין האַרצן רייף געוואָרן און צו שווער אויף ווייטער צו טראָגן...

— מיין קינד, מיין ליכטיק קינד — האָט גיטל מיט מאָדנע צעעפנטע און האַלב דערשראָקענע אויגן זיך ביי רבקה׳לען געבעטן — אודאי זאָלסטו דער מאַמען זאָגן, אַלעס דערציילן, דאָס ביזטו מחויב, פאַר וועמען דען אַז ניט פאַר אַ מאַמען ?...

— מאַמע, איך וויל דיר זאָגן דאָס, וואָס דו פילסט זיכער אַליין, אָבער דו האָסט עס ביז איצט ווי איך נאָך ניט אויף זיכער געוווּסט...

— מיין קינד, צי ניט די נשמה נאָר זאָג עס שוין...

— באַרויִק זיך, מאַמע, און הער מיך אויס: דו האָסט רובינשטיינען כמעט אַזוי גוט געקענט ווי איך, אפשר נאָר ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען אים, אָבער דערפאַר אינסטינקטיוו ניט ווייניקער דורך ארץ געהאַט פאַר זיין נאָבעלן כאַראַקטער און ריינעם אידעאַליזם. אַ מענטש פון אַן אַסימילאַטאָרישער היים, האָט אין אַן אַנאַרכאָ סאָציאַליסטישן בונד פון „אַ יידישן קולטור־פאַריין" זיך ערשט אויסגעלערנט צו ליבן און אַכטן דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, און צו שעצן די אַלטע יידישע קולטור אַלס אַ לייטער פונ׳ם מענטשלעכן פּראָגרעס, באַזונדערס די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור — דעם אַרבעטאָרערס בלי־זין; און דאָס איז געווען דוקא אַ קינד וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף רוסיש, אין דער היים קיין שום יידישקייט ניט צוגעזען און אויך ניט געלערנט, נאָר אַליין צום נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין געקומען, געווען דערפאַר אַ פאַר׳עקשנ׳טער קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור,— דער יידישער אַרבע־טאָרער איז ביי אים דער ווערטפולסטער טייל פונ׳ם יידישן פאָלק געווען, און די יידישע שפּראַך דערפאַר געהייליקט דורך דעם ערלעכן און ליידנפולן לעבן פונ׳ם יידישן אַרבעטאָרער...

ניט איינמאָל פלעגן זיינע חברים זיך מיט אים אַרומרייסן און אים אַלס אַ נאַציאָנאַלן שאָוויניסט און רעאַקציאָנער פאַרשריגן, אָבער אים האָט דאָס ניט געאַרט, ער איז זיך ווייטער אַן ערלעכער איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער פאַרבליבן, וואָס האָט מיט זיין לעבן אידעאַל נאָך פאַרגרעסערט און פאַר־שענערט... ניין, מאַמע, אַזאַ מענטשן וועט מען ניט מער געפינען. שטעל דיר פאַר אַ מענטש וואָס האָט געקענט פאַר זיין טאַטנס געלט וואָס ער האָט פּינקט־לעך יעדן חודש באַקומען, פירן אַ זאַטן גליקלעכן און זאָרגלאָזן לעבן; האָט ער בעסער אָפּט צוגעהונגערט און אַ העלפט דערפון פאַרטיילט, ניט איינמאָל אויך ביי בחינם׳דיקע לעקציעס ביז האַלבער נאַכט אַריין אָפּגעזעסן, נאָר ער זאָל

קענען זיינע אָרימע חברים אַרויסהעלפן, און דאָס אַלץ פאַר אידעאַליזם, יאָ, פאַר ריינעם אידעאַליזם וואָס זיין פאַרווירקלעכונג האָט זיך ניט באַשרענקט ערשט אויף דער ווייטער צוקונפט, ווי ביי אַ סך אַנדערע, נאָר געלעבט אַזוי אַז זיין לעבן האָט געלויכטן ווי דער שענסטער אידעאַל; ער האָט געהאַסט די וועלכע האָבן גע׳חלום׳ט פון סאָציאַליזם און געלעבט אַנטי־סאָציאַל, נאָר געלעבט סאָציאַליסטיש און געטרוימט פון אַן אַנאַרכיסטישער פרייקייט... מחמת ער האָט בתכלית השנאה פאַרדאַמט דעם שטאַט, מיט אַלע זיינע געצן פון געבאָטן און פאַרבאָטן, וואָס זענען אייביק נאָר אויסן דעם פרייען אינדיווידיום צו פאַרשקלאַפן און פאַרניכטן, פאַר דעם מלוכה־דיקן פרצוף פונ׳ם רויפליישיקן כלל, וועלכער באַשטייט נאָר פון אַ קופּע פּיס, הענט, בעז, אויערן און אויגן, צעשמעלצן זיך אונטער אַ געוויסן גראַד פון היץ, אַזוי ווי יעדעס מעטאַל, און מען קען פון זיי פאָרמען אַ גאָט און אַ טייפל. ער האָט ניט געליבט די פּאַרטיי און זיך דערווייטערט פונ׳ם יחיד, נאָר תמיד געאַכט דעם יחיד וועלכער איז דער יסוד פון יעדער פּאַרטיי... מען מוז צוערשט אינערלעך אַליין פריי זיין, כדי צו קענען דעם אַנדערן באַפרייען, דאָס איז שטענדיק זיין פּרינציפּ געווען...

— אָבער, רבקה׳לע, צו וואָס דען די פילע רייד, שבחים און לאַנגע אומפאַרשטענדלעכע דערקלערונגען, זאָג מיר דאָך דעם עיקר, איך קען דאָך שוין באַלד ניט מער אויסהאַלטן דיין פאַרהוילעניש און פאַרשלעפּעניש...

— איך ווייס, מאַמע, אַז דאָס איז דיר ניט אינטערעסאַנט, אָבער איך האָב זיך געמוזט אַראָפּריידן פון האַרצן. אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטיין — דאָס קען איך ניט פאַרלאַנגען, אָבער אַז דו זאָלסט מיט מיר מיטפילן, דאָס שוין יאָ... דו ווייסט גאָרניט ווי דיין קינד האָט געליטן און וואָס זי האָט אַלץ דורכגעלעבט, גלויבנדיק אַז ער האָט זי פאַרלאָזט... אָ, באַלד וועסטו אַלעס דערפאַרן איבער רובינשטיינען, דאַמאָלט ערשט וועסטו קענען באַגרייפן, אַז טאַקע נאָר ווייל ער איז אינערלעך אַזוי פריי געווען, האָט ער געקענט אַזוי טאָלעראַנט זיין צו יעדנס אַנשויאונג... דו, מאַמע, ווייסט עס דאָך אַמבעסטן ווי ער פלעגט דיך תמיד אַכטן און שעצן פאַר דיין פרומקייט, הגם ער אַליין איז אַזוי ווייט געווען פון דעם אַלעם... יאָ, גראַד אַזאַ מענטש האָב איך דאָך געדאַרפט וויסן קען ניט אַזוי אָן אַ פאַרוואָס איבערגעביטן ווערן, דאָ מוזן שוין טיפערע, גרעסערע סיבות פאַראַנען זיין... אָ, ווי האָב איך זיך דערפרייט הערנדיק פון זיין פריינט גאָרדין אַז דער צאַר האָט אַרויסגעלאָזן אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטיש פאַרפאָלגטע; הגם איך האָב ניט רעכט געוווסט צי ער האָט אויך צו די גליקלעך אַמנעסטירטע באַלאַנגט, צי דאָס איז געשען אַ דאַנק זיין מוטער׳ס 1000 רובל וואָס זי האָט אַוועקגעגעבן אויסצוקויפן איר געליבטן און אייניציקן זון, נאָך וועלכן זי האָט אַזוי שמערצפול אומאויפהערלעך געבענקט אַלע יאָרן... איך האָב זיך געפרייט, ווייל איך האָב געוווסט אַז דאָס איז זיין גרעסטער און הייליקסטער ווונטש געווען — צוריקצוקומען קיין רוסלאַנד... אָבער עפּעס אַ

טיפע מורא האָט זיך מיט מיין פרייד אויסגעמישט... און זינט דאַמאָלט, מאַמע, האָב איך ניט געוווסט וואָס מיט אים איז געשען... דערפאַר האָב איך דיר געוואָלט זאָגן (אירע אויגן האָבן זיך מיט טרערן אָנגעפילט) אַז איצט ווייס איך שוין אַלעס, אַלעס וואָס מיט אים איז געשען — ער האָט מיך ניט פאַר אַן אַנדערער פאַרביטן ווי איך האָב געמיינט, ניין, ניין! ווייל ניט לאַנג האָב איך עס ערשט געעגוי על־פּי צופאַל דערפאַרן פון זייער אַ משפּחה וועלכע איז דאָ אַהער פון לעמבערג אַנטלאָפן: אַז אים, דעם טייערן, האָט מען ערגעץ אין אַ תפיסה־הויף דעם האַלז מיט אַ שטריק אַרומגעשנירט, דעם באַדן פון די פיס אַוועקגעריסן, און אויף אַ תליה אַרויפגעצויגן, ברררר! און פאַרוואָס, מאַמע? אַלץ פאַר זיין גרויסן אידעאַל פאַר מענטשנליבע... יאָ, איך האָב עס אָבער באַלד געוווסט, אַז אַזעלכער ווי ער איז בכלל ניט פעאיק אימיצן אַן עולה צו טאָן, מכל שכן נאָך מיר; און זיין כבוד האָב איך אויף אייביק באַפלעקט, ער האָט מיך הייליק געהאַלטן ביז צום סוף פון זיין לעבן, ביז ער האָט זיין לעצטן אָטעם אויף דער תליה אויסגעהויכט,— אָבער איך האָב אים באַליידיקט, דערנידריקט, פאַראַכטן ווי אַן עלנדיקער אויסוווּרף, יאָ, זיין ליבע מיט די פיס געטראָטן און מטמא געווען. מאַמע, איך בין ניט ווערט אפילו זיין נאָמען צו דערמאָנען, איך בין ניט ווערט געווען זיין ליבע, מאַמע, מאַמע!... — און זי איז מיט אַ היסטערישן שלוכצן אויף דער מוטער אַרויפגעפאַלן.

— וואָס איז דען מיט דיר, רבקה! ביזטו חלילה פון זינען אַראָפּ? כ׳האָב דאָך ניט אַן אַ וואָרט צו פאַרשטיין פון דעם אַלעם וואָס דו האָסט אין מיר אַריינגערעדט...

— ס׳איז בעסער אַזוי, מאַמע, אָבער אַז ער לעבט ניט מער, דאָס האָסטו פאַרשטאַנען?

— ס׳איז טאַקע אַ ביטערער רחמנות אויף אים, און נאָך מער רחמנות אויף זיין אַלטער באַטריבטער מוטער; אָבער גאָט איז גערעכט, ער האָט דאָך דאָס דערוואַרט, ער האָט דאָך תמיד זיין לעבן מפקיר געווען, איז וואָס קענסטו דען טאָן, מיין קינד? ביזטו דען שולדיק אין דעם? דו האָסט דיר שוין גענוג דיינע אויגן אויסגעוויינט וועגן דער אומגליקלעכער ליבע, ווילסטו דען פאַרזיצן אין גרויען צאָפּ אַריין, קינד מיינס?...

— ניין, מאַמע, ניין, עס איז אַזוי שווער צו לעבן, אַז איך וועל מוזן חתונה האָבן, הערסט, מאַמע, און באַלד, באַלד, יאָ, גאָר באַלד!... ווייל אַזוי אָן אים קען איך ניט לעבן...

7

אַ מילדע פרילינג נאַכט איז איבער דעם גערטנדל געהאַנגען.

די יונגע בליטן האָבן דורשטיק און שטום דעם לבנה־שיין געטרונקען.

פון ערגעץ ווו האָבן זיך צאַרט בענקנדיקע וויאָלין־קלאַנגען פון „שומאַנ׳ס טרוימעריי" פאַנטאַסטיש געטראָגן, און מיט זיסע אַקאַציען־ריחות פונאַנדערגעמישט.

אַ קיל ווינטל האָט די בוימלעך צעוויגט און צערוישט.

רבקה׳לע איז שטיל און געהיים אין איר טויטן זיידנ׳ס חדר אויף און אָפּ־געגאַנגען. דעם שטענדיקן פּחד־פאַרגעפיל, די אינערליכע אימה פאַר דעם חדר ווו איר טייערער זיידע האָט יומם ולילה געלערנט האָט זי היינט ניט מער געפילט....

שוין זינט אַ לאַנגער צייט האָבן זי פאַרבאָרגענע פעדעם און אומבאַוווסטע געפילן מיטן צימער פאַרוועבט און דאָרט אַהין אַריינגעצויגן...

מיט צער און ליבע האָט זי דאָרט יעדן חפץ באַקוקט,— אָט דאָ אויף דעם שטול נעבן דעם טישל, פלעגט דער כשר׳ער צדיק זיצן און יומם ולילה פון דער גמרא, אָדער פון זוהר ווי אַ טויב אַרויסגעברומט...

פון זיין פייקע־ציבעכל פלעגן זיך זילבערנע פאַסיקלעך רויך אין אויר איינצוקרייזלען. אין דער לינקער האַנט האָט ער תמיד אַ פאַר גראָשן געהאַלטן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפילן בשעת׳ן לערנען, און דאָס געלט פלעגט דאַמאָלט עפּעס גאָר אַן אַנדערן קלאַנג פון זיך אַרויסגעבן...

פאַרטריבן און אויסגעוואָרצלט פון זיין היים, איז ער בשעת דער מלחמה פאַר צרות בלינד געוואָרן, יאָרן לאַנג אין איינזאַמקייט געלעבט, דערווייטערט פון מענטש און וועלט, נאָר ווייניק צו זיך גענומען זיין גוף צו דערהאַלטן, כסדר געלערנט, דערמיט געזוכט זיין פינסטערן עצבות צו פאַרטרייבן, ניט צו מוזן טאַפּן אין דער פינסטערניש אין דעם לאַנד ווו די שטיינער זענען טריפה...

אייביק מיט אַ טרויעריקן ניגון זיך געקלאָגט — אוי, ושכבתי עם אבותי...

און פאָרט אויסגעגאַנגען אין דער פרעמד, באַגראָבן געוואָרן אין דער טריפה׳נער דייטשער ערד...

אַ געריירטע איז רבקה׳לע צום ספרים־שאַנק צוגעגאַנגען, אַ טירל גע־עפנט, און איז אַ פאַרציטערטע שטיין געבליבן ווי פאַר אַ שרעקלעכן תהום, וואָס ווען מען דערבענטערט זיך צו אים ווערט מען אין גאַנצן בטל פאַר אימה...

מיט צעפּיבערטע הענט האָט זי אַ ספר׳ל פון דאָרט אַרויסגענומען; אַ קאַלטער ווינט מיט גרויליקע סודות האָט אַ וויי געטאָן אין איר פנים אַריין...

זי האָט באַקוקט דעם שער־בלאַט אויף וועלכן איר זיידנ׳ס נאָמען איז איינגע׳חתמ׳עט געווען. צעמישנדיק דאָס זוהר׳ל האָט זי דערבליקט אַ זילבער־ווייסע האָר, און געקושט די געלע אויסגעווייִנטע בלעטלעך. אַריינשטעלנדיק צוריק דאָס זוהר׳ל, האָט זי פלוצים דעם זיידנ׳ס שוואַרצן גאַרטל געפונען מיט וועלכן ער פלעגט זיך תמיד זיינע לענדן אָנצוגורטן, און זיך דערמאָנט אָן זיין אײדל בלייכן פנים, אָן די טרויעריק בלויע פאַרלאָשענע אויגן מיט די אייביק שעפּטשנדיקע הייליקע ליפּן...

דעם גאַרטל לאַנג באַטראַכטנדיק איז זי צום בעט צוגעגאַנגען, אויף וועלכן דער צדיק איז נפטר געוואָרן. אָפּדעקנדיק די קאָלדרע האָט זי זיך שטום דערויף אַוועקגעזעצט. אויף דער נשמה איז איר פלוצים אַזוי גוט און לייכט גע־וואָרן, ווי נאָך קיינמאָל ניט. דעם גאַרטל האָט זי קושנדיק פעסט צום הארצן

צוגעדריקט, און מיט אַ שווערן שלוכצן אַרויסגעוויינט דעם אייביקן פּחד און גרויל פאַר׳ן טויט...

— אַך, ווי קינדיש איך בין געוועזן — האָט זי זיך דאַן צעשמייכלט — געמיינט אַז רובינשטיין האָט צו מיר מער ניט געשריבן דערפאַר, ווייל אַוועק־פאַרנדיק און זייענדיק דערווייטערט פון מיר, האָט ער מיך ערשט ריכטיק דער־זען און דערקענט... און דערפאַר מער ניט געוואָלט וויסן פון מיר...

אוי, ווי נאַריש בין איך דאָס געווען! (האָט זי זיך וויינענדיק צעלאַכט)

געננומען האָבן זיך די געדאַנקען ביי איר דערפאַר, — ווייל זיי פלעגן זיך גאַנץ אָפט צו אַמפּערן, און אויף אַ לענגערער צייט האַן ברוגז צו ווערן. נאָך אַלע איבערלעבונגען, און דערפאַרונגען, איז רובינשטיין פאַרט אַ באַאיוועך עקשן פאַרבליבן; און ניט איינמאָל האָט זיין מאָדנע באַאיוועקייט פּשוט ביז נאַרישקייט דערגרייכט.

אַרויסקומען פלעגן זייערע ברוגזן כמעט תמיד נאָר דורך אומוויכטיקע טעמים.

— מיר וועלן היינט אין דער טאַנהאַלע צום סימפאַנישן קאָנצערט גיין, (האָט זי זיך האָפעדיק צו אים אַמאָל געווענדן) עס ווערט היינט בעטהאָפנס 9 סימפאָניע געשפּילט מיט אַ פאַרשטאַרקטן אָרקעסטער. אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער איז אים זיין פּנים פאַר כּעס געל געוואָרן, און זיינע ליפּן האָבן זיך עפּעס פאַרקרומט מורמלענדיק: ליידער איז עס מיר היינט ניט מיגלעך, מחמת היינט האָב איך אַ וויכטיקערן ענין, דאָקטאָר זשיטלאָווסקי פון אַמעריקע וועט היינט אינעם יידישן קולטור פאַריין לייענען אַ לעקציע איבערן יידישן סאָציאַליזם.

און ווייסט איר כאָטש ווער דאָקטער זשיטלאָווסקי איז? קענט איר כאָטש דעם יידישן גאון, איבערגעגעבענעם קעמפער פאַר יידיש און דעם יידישן סאָציאַליזם... אַ מיידל איך גאַליציען געבוירן און ביי פרומע עלטערן אויפגעצויגן, — זענען איר סימפאָנישע קאָנצערטן אַ סך וויכטיקער ווי דער דאָקטאָר זשיטלאָווסקי מיטן גאַנצן יידנטום.

אָבער הער רובינשטיין איר מוזט עס מיר טויזנט מאָל מוחל זיין, ווייל איך האָב עס באמת ניט געוווסט, אין דער דייטשער שולע האָב איך פון זשיטלאָווסקין באַשטימט ניט געלערנט; עס פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל ליבער טויזנט קאָנצערטן מבטל זיין און גיין זשיטלאָווסקין הערן, ווען ער איז אַזאַ גרויסע יידישע פערזענלעכקייט.

די גרעסטע עולה ליגט טאַקע אין דעם וואָס ניט איר, און ניט אייערע עלטערן האָבן עס געוווסט, דאָס האָט איר געזאָלט און געמוזט וויסן, איך קען זיך עס גאָרניט אַנדערש פאַרשטעלן...

זי האָט דאַן נאָך געוואָלט ריידן פרעגן, און זיך פאַרטיידיקן ביי אים, הגם זי איז אין איר אומשולד איבערצייגט געווען, אָבער רובינשטיין איז שוין לאַנג געווען פון איר אַנטלאָפן, זי אַליין שטיינלאָזנדיק...

אַ געקרענקטע און באַליידיקטע, איז זי דאַן אַ היימגעגאַנגען מיט אַ טיף פאַרוויטיקטער נשמה.

צומאָרגנס האָט ער חרטה באַקומען, — און ניט קענענדיק מער זיין בענקשאַפט נאָך איר סובל זיין, איז ער צו זיי אין דער וווינונג געגאַנגען... מכלומרשט אַז ער מוז ביי איר אַן אַנטליען בוך צוריקנעמען, וואָס זי האָט אָבער באַשיינפּערלעך געוווּסט אַז ער דאַרף עס לחלוטין ניט האָבן...

דערזעענדיק זי האָט זיין שטים ציטערדיק צו שטאַמלען אָנגעהויבן: קיין — קיין צצצייט־ניט, נאָר דאָס בוך נייטיק געדאַרפן...

זעצט איך דערווייל אויף אַ רגע צו, איך וועל עס אַרויסזוכן, (האָט זי ביי אים געבעטן דערזעענדיק זיין גרויסע פאַרלעגנהייט) אָ, גלייך ברענג איך דאָס בוך, גוט וואָס איר זייט געקומען, וועלן מיר קענען צעזאַמען אַביסל שפּעטער אַרונטערגיין.

זיין האַרץ האָט זיך פּשוט דערפרייט דערהערנדיק אירע רייד אַז זי האָט אים געהייסן אַוועקזעצן זיך, און צו וואַרטן ביז זיי וועלן קענען אַרונטערגיין; — און געוואָלט האָט ער איר ענטפערן: אַ דאַנק אייך, זער גערן, — וועל איך אויף אייך צו וואַרטן, אָבער זיין צונג האָט זיך פּלוצים אין זיין מויל פאַרדרייט, און געענטפערט האָט ער איר עפּעס ביקזס, וואָס ער האָט גאָרניט געוואָלט: ניט איך בין געקומען צו אייך, און ניט איך וויל מיט אייך גיין!...

זיינע ווערטער האָבן איר אַ טיפן שטאָך אין האַרצן דערלאַנגט, און מיט טרערנפאַרלאָפענע אויגן האָט זיך יאָמערדיק צעלאַכט...

זי קען זיך נאָך גוט דערמאָנען ווי האַסטיק ער האָט די טיר הינטער זיך צוגעשלאָגן אַוועקגייענדיק... אַזוי פלעגט זי אָפט ליידן פון זיינע נערוועזישע קאַפּריזן, און עקשנותדיקע איינפאַלן; אָבער דאָך האָט זי אים תמיד אַלעס מוחל געווען, צוליב זיין גרויסער און ערלעכער נשמה...

די דייטשישע פּינקטלעכקייט, — וועלכע האָט שוין סיי־ווי פון אַלע אירע אָנהענגער אַ פאַנאַטיש אויטאָמאַטישן געהאָרזאַם געפאָדערט, האָט ער נאָך אָפּטמאָל אַ דאַנק זיין איבערגערייצטן נערוועזישן צושטאַנד איבערגעטריבן...

„עפּעס צוזאָגן און ניט האַלטן עס, פלעגט ער צו רבקעלען טענען: איז עכט ווייבלעך“, און שמעקט מיט לייכטזיניקייט...

מען דאַרף דערפאַר זיך תמיד אָפּהיטן פון עפּעס צוצוזאָגן, ווייל פון אַ ליגנער, ביז צום גנב, פירט נאָר איין טרעפּל...

עפּעס צוזאָגן, פלעגט זי אים האַלב אין שפּאַס, און האַלב אין ערנסט צו ענטפערן: דאָס אַליין זעט איר איז שוין אַ שטיק טאַט, מחמת אומאַנטשלאָסנקייט איז אַ מין שוואַכקייט, און שמעקט מיט האַמלעטיזם... האַלטן דאָס צוגעזאָגטע, דאָס איז ניט תמיד דאָס וויכטיקסטע, — ווייל ווער איז דען מחויב אַזוי רעאַקציאָנער צו זיין, און צו טראָגן דעם עול וואָס דער נעכטן האָט אויף אים אַרויפגעליגט; און בפרט נאָך, ווען איינער איז אַזוי רעוואָלוציאָנער געשטימט ווי איר? אַ קינד פונעם מאָרגן, — טאָר ער זיך דאָך אַוודאַי מיט דעם נעכטן בשום אופן ניט רעכענען!...

רובינשטיין איז אַ צערייצטער אויפגעשפּרונגען ווי פון נאָדלען געשטאָכן:

רבקע, איר פּראָפּאַנירט, — קליינע מענטשן ציען אַלעס אין קליינלעכן אַריין, און הגם זיי זענען אַזוי ווי די באַצילן, וואָס מקען זיי נאָר קוים מיטן מיקראָסקאָפּ דערזען, פּאַרמערן זיי זיך דאָך פון רגע, צו רגע, און קענען דעם שטאַרקסטן אָרגאַניזם צושטערן...

אומפּינקטלעכקייט, מיינט לייכטזיניקייט — און די דאָזיקע מיין ליבעס פּרייזלין ווערנער, איז דער בעסטער סימבאָל פונעם גאַנצן פּרויען וועזן... און כאָטש אונדזער גייסט האָט דעם דאָזיקן לייכטזין ביז צום שגעון, — ציט אונזער לייב צו אים, ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט; און דאָס איז דער אייביק טרויעריקער רעציל פון דער מענטשלעכער אַנאַטאָמיע, — אין אים פּיבערט אונזער סעקסועלע שטאַרקייט און שוואַכקייט צום אייביק ווייבלעכן...

זיצנדיק אַצינד אויף איר טויטנזיידהנס בעט און צעגלידערנדיק אַלע איינצלהייטן, פון איר און פון דעם זיניקן לעבן, — האָט זי ערשט טיפער דערפילט, אַז כאָטש ער האָט זי אַ סך מאָל מיט פּאַרביטערונג פון זיך פּאַרשטויסן, האָט ער זי פּאָרט אומענדלעך געליבט; יאָ, אָפּטמאָל פּשוט מיט דער גרעסטער הילפלאָזיקייט, איבער זיך און אַלע זיינע איבערצייגונגען, ביז צו פּאַרצווייפלונג...

טראַכטנדיק וועגן זיינע אידעאַלן און ליבע צו איר, האָט זי זיך עפּעס נאָך נענטער און פּאַרכשופטער מיטן געדאַנק פון טויט דערפילט... וועלכער קען צו יעדער מינוט איר גואל זיין. און איז צו איר ווען אַ נשמה־שד געקומען, און געוואָלט איר איינרעדן, אַז דער חשק צום טויט שטאַמט ביי איר גאָרניט אַ דאַנק דער אמתער ליבע, נייערט ווייל זי קען דעם שווערן וואָגן פון איר מיזערע ניט דערשלעפּן, דערפאַר ווערפט זי זיך פאַר שוואַכקייט אונטער זיינע רעדער, מיינענדיק אַז דערמיט וועט דאָס לעבן ווערן צעריבן — דאַמאָלט האָט זי זיך ביטער מיט דעם בייזן נשמה־שד, ווי יעקב אַמאָל מיט די מלאכים, געראַנגלט...

— אַ, די ליבע זיינע די גרויסע ליבע צו דיר, האָט ער זי דען ניט עפּעס צוליב אַ ווייטן פּאַנטאַסטישן מענטשנאידעאַל מקרב געווען?... האָט דער שד צו איר געשריען! ניין, ניין! סאיז ניט אמת, האָט זי זיך אויף דעם בייזן שד געוואָרפן, אין אַלע מענטשן האָט ער נאָר מיך — מיך, אַליין געליבט...

אַ גאָר שטאַרקן רושם האָבן די לעצטע טעג אויך אויף איר געמאַכט דאַנטעס סאָנעטן צו זיין טויטער געליבטע. זי האָט די לידער „וויטאַ נאָוואַ" גוט דערפילט און פּאַרשטאַנען... אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך טאַקע אומאַנטשלאָסן, און ניט געקענט ווייזן בכח צו דער גרויסער טאַט געפילט, אָבער יעצט האָט זי גאָר אַנדערע כחות באַקומען, דער פּרילינג מיט זיינע שטראַלן און פּרישע בליטן, האָט איר ווילן ווי ניי אויפגעלעבט און צעוואַרעמט. דעם לעבן אירן אַ מעכטיקן שטויס אויף פּאַראויס געגעבן, פּאַרזונקן פון אינערלעכע געדאַנקען און געפילן, האָט זי אַ נצחונדיקן געשריי אויס געגעבן: איך וועל באַווייזן מיין ליבע ניט צו אַלע מענטשן, נאָר צו איינעם, אַ פּשוטן מענטשן־חבר, — ווייל אין איינעם ליב איך אַלע... איך וועל פון דעם שקר באַלאַדענעם וואָגן מיט געוואַלט אַראָפּשפּרינגען, אַרונטערשליידערן דעם דריקנדיקן כאָמוט פון מיר... מיט

אַלע כחות זיך באַפרייען, אָבער ניט פאַר שוואַכקייט, אַ ניין, נאָר פאַר שטאַרקייט, ווייל ווער עס קען מיט זיין אייגענער האַנט איבער זיין גורל באַשטימען, — איז שטאַרקער פון דעם, וואָס לאָזט זיך פון פרעמדע באַשטימונגען און צופאַלן דערהריקן...

די שוואַרצזיידענע גאַרטל פון איר טייערן זיידן, האָט איר לאַנגן ישוב, מיט אַן ענטגילטיקן באַשלוס געחתמעט... אַ שטילן פאַרוויקל אַרום דעם האַלדז, און נאָר איין פאַרצי, — און זי איז ווייט פון דעם הבלדיקן און שקרן לעבן, נאָנט צו די צוויי הייליקע מערטירער — ביי איר אומבאַפלעקטן זיידן, וואָס פלעגט אָפט די גאַנצע נעכט ביים זוהר צו וואַכן און צו ברומען ווי אַ טויב מיט אַזאַ מתיקותדיקן ניגון, אַז דאָס האַרץ איז איר שיר פאַר רחמנות און צער אויסגעגאַנגען.

איין פאַרצי די גאַרטל אַרום דעם האַלדז, און זי איז פאַרוועבט מיט דעם הייליקן צדיק וואָס פלעגט זיך ווי אַ שאָטן אין די חדרים אַרומצוציען מיט דעם אייביקן פאַרווײנטן פסוק אויף זיינע האַלב אָפגעשטאַרבענע ליפּן: „מבתו ומהוגו יפרש, צרה וצלמות יירש"... און ניט אויפגעגעבן זיין גליענדיקע אמונה, נאָר זי מיט זיין צעבראָכענעם גוף ווי אַ גבור, אַ קייגן אַלע שונאים פאַרטיידיקט, און פאַר איר צו יעדער צייט באַרייט געווען צום טויט צו גיין...

איין פאַרצי די גאַרטל, און זי איז נאָנט צו איר געליבטן רובינשטיין, וועלכער איז פאַר דער מענטשהייט אויך אַזוי הייליק אומגעקומען...

זי ווייס אָפט אַליין ניט צי זענען די צוויי מאַרטירער ניט גלייך גרויס און הייליק געווען... יעדער איינער אַזוי דערהויבן דורך זיין אמונה...

אַמאָל, איידער זי האָט זיך נאָך געהאַט פון רובינשטיינ'ס סוף דערוווסט, האָט זי זיך געקענט אַזוי שוידערדיק פאַרגעסן; דערנאָך אַ לאַנגע צייט קראַנק אָפּגעלעגן און שפּעטער ביי זיך אַזוי טיף אַראָפּגעפאַלן, אַז זי האָט געמיינט, זי וועט קענען פאַר אַ וועלכן ס'איז מאַן חתונה האָבן; הגם זי איז טיף איבערציגט געווען אַז געליבט וואָלט זי אַזאַ מאַן קיינמאָל ניט, האָט איר פאָרט אויסגעדוכט אַז זי וואָלט זיך געקענט אַ דאַנק איר גלייכגילט, צו אים אַוועקגעבן, נאָר כדי שוין אויף אַזאַ אופן איר אומעטיק צעבראָכענעם לעבן אָפּצופּטר'ן...

אָבער היינט קלינגט דאָס ווי אַ שרעקליכע בגידה אין אירע אויערן, היינט קען זי דאָס פּשוט גאָרניט תופס זיין, ניין, זי וואָלט עס גאָר קיינמאָל ניט געווען געגלויבט צו וואָס זי איז פעאיק געווען... וואָס פאַר אַ מעגליכקייטן אין אַ מענטשן ליגן אַלץ באַגראָבן.

און כאָטש רובינשטיין האָט מיט איר פון חתונה האָבן קיינמאָל ניט גערעדט, אַחוץ נאָר איין יענעם שטילן הערבסט־אָוונט בעת זי איז ביי אים אין דער וווינונג געווען — דערפילט זי ערשט איצט וואָס פאַר אַ שרעקליכן חטא זי וואָלט געווען באַגאַנגען ווען זי טוט אַזאַ זאַך אָפּ — און זי וויל זיך נאָך ווייטער דערמאָנען אין וואָס פאַר אַ שוידערדיקער מיזערע זי איז געווען פאַרשפּינען; נאָר די מחשבות פאַרפּלאָנטערן און פאַרוויקלען זיך איר... אָבער פּלוצים שווימט

ארויס, אזוי ווי די זון פון א טיף פארוואלקנטן הימל, דער לעצטער טאג פון זיין אוועקפארן, און שטעלט זיך איר מיט זיין גאנצער שטעכנדיקער שיין פאר די אויגן...

זי איז אויפ׳ן וואקזאל געקומען, אים א בינטל בלומען געבראכט, ער האט זי צו דער ברוסט צוגעצויגן, און זי קורץ אויף די ליפן געקושט, זיינע אויגן זענען ביי אים עפעס גרעסער געווארן, און בשעת די לאקאמאטיוו־רעדער האבן זיך נאר אנגעהויבן צו באוועגן, האבן באלד זיינע טייערע ווערטער צו אירע אויערן דערגרייכט: זייט בארוט, רבקה׳לע, כ׳וועל באשטימט אייך ניט פארגעסן תיכף צו שרייבן, איר קענט זיין זיכער אויף דעם — אדיע, אויף ווידערזען, רבקה׳לע, לעבט גליקלעך מיין טייערע!...

א ווילע איז זי אויפ׳ן בעט מרה־שחורה׳דיק זיצן געבליבן, דערנאך געפרוווט דעם גארטל ארום דעם האלז צו פארציען... עס איז איר ענג געווארן, אטעם אויסגעפעלט, א קאלטער שווייס האט איר קאפ באדעקט... גאט, ווי שרעקלעך איז דאס דער איבערגאנג זיינער געווען, האבן אירע ליפן פאר זיך געשעפטשעט: און צוליב וואס? איז באלד דער נשמה־שד ווידער פון זיין בייזן תהום אויפגעטויכט, דאס מאל אבער שרעקלעכער און ביטערער ווי תמיד, און זי האט געזען ווי ער וואקסט פאר איר אויס וואס אמאל גרעסער און העכער, און געהערט ווי ער ליארעמט צו איר וואס אמאל שטארקער און ווילדער — פארוואס איז דיין געליבטער אומגעקומען? צוליב אן אידעאל פון פרייהייט און ליבע, פון פארגענגלעכע מענטשן באשאפן... „דאס באשעפעניש פארגייט, און דאס באשאפענע באשטייט“... כא־כא־כא! — האט א ווילדער חוזק פון אים געפלייצט, און זי ווי אנגעגליטע שפיזן געשטאכן, — יא, וויפיל מענטשן־דורות וועט ער נאך אפמעקן, און מיט וויפיל מענטשן־בלוט וועט ער זיך נאך אנזויפן דער ליכטיקער, הייליקער אידעאל פון גלייכהייט, פרייהייט און ליבע פאר מענטשן?... אין וויפיל משונה׳דיקע פנימער איז ער שוין אויפגעשטאנען, און אין וויפיל פארשידענע פנימער וועט ער נאך אלץ אויפשטיין, און ליארמען נאך בלוט, בלוט, יונג מענטשן־בלוט — פאר ליבע, גלייכהייט און פרייהייט, כא־כא־כא! פאר מענטשן־ליבע, מענטשן־בלוט, רויט ווארעם מענטשן־בלוט... און פארוואס דען ניט, די עלעמענטארע כחות קענען אויך קיין גבול ניט ווען זייערע צייטן בייטן זיך, און זיי דארפן א נאטור איבערגאנג אדורכפירן... טא, פארוואס זאל דער מענטש, דאס קינד פון דער נאטור, בעסער זיין, און זיך פונ׳ם פארשאלטענעם רחמנות לאזן אפהאלטן פון אזעלכע גרויסע מעשים? נאר אין בלוט, אין שפרודלדיקן זידנדיקן בלוט, בליט די פרייהייט... — האבן דען משה, קריסטוס, ניט קיין בלוט געברויכט; טא פארוואס זאל עס מארקס בעסער זיין פאר זיי?... נאר בלוט, בלוט, בלוט, ביז אין דער אייביקייט אריין וועט מען עס באדארפן... ווייל מיט בלוט הויבט זיך אלעס אן, און מיט בלוט לאזט זיך אלעס אויס, און בלוט פאדערט אייביק נאך נייעם בלוט, ווערט קיינמאל ניט געזעטיקט...

רבקה׳לע איז פון בעט אויפגעשפרונגען און מיט אַ ווילדן שלוכצן אויס־געבראָכן: ביין, ביין! איך וועל ניט מקריב זיין פאַר אַן אידעאַל פון מענטשן די מענטשן; איך וועל בעסער פאַר איין מענטשן אַליין, יאָ פאַר די פשוט׳ע ליבע פון איין מענטש צום אַנדערן שטאַרבן... אַ, רובינשטיין, רובינשטיין, אפשר האַלטסטו אַז איך בין וויניקער פון דיר, ווייל איך קען ניט שטאַרבן פאַר אַלע, נאָר פאַר איינעם — טאָ זיי מיר מוחל, איך ווייס אַז מיין טויט, פונקט אַזוי ווי דער טויט פון מיין זיידן, וועט דער וועלט אַזוי וויניק נוצן ברענגען ווי דאָס ליכט פון דער לבנה די בליטן... אָבער אַנדערש קען איך ניט, איך קען ניט קיינעם אויסלייזן נאָר קוים זיך אַליין...

אויף אַ קורצע צייט האָט זי איר זיידנס חדר פאַרלאָזט, און געפּרוּווט זיך איינצוהערן אויב אַלעס אין הויז שלאָפט, אַרויסגעזוכט דאָס לידער־ביכל וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט באַקומען מיט אַ ווידמונג צו איר פון דעם פאַר׳חלום׳טן דיכטער אויס אַמעריקע. אַדורכלייענענדיק איצט דאָס לידל, האָט עס זי שוין ניט מער אַזוי גערירט ווי מתחילת, נאָר שטיל און בארוט האָבן אירע ליפן עס נאָך אַמאָל פאַר זיך איבערגע׳חזר׳ט:

פאַר דעם האַרץ וואָס האָט געליטן
און געהיים פאַר זיך געוויינט,
וועלן אפשר נאָך מיבוטן —
קומען פון דער זון באַשיינט.

אָבער ס׳האַרץ וואָס האָט געשטריטן
און פאַרבלאָסט פון לעבנס־פיין, —
זאָל עס באַטש מיין ליד באַהיטן,
ניט עס זאָל פאַרגעסן זיין...

אַ דאַנק דיר דיכטער, פון גאַנצן האַרצן פאַר דעם קליינעם אומעטיקן מצבעלע וואָס דו האָסט אויף די רואינען פון מיין צעבראָכענעם לעבן אַוועק־געשטעלט . . .

פאַרענדיקנדיק דאָס לידל, האָט זי ווידער אַ שטאַרקער חשק צום שפּילן אַרומגענומען, שוין אַזוי לאַנג ווי זי האָט ניט מער געשפּילט . . .

און ווי פאַרכשופט איז זי צום קלאַוויר צוגעפאַלן, אַ ליכט אַנגעצונדן און אַנגעהויבן גאַנץ אַנדאַנטע צו שפּילן „איגגרידס־קלאַגליד" . . .

אויף דער נשמה איז איר אַזוי לייכט, און גרינג געוואָרן, פאַר די אויגן אַזוי קלאָר און ליכטיק, זי האָט פּלוצים ביי זיך דערפילט אַז זי שטייט איבער דער גרענעץ פון מענטש און וועלט, — שוין באַרירט פון אַ זילבער אייביקייטס־פעדימל . . .

אירע שלאַנקע פינגער, האָבן פיבערדיק געציטערט אויף די קלאַווישן,

און די טענער האָבן זיך געגאָסן בענקענדיק, פאַרחלומט, און געוויגט ווי דאָס צאַנקענדיקע פלעמל אויפן קלאַוויר . . .

אַ רגע האָט זי דאָס שפּילן איבערגעבראָכן, באַלד דערנאָך האָבן זיך ווידער זאַנפטע טענער פון גאָלדפאָדענס וווּנדערבאַרן ליבעס־ליד דערהערט, וועלכעס רובינשטיין פלעגט תמיד מיט איר אַזוי גערן מיטצוזינגען:

שבת יום טוב, און ראש חודש,
דאַוונען איך אַליין פאַר זיך,
כהאָבן מיין אייגן ארון קודש
קיינער בעט ניט דאָרט נאָר איך . . .

מיין שווער הארץ איז דאָרט דער עמוד
קיינער זעט אים ניט אַרויס,
די ליבע איז דאָרט מיין נר תמיד
זי ברענט און לעשט ניט קיינמאָל אויס . . .

— אַ, רובינשטיין, רובינשטיין, האָט זי פּלוצים ווי פון חלום אויסגערופן,
— פאַרוואָס זינגט איר ניט מיט, אייער טייערסטע לידל פאַרקלינגט דאָך? דאָס ליד פון אונדזער פאַרגאַנגענער ליבע . . . אַ, וואָס שוויגט איר, וואָס שוויגט איר? . . .

און ווידער האָט זי געשפּילט און געשפּילט, — שטיל, זאכט, אָן אָן אויפהער, ביז אויף איינמאָל זענען די טענער ווידער שווער און פינסטער געוואָרן, און דאָס ליד האָט זיך פאַרוואַנדלט אויף „אַזעס טויט" . . .

אין צימער איז אויף איינמאָל שרעקלעך שטיל און אומהיימלעך טונקל געוואָרן.

רבקעלע האָט מיט געהיימע טריט, זיך ווידער צו איר זיידנס בעט דער־נענטערט, איר קאָפּ אין די קישנס איינגעגראָבן, און שטום צו וויינען אָנ־געפאַנגען: אַ ביין, זיידעשי, דער וואָס נעמט זיך אַליין דאָס לעבן איז ניט ווייניקער פון אַנדערע . . . און מ'דאַרף אים אויך ניט אונטער אַ פּלויט, אָן אַ זייט פונעם קברות אָוועקצולייגן . . .

וואָס בין איך דען שולדיק אַז איך קען ניט מער? זאָל דיין ליכטיקע נשמה מיר ניט פאַריבל נעמען, דו אומבאַפלעקטער, הייליקער צדיק . . .

די ליבע, אַ, די ליבע, זי ציט און רופט מיך . . .

זיי מיר מוחל אויך דו — מיין גוטע, גוטע מאַמעשי, איך שטאַרב פאַר ליבע . . .

אויפהייבנדיק זיך פון איר זיידנס בעט, האָט זי רובינשטיינס בילד צו זיך גענומען און עס קושנדיק צו מורמלען אָנגעפאַנגען: מיט דעם זעלביקן טויט וואָס דו ביסט פון מיר אַוועקגעגאַנגען, וועל איך קומען צו דיר מיין געליבטער . . .

היינט איז פרילינג, היינט איז פרילינג, — אַ נייע ליבע איז אויפגעגאַנגען אין מיר, פון דאָס ניי וויל איך ווידער צו ליבן, צו לעבן אָנפאַנגען, זיין ביי דיר, און דו ביי מיר, אויף אייביק, אייביק ... אומבאַפלעקט און ריין ...

ביז שטיל האָט זי מיט דעם זייחנס גאַרטל איר האַלדז פאַרשנירט ...

* * *

די פרילינג־נאַכט איז אויף אַ ווײַלע ווי שטום איבער דעם געדטנדל הענגען געבליבן, דער ווינט האָט צעווישן די בלומען און בוימער זיך באַהאַלטן.

אָבער דער קלויסטער־גלאָק, — האָט ניט אויפגעהערט מיט זיין מאָנאָ־טאָנעם בים באָם, — נאָר אַלץ ווייטער, און ווייטער געקלונגען, כאָטש רבקעלעס האַרץ האָט שוין פון לאַנג געשוויגן ...

„דער פוילישער סטעמפל"

נאך א לאנגן טאג אפשטיין אין טויטשרעק פארן פוילישן קאנזולאט, ווו מען האט געווארט אויף דעם אזוי טרויעריק בארימטן פוילישן סטעמפל, האבן זיך ביי וואלף טיטעלבוימען אייניקע באקאנטע אויף דער נאכט פארזאמלט.

ווער עס איז נאר צו וואלפן אין דער וווינונג אריינגעקומען האבן זיך אים טרערן אין די אויגן געשטעלט, דערמאנענדיק זיך ווי געליכט און געשיינט ס'האט דא אמאל יעדעס ווינקעלע אין שטוב בעת שיינדעלע האט געלעבט, — און ווי וויסט און פוסט עס קוקט דא היינט אויס.

וואלפס קינדער פארוואגלט, פארטריבן, איינס אין איטאליע, סצווייטע אין פראנקרייך, און דאס יינגסטע גאר אין ענגלאנד.

דערפאר האט וואלף קיינעמען ניט געקענט אין די אויגן אריינקוקן, נאר זיך מיט אלע כחות מנצח געווען און שוויגנדיק די ליפן מיט וויטיק פארביסן.

הער און פרוי זינגער זיינע בראנזש קאלעגן, האבן אים געזוכט צו טרייסטן מיט סאמעטענע רייד: איר דארפט אייך גארניט צו זארגן רב וואוטשע, ווייל איר וועט דעם סטעמפל זיכער באקומען, ווער דען, אז ניט איר וואס האט דארט א הויז שטיין, יעדן חודש געלט צו אייער ברודער אהיימגעשיקט, און אליין כמעט יעדעס יאר צו די ימי נוראים ביים רבין אין פוילן געווען. ס'קען דאך גארניט קיין ספק זיין אז איר וועט דאס סטעמפעלע באקומען, איר האט אייך ניט וואס צו זארגן, ס'איז אזוי קלאר ווי דער טאג . . .

בשעת מעשה האבן זיי אבער בסוד געהאלטן פאר אים, אז זיי האבן דעם סטעמפל פון לאנג שוין געהאט באקומען, הגם קיין הויז האבן זיי דארטן ניט שטיין געהאט, געלט צו קיין ברודער אויך ניט געשיקט, און זייט 30 יאר צייט איבערהויבט ניט מער אין פוילן געווען . . .

אבער איינס האבן זיי יא געהאט, און דאס איז געווען אן אפן טירל צום פוילישן קאנזולאט, פון וועלכן דער פשוטער וואלף טיטעלבוים האט קיין שום ידיעה ניט געהאט און סאיז אים אפילו אויפן זינען ניט געקומען.

— יא יא, האט וואלף מיט א געבראכענעם קול געענטפערט: איך בין היינט א גאנצן טאג פארן פוילישן קאנזולאט געשטאנען, און געזען פלאטערן אין שניי און אין ווינט די פאן מיטן שטאלצן פוילישן אדלער, וועלכער האט אויסגעקוקט אזוי צעפרוירן און מוטלאז, ווי די כיתות מענטשן וואס האבן דארטן דעם גאנצן טאג אויף דער גאס פארבראכט, מחמת ארויף געלאזן אין ווארט - רוים אריין האבן די באנדיטן קיינעמען ניט.

דער יאוש און צער, פון די ארימע פרויען און קינדער, וואס זענען אין דער קעלט געשטאנען, — (מחמת ביז צום 1טן אפריל 1939 האבן זיי שוין געמוזט

דעם סטעמפל אויף דער פאליציי אויפווייזן.) איז פשוט ניט צום איבערדערציילן, — און די פרצים זענען זיך אויבן אין דער ווארימקייט געזעסן, ניט פאר בייטיק געהאלטן אפילו די קינדער אין הויז אריין צו לאזן, אזוי אין גרויסן און שטאלץ זענען די פערכעס געווען, רע פוילן, — און דאס זענען אונדזערע באשיצער אקייגן די היינטישע דייטשן ימח שמם וזכרם, וואס ווילן אלע פוילישע בירגער פון דייטשלאנד ארויסטרייבן; וועלכע וועלן דעם סטעמפל ניט קענען אויפווייזן ביז צו דעם אנגעגעבענען טערמין...

איז ווו אהין זאלן בעבעך די אלע אומגליקלעכע, גיין, וואס זאלן די ארימע לייט טאן, וועלכע האבן ניט קיין הייזער אין פוילן? האט זיך אנגערופן פרוי זינגער מיט א כמעט ציטערדיקער שטים און פייכטע אויגן: (נאר פארבארגן אין הארצן גליקלעך געווען טראכטנדיק, אז זיי באלאנגן, גאט זיי דאנק ניט צו די אומגליקלעכע.) אזעלכע צרות און שלעק, זענען נאך קיינמאל אויף דער וועלט ניט דערהערט און געזען געווארן, איז זי זיך ווייטער אין רחמנות פארגאנגן גוט פילנדיק זיך בשעתן באמיטליידן די אומגליקלעכע, וועלכע האבן ניט געהאט דאס גרויסע מזל צו באקומען דאס קליינע רויטע פוילישע סטעמפעלע...

און וואס העלפט עס שוין אז מען האט מישטיינסגעזאגט יא א הויז שטיין אין פוילן? איז איר וואלף אין די רייד געפאלן: א שיין לידל האבן זיי אונדז דאס אפגעשפילט די פערדס גנבים, — דערזעענדיק ווי היטלער טרייבט אונדז און נעמט ביי אונדז צו דאס געלט און דאס רעכט; איז, אנשטאט זיך אונדזער קריוודע אנצונעמען, האבן זיי נעבעך גאר אליין מורא באקומען פאר אונדז, אז מיר זאלן זיך חלילה ניט א היים צוריק אומקערן, און דאס ארימע באפעלקערטע און יידנפולע פוילן נאך מער פארארימען, און מיט יידן באפעלקערן... דערפאר האבן זיי באשאפן אזא געזעץ מיט דעם סטעמפל, — כדי זיך צו באווארענען, אז מיר זאלן זיך ניט קענען מער אומקערן אין דעם לאנד אריין ווו מיר זענען געבוירן געווארן, — און היטלער רשע האט מער ניט געדארפן, דערזעענדיק אזעלכע סארארדענונגען לגבי די יידן פון פוילן, האט זיך ערשט ריכטיק זיין רויבערישע שנאה אין אים צעפלאקערט, און ער האט אנגעהויבן פון דאס ניי צו רודפן דעם אויסגעמוטשעטן פוילישן ייד מיט א גילטיקן פאס, אבער דערצו האט מען געמוזט האבן דאס „סטעמפעלע" און דאס דאזיקע האבן נאר געקענט יחידי סגולה באקומען, — ניט די פוילישע יידן וועלכע זענען געבוירן, דערצויגן און אויפגעוואקסן אויף דער פוילישער ערט... יא דאס וועט טאקע פארבלייבן אן אייביקער קנס צייכן אויף דעם שטערן פונעם געוויסנלאזן געמיינעם אנטיסעמיטישן פוילן וואס האט געהערשט ובמי היטלער... דערפאר האב איך ניט קיין שום בטחון צו זיי, איר האט דאך אליין געזען וואס זיי האבן אנגעטאן צו אייזיקל שפינדלערס זון וואס האט גאר געשריבן אין די פוילישע גאזעטעס, און ער אייזיקל גופא האט גערעדט א פויליש ווי א געבוירענער גוי, איז וואלט דאך שוין געדארפן אלעס גוט צו זיין, האט מען אים געהייסן מאכן א בקשה וועגן דעם סטעמפל גלייך מיט אלע יידן, און ערשט

נעכטן האָט ער צוריק באַקומען זיין פּאַס, אָבער אַנשטאָט מיט דעם פּוילישן סטעמפּל, מיט אַ געזונטער אויסבירגערונג . . .

די סיבה דערפון רב וואַלפּטשע קען איך אייך דערקלערן, האָט זיך אָנגערופן מיט אויפרעגונג פּרוי זינגער.

אין צווישן האָט עס אין טיר אַ שאַרפן קלינג געטאָן, אַלע זענען זיצנגעבליבן מיט האַרצקלאַפּעניש ווי געלעמטע.

אוי, ווער ווייסט צו שוין ניט ווידער אַמאָל די „ס׳ ס׳״?... האָט שמואל זינגער די ווערטער קוים אַרויסגעבראַכט, און זיין גרויסן קאָפּ מיטן פעטן קאַרק אין זיין רוקן אַריינגערוקט, ווי אַ דערשראָקענע קאַץ אין איר פעל.

אָבער מיטן אַריינקומען פון שמעלע קאַרענבלום איז די שרעק באַלד צעריננען געוואָרן, און אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט . . .

גזלן, רויבער וואָס דו ביסט, אַ ייד זאָל אין היינטיקע צייטן האָבן ס׳לב אַזוי די נשמה אַרויסצוציען, אוי רבונו של עולם, איך פיל מיר פשוט דאָס האַרץ ניט, אַזאַ קלינג, אַזאַ קלינג! . . .

נו, — שרעקט אייך ניט פרוי זינגער ס׳איז ניט אַזוי געפערלעך געווען, ווייל שמעלע קאַרענבלום וועט קיינעמען ניט בייסן חלילה, און דאָס האַרץ ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, קען אויך נאָך עפּעס ערגערס דערטראָגן דווקא אין היינטיקע צייטן . . .

— פאַר דיר שמעלע לץ מעגסטו מיר גלויבן האָב איך זיך ניט דערשראָקן, נאָר פאַר דיין משוגעגעם ווילדן קלינג...

— הייסט עס אַז איך האָב שוין בכלל ניט מער געזאָלט אַרויפקומען, איז עס דען שוין אַזוי ווייט דערגאַנגען אַז מ׳טאָר שוין מער ניט אויפ׳ן גאַס אַרויס־גיין און אַמאָל צו אַ באַקאַנטן אַריינפאַלן? זענען מיר דען ניט געענוג שוין אויף צרות, פון די נאַציס פאַרתכלעוועט, דאַרפן מיר זיך נאָך אַליין צו באַגראָבן, און וואָס וועט עס דען העלפן?

— איך זאָג ניט אַז מיר זאָלן ניט אַרויסגיין, איך וויל נאָר דערמיט זאָגן, אַז מיר דאַרפן אָפּהיטן דעם אָפּמאַך וואָס מיר האָבן באַשטימט פאַר אַלע באַ־קאַנטע — צו קלינגען צוויי מאָל, כדי מיר זאָלן וויסן ווער עס קומט צו אונז...

— מילא, פרוי זינגער, בעט איך ביי אייך מחילה, האָב איך עובר געווען אויף אַ לאו פון דער תורה, איך וועל שוין תשובה טאָן...

— אַלעס זער ווויל און פיין — האָט שמואל זינגער זיין פרוי אונטערגע־האַלפן — אָבער דיינע חכמות האָבן אונז אַ היבש ביסל האַרצקלאַפּעניש פאַר־שאַפט, און היינט שטייט ניט דער קאָפּ, מעגסטו מיר הייליק גלויבן, אויף אַזעל־כע וויצן....

— אָט וואָס, באַרישקייטן, באַרישקייטן — האָט שמעלע ווייטער געשמייכלט

— דערפון מעגט איר מיר גלויבן שטאַרבט מען אסור ניט. איבעריקנס האָב איך אייך נאָר געוואָלט אַ בשורה טובה מבשר זיין, און איר פאַרגינט עס מיר ניט מישטיינסגעזאָגט...

— וואָסי, וואָס איז שוין ווידער, שמעלע נשמה־כאַפּער? — האָט פרוי זינגער זיך פון דאָס ניי דערשראָקן — קום, שמואל, לאָמיר בעסער גיין אַהיים, איך האַלט עס דאָ ניט אויס...

— בלייבט נאָר געזונטערהייט, עס איז חלילה גאָר קיין שלעכטס — האָט שמעלע בכיון ווייטער לאַנגזאַם די ווערטער מיט אַ שמייכל צעצויגן — שטעלט אייך פאָר אָסקאַר פּיק, אָט דער דאָזיקער בעל דבר, האָט ניט מער — נאָר אַזוי גרויס און ברייט, ווי דאָס אמת׳ע רויטע פוילישע סטעמפּעניו באַקומען, נו, וואָס זאָגט איר דערצו?

— אָט דאָס איז עס דאָך וואָס איך האָב פריער געוואָלט דעם הער טיי־טעלבוים זאָגן, ביזטו פונקט אַריינגעקומען און מיר די רייד מיט שרעק איבער־געהאַקט, איך בין איבערציגט אַז אַלע אַנשטענדיקע פוילישע בירגער וועלן דעם סטעמפּל באַקומען, אָבער עס פאַרשטייט זיך אַז אייזיקל שפּינדלערס זונדל דעם קאָמוניסט קען מען קיין סטעמפּל ניט געבן, אַז ניט וועט עס הייסן: אַז אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, דערפאַר ווייזט זיי היטלער אויס, און פוילן לאָזט זיי אַריין... אָבער אָסקאַר פּיק איז דאָך אַ לעגאַלער סוחר . . .

שמעלען איז דער שמייכל פאַרגאַנגען, און זיינע אויגן האָבן זיך אים מיט בלוט אָנגעגאָסן: אַזוי גאָר, גנעדיקע פרוי זינגער — אַז אייזיקל שפּינדלער מיט זיין זון וועלן דעם סטעמפּל באַקומען וועט עס הייסן, אַז אַלע פוילישע יידן זענען קאָמוניסטן? אויף אַזעלכע וויצן שטייט מיר שמעלע קאָרענבלום באמת ניט דער קאָפּ, ווייל ראשית כל איז גאָר אייזיקל׳ס זון ניט קיין קאָמוניסט, נאָר אַ פּשוט׳ער זשורנאַליסט, והשנית, ווען ער וואָלט עס אפילו יאָ געווען, טאָ וואָס איז זיין פאָטער שולדיק? והשלישית, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט אַלע יידן, אַז אַ קאָמוניסט באַקומט אפילו יאָ אַ סטעמפּל? איז ס׳קאָנזולאַט אויף איינמאָל אַזוי געטריי געוואָרן די יידן און מורא באַקומען אַז מ׳זאָל זיי ניט אין קאָמוניזם חושד זיין?... לעכערלעך, דאָס גלויבט איר דאָך אַליין ניט, דאָ איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע סיבה, מיינע הערן און דאַמען, און די דאָזיקע ליגט אין אונזערע קהל׳ס פאַרזאָרגער—אויסגעריסן זאָלן זיי נאָר ווערן, ווי משוגענע שוואַמען זענען זיי איבער נאַכט אויסגעוואַקסן, קיין מענטש האָט זיי פריער ניט געקענט, און היינט זענען זיי געוואָרן די גאַנצע קלאַפּערס און בלאָזערס, עפּעס אויסוווּרפן און לומפּן, וואָס האָבן זיך אַלע צייטן נאָר מיט שיקסעס אַרומגע־טליקעט, זענען היינט געוואָרן די אַפּיטרופּסים פון די הילפלאָזע פוילישע יידן, און ווער באַקומט דעם סטעמפּל מיינט איר? נאָר די דאָזיקע וואָס ווייסן אַ טירל צו די קאָנסולאַרע פאַרברעכער־קליקע — ניט די וואָס האָבן משפחה אין פוילן, קענען גוט פויליש רעדן, האָבן צו פאַרוואַנדטע געלט אָפּגעשיקט, זענען יעדס יאָר דאָרט געווען און כל ימיו אַ גילטיקן פוילישן פּאַס געהאַט; זיי ווערן אויסגעבירגערט, דעם סטעמפּל באַקומען די וואָס קענען שמירן מיט אַ סך געלט, אַלע די שיבער און וווכערער, וואָס האָבן קיינמאָל קיין שייכות מיט פוילן און דעם פוילישן יידן ניט געהאַט, זיי דערקלערט מען פאַר פוילן, מיר

און אונזערע קינדער מוזן אנטלויפן מיט די אומגילטיקע פוילישע פאספארטן און זיך שווארצן אין טויט־שרעק איבער אלע גרענעצן, פארהאלטן ווערן און אפליגן אין די תפיסות פארפאלגטע ווי די גנבים, אלץ צוליב דער פינסטערער געמיינער קליקע! מיר זעבען ניט אזוי אנשטענדיק ווי אסקאר פיק וואס האט שוין צוויי מאל פליטה געמאכט.

וואלף איז אן אויפגעשוידערטער אויף און אפ געגאנגען, בייסנדיק זיך די בארד פאר צרות און ווי פאר זיך אליין געררעדט: אז איך וועל דעם סטעמפל ניט באקומען, וועל איך פארן קיין איטאליע, דאס איז נאך דערווייל דאס איינ־ציקע לאנד וואס לאזט אריין מיט א פוילישן פאס אן דעם פארשאלטענעם סטעמפל...

— מאכטס איך ניט בארייש, רב וואלף, ווי קאנצלעריע, איר וועט באקומען דעם סטעמפל, ווער דען אז ניט איר? א מענטש וואס האט דארט א קאמעניצע שטיין, דארפן מיר זיך זארגן פאר איך? גייט, גייט, מאכט איך ניט בארייש, אייער ברודער אין ווארשע, צו ווען איר האט עס כסדר געלט געשיקט, וועט דארט נאר א בקשה דערלאנגען וועט איר שוין קענען רואיק שלאפן, און אין ערגסטן פאל קענט איר אויך גיין דורכ׳ן הינטערטירל, ווי די אלע אנדערע חכמים ונבונים, וואס האבן פוילן קיינמאל ניט געזען און ניט געקענט — וואס, עס פעלט איך אפשר אויס געלט? איר דארפט עס נאר זאגן מיר שמעלע קארנבלומען, און באלד ברענגט ער איך וויפיל איר ווילט נאר אליין פון דער „ביירישער וועקסל און היפאטעקן באנק“...

— אוי שמעלע לץ, שמעלע לץ, דו ביזט דאך ניט קיין נאר, וואס האט מען היינט פון אלע קאמעניצעס אז ס׳איז אזא ביטערע צייט געווארן, וואס לא די מ׳קען גארניט פארדינען, טאר מען אפילו אויך דאס פארדינטע ניט ארויסנע־מען... און פלעגסטו עס ניט תמיד אויך אליין צו זאגן, אז אט א, דאס קליינע פיסקל קען אויפעסן די גרעסטע קאמעניצע און ניט נאר איינע, ביירערט גאנצע שורות... יא, יא, שמעלע, היינט איז דאס אלעס בלאטע שבבלאטע, ארויסראנ־טעווען קען זיך ניט דער אנשטענדיקער נאר דער לומפ און באנדיט, ווי דו האסט עס צופויער געזאגט...

— אויב עס איז טאקע יא אזוי, רב וואלף, לאמיר מאכן א לחיים, איר זענט דאך עפעס א בעל מלאכה פון גוטן בראנפן, טא זשאלעוועט טאקע ניט, אמאל כאטש אן די צרות פארגעסן, אט אזוי, רב וואלף, שעמט איך ניט, איר מעגט אנגיסן די גרעסערע גלעזלעך — צום געזונט פון אייער יונגסט טעכטערל פע־רעלען וואס איז היינט ערשט מיט א קינדער־קאלאנע קיין לאנדאן אפגעפארן, לחיים רב וואלף!

— לחיים, לחיים! — האבן אלע געטרונקען און זיך געווינטשן אז מ׳זאל באלד און גיך אויסגעלייזט ווערן פון היטלער׳ס טריפה׳נע בלוטיקע לאפעס.

וואלף טייטעלבוים האט געטרונקען דעם בראנפן צוזאמען מיט זיינע טרערן, אבער טיף אין זיין הארצן א הנאה געהאט וואס ער האט זיך מיט זיין שוויגער

נאָך פאַרן אָוועקפאָרן איבערגעבעטן און איר צוגעזאָגט ניט מער חתונה צו האָבן, פאַר וועלכן זי האָט אַזוי מורא געהאַט צוליב די קינדערס־וועגן...

ער האָט זיך אויך געפילט גליקלעך וואָס ער האָט זיך מיט דער שוויגער געזעגנט, אַלעס פריערדיקע איר מוחל געווען פונקט אַזוי ווי זי אים; און זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק: אַז גאָט וועט אים ניט אין גאַנצן פאַרלאָזן, נאָר נאָך דאָס גליק באַשערן — צו דערלעבן זיינע קינדער ווידער צו זען, און זיך פרייען אויף זייערע שמחות.

2

אין תפיסה־שפּיטאָל איז אַלעס שטום און פינסטער, נאָר צומאָל בליצט אויף דאָס אויפגעפלאַנצטע געווער פון די תפיסה־שומרים אין דער חושכדי־קער שטילקייט פון דער נאַכט, און עס הערט זיך דאָס פלאַטערן פון דער האַקנקרייץ־פאָן.

וואָלף ליגט וואַך מיט פאַרמאַכטע אויגן, — און אים איז עפּעס פאַרט ליכ־טיק, יאָ, פייערדיקע שטערן טאַנצן אים פאַר די אויגן, אַזוי מאָדנע, גאָלדן, רויט...

און אין וואָס פאַר אַ ווייך בעט ער ליגט עס — זייט 1939 נאָכ׳ן קריגס־אויסברוך אין דער פרי, ווען עס האָבן אים צוויי געסטאַפּאָ־אַגענטן פון זיין וווינונג אַרויסגעשלעפּט און מיט אים אין פינסטערער תפסה פאַרפאַרן, אין וועלכער עס זענען שוין געווען טויזנטער פון פוילישע יידן פאַרזאַמלט, איז ער נאָך ניט אין אַזאַ ווייכן בעט געלעגן... און געקענט אַזוי פריי די פיס אויסציען... הגם אין דער אמת׳ן איז דאָס נאָר אַן אָרים אייזן־בעטל, אָן מאַטראַצן, מיט אַ פייכטן שעניק געווען.

יעצט האָבן זיי אים ערשט דערלויבט צו ליגן, די גאַנצע צייט האָבן זיי אים נאָר געקאָפּעט און געטריבן ווי אַ חיה צו דער אַרבעט, און צום עגזיצירן... ביז נעכטן ווען ער האָט זיך שוין אין גאַנצן ניט געקענט מער רירן...

כאָטש די אכזרים האָבן געזען, ווי ער שפּייט שוין די לונגען מיט שטיקער בלוט אויס, האָבן זיי אים אויך נאָך ניט אויפגעהערט צו יאָגן און צו העצן — נייך, נייך, נאָר נאָך מער אים געטריבן, און געקאָפּעט מיט די שטיוואַליעס אין די זייטן אַריין, ביז ער האָט זיך נעכטן פשוט שיר ווי אַן אויסגעטריקנט פאַס צעשיט...

אָבער בעסער אַזוי, ווייל מאבד עצמו לדעת זיין האָט ער חלילה ניט גע־וואָלט, באין אופן ניט, הגם ס׳האָט אים אָפט אַ שטאַרקער חשק דערצו אַרומ־געכאַפּט, כדי פון די רוצחים׳ס בלוטיקע לאַפּעס פטור צו ווערן, מחמת די עינויים זענען דאָך שוין געווען אין לשער... ואין לספר!

אין אַזעלכע פינסטערע מינוטן האָט ער זיך דערמאָנט אָן די קדושים שמסרו את נפשם על קידוש השם — און ער האָט געגלויבט באמונה שלימה אַז די בייזע רשעים וועלן פאַרשניטן ווערן, און ער וועט נאָך בעזרת השם דער־

לעבן די ליכטיקע זון צו זען, ווייל בשאול מי יודה לך ?...

און זיינע געדאַנקען לויפן, פיבערן, בליצן, אַזוי ווי אַ צוג אויף אַ הויכן באַרג פון דעם לאַקאָמאָטיוו אָפּגעריסן, — דורך טונעלס, בריקן, טאָלן, ערגעץ באַרג אַרונטער, וואָס אַמאָל טיפער און טיפער...

זייט אַ פּאָר טעג דוכט זיך אים גאָר אויס אַז עס ווערט אים אַ ביסל בע־סער, מחמת עס שטעכט אים שוין ניט מער אַזוי שטאַרק אין דער ברוסט ווי פריער, אפשר וועט גאָט ברוך הוא אים נאָך אַ נס באַווייזן, אפשר וועט ער נאָך די זכיה האָבן אַרויסצוקומען פון זייערע הענט, אודאי ברויך ער רחמים גדולים, אָבער וואָס איז דען ביים באַשעפער ניט מעגלעך ?...

אוי, הלואי וואָלט ער זיי דאַמאָלט נאָר ניט געוועזן די 1000 מאַרק אַרויפּ־געטראָגן פאַר דעם פינסטערן סטעמפּל — וואָס יעדער ייד האָט געמיינט אַז ער איז די איינציקע ישועה, און אָן אים גייט די וועלט אונטער... יאָ, ווען ער וואָלט נאָר דעם פאַרשאָלטענעם סטעמפּל ניט געוועזן געהאַט, וואָלט ער זיכער ווי אַ סך אַנדערע יידן געוועזן געמוזט קיין איטאַליען אַנטלויפן, און בזה האופן ניט אין זייערע לאַפּעס אַריינגעפאַלן, נאָר געוועזן צוזאַמען מיט זיינע קינדער, ווי זיי האָבן אים אין אַלע זייערע בריוו באַרטלעך אָן אָן אויפהער רחמים גע־בעטן...

אָבער מסתמא האָט דער באַשעפער אַזוי געוואָלט, אַז איין טאָג איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן זאָל אים דער בריוועטרעגער זיין פּאַספּאָרט מיטן סטעמפּל אַהיימברענגען. דערפאַר האָט ער ביי זיך באַשלאָסן אַזוי לאַנג צו פאַרבלייבן ביז ער וועט קענען אַלע זיינע מעבל, ספרים, און ס׳זילבערוואַרק אַהיימשיקן.

זיין דאַמאָלטדיקע שמחה איז דאָך געוועזן אין לשער, אַלע יידן האָבן אים מקנא געווען, אַז ער האָט פשוט ניט געוווסט ווי אַזוי ער וועט האָבן דאָס האַרץ אָוועקצופאָרן...

עס האָבן זיך פאַר אים ביי׳ע האָריזאָנטן פונאַנדערגעשפּרייט — שטיל האָט אַ געדאַנק וועגן חתונה האָבן, זיך אין זיין מוח פאַרטשעפּעט, ווי אַ פליג אין אַ שפּינען־נעץ...

אפשר האָט טאַקע דאָס גאָט דערפאַר אים געשטראָפט, ווייל ער האָט זיין שוויגער געהאָט צוגעזאָגט שוין מער קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן — אָבער מ׳איז דאָך נאָר אַ בשר ודם, מילא, האָט ער געזינדיקט במחשבה...

עס שניידט אים אַזוי ביים האַרצן ווען ער דערמאָנט זיך ווי זיין גאַנץ שווער אָפּגעהאַרעוועט פאַרמעגן איז הפקר׳דיק אויף דער „באַנק" איבערגע־בליבן, און ווי ער האָט געמוזט זיינע מעבל, דאָס זילבער, די ספרים און מלבושים, יאָ אַלעס וואָס ער האָט במשך פון די 35 יאָר זיין אין דייטשלאַנד זיך דערוואָרבן, אין אַ פרימאָרגן שטיין לאָזן, און אַרויס פשוט אַ נאַקעטער פון זיין וווינונג, בעת די צוויי מלאכי־חבלה זענען נאָך אים געקומען און אים אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אַריינגעבראַכט...

אוי, רבונו של עולם, פאַרוואָס איז אים דאָס געקומען? האָט ער דען ניט די גאַנצע צייט וואָס ער איז אַרומגערייזט אין די דערפער דאָס שטרענגסטע כשרות אָפּגעהיטן, האָט ער דען ניט אָפּט וואָכן לאַנג פון בלויזן ברויט און קאַלטן ביר געלעבט, די פיס זיך שיר איבערגעבראָכן גייענדיק פון דאָרף צו דאָרף, נאָר כדי די קונים אַנשטענדיק און ערלעך צו באַדינען; פון זיין יעדן גראָשן מוז דאָך בלוט טריפן, אַזוי שווער און ביטער האָט ער איבער אים געאַרבעט... און האָט ער דען ניט יעדן חודש געלט אַהיימגעשיקט צו זיינע אָרימע ברידער און שוועסטער, און אויך צדקה געגעבן?

יאָ, דאָס אַלעס האָט ער דעם פינסטערן סטעמפל צו פאַרדאַנקן, אַזוי גרויס ווי זיין גליק איז מתחילת געווען, אַזוי גרויס איז יעצט זיין אומגליק, ווען ניט דער פאַרשאָלטענער בעל דבר, וואָלט ער געווען צו זיינע קינדער אין איטאַליען געפאָרן און פון דאָרט אין פאַלעסטינע צו זיין עלטסטער טאָכטער, אָדער קיין לאָנדאָן צו זיין פערעלען דעם יונגסטן און ליבסטן טעכטערל וואָס טראָגט זיין מאַמעס נאָמען...

נאָר דורך דעם פינסטערן פוילישן סטעמפל האָט מען אים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַרשלעפּט, און דאָרטן יאָרן לאַנג אָפּגעהאַלטן, ניט געלאָזן קיין טלית און תפילין לייגן, אָדער אין אַ ספר אַריינקוקן, — נאָר געפּייניקט און געצוווּנגען אים ער זאָל טריפה עסן...

אָבער דאָס האָבן זיי שוין ניט זוכה געווען און גע׳פועל׳ט ביי אים. בעסער האָט ער פון שוואַרצן ברויט מיט רייז, און די ביטערע קלעפּ געלעבט, און חלילה במזיד קיין טריפות צו זיך ניט גענומען, — סיידן זיי האָבן אים אויף צו להכעיס געצוווּנגען און עס אים מיט געוואַלט אין מויל אַריינגעשטופּט האַלטנ־דיק דעם רעוואָלווער פאַרן פּנים. ליבער איז ער אין סוכאָטעס אַריינגעפאַלן און זיינע לונגען אויסגעשפּיגן, איידער אַזאַ עבירה במזיד צו האָבן באַגאַנגען . . .

אוי די רשעים, די רשעים, ווי זיי האָבן אים דאָס געפּייניקט, — אָפּטמאָל אים אַ שטיק פלייש פאַרן מויל געהאַלטן, בעת דאָס האַרץ האָט אַזוי גע׳חלש׳ט, די צונג געטרוקנט, און אַזש דעם גומען פאַרשנירט נאָך אַ ביסל וואַרעם געקעכטס...

און זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן, די נשמה לעכצנדיק צו גאַרן, נאָך דעם טעם פון די מאכלים פון די שבתים און ימים טובים, וואָס זיין שיינדעלע פלעגט פאַר אים אַזוי מלכות׳דיק אָנצוגרייטן...

און עס איז אים געקומען די סלינע אין מויל אַריין נאָך די פיינע פוטער־קיכנס, חלות מיט ראָזשינקעס געקנאָטן, געפילטע העכט, געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס און אייער, און נאָך די אויסגעבראָטענע גענזלעך מיט בראָטיויך, זיין מלכות׳דיקער טיש אין דער היים.

היינט ערשט דעם תענוג רוחני וואָס ער האָט מרגיש געווען אין זיין שולעכל: פונעם רב, און חזן, דעם ארון קודש מיט די ספרים, די עדה יידן — אוי ווי שווער איז דאָס אַלעס אָנגעקומען אים צו גרינדן...

ער געדענקט עס נאָך ווי היינט — די טישן, בענק און דעם עמוד האָט ער אַליין געקויפט, מחמת ער איז געווען פון די ערשטע גריבדער פון דעם מקום קדוש. דערפאַר איז דאָס שולעכל טאַקע ביי אים הייליק געווען ווי ס׳בית־המקדש.... יום כפור פלעגט ער דאָרט די גאַנצע נאַכט אויף־צו־זיין און תהלים צו זאָגן. צומאָרגנס דעם גאַנצן טאָג ביי אַלע תפילות געשטאַנען און אין תשובה פאַרבראַכט. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די יראה און קדושה, וואָס דאָרט האָט אַרומגעשוועבט, די וועגט האָבן פשוט מיטגעוויינט פאַר כונה...

און היינט, וואָס איז געוואָרן פון זיין שולעכל די „שומרי שבת״? — אַלעס חרוב און וויסט, אַ טייל יידן פאַרטריבן און אַנטלאָפן, אַן אַנדערער טייל שוין דער׳הרג׳עט, ער און נאָך טויזנטער אין קאָנצענטראַציע לאַגערס פאַרשלעפט, דאָס איבערגעבליבענע ביסל האָב צערויבט און צע׳גנב׳עט, און ווי אַ חלום איז גאָט׳ס הייליקע עדה צערינען און פאַרשוואונדן, ניטאָ מער, נאָר אַ קאָנצענטראַציע לאַגער מיט עינויים קשים, אַ פאַרצווייפלט ביטערער געקלאָג, אַ פינסטערער געראַנגל אָן אַ סוף...

וואָלט ער כאָטש נאָך דערלעבט זיינע צוויי זין צו דערזען, רבונו של עולם — צי האָט מען זיי ניט אויך ערגעץ ווו ביי אַ גרעניץ געכאַפּט און אין אַ תפיסה פאַרשלעפּט די קדשים זיינע?... וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי דערצויגן...

און זיין ליבסטע קליינע פערעלע — זיין טייערער מוטערס נאָמען, אוי ווי גערן וואָלט ער זי נאָך איינמאָל דערלעבט צו זען, איידער ער וועט די אויגן אויף אייביק פאַרמאַכן...

אַ צייט לאַנג האָט ער זי כמעט יעדע נאַכט אין חלום געזען, געקושט אירע בלאַסע באַקן, זי געהאַלזט און געפרעגט צום האַרצן, געהערט ווי זי וויינט פון בענקשאַפט און רופט צו אים: טאַטעשי, טאַטעשי, האָב בטחון צום אויבערשטן, די גאולה וועט באַלד קומען פאַר דיר און כל ישראל, דו וועסט אויסגעלייזט ווערן פון די רשעים׳ס פינסטערע הענט און מירן ווידער אייניאייגעם זיין, וועל איך דיר דערציילן ווי ביטער מיר איז געווען אין דער ווייטער פרעמדער וועלט אַליין ביי אומבאַקאַנטע מענטשן, ווי טרויעריק מיינע שבתים זענען דאָס געווען, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מאַמעשי׳ס ליכט־בענטשן, און אָן דיין קידוש־מאַכן; בעת די אַנדערע האָבן גאָר פון קיין שבת ניט געהאַלטן, אוי ווי ביטער איז מיר דאַמאָלט געווען, טאַטעשי, צי האָסטו דאָס דערפילט? ווי איך האָב דאַמאָלט נאָך דיר געבענקט, און ווי עס האָט מיך געצויגן צו מיינע ברידער און שוועסטער, — איך האָב זיך ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ צימער באַהאַלטן און מיט׳ן סידור׳ל אין דער האַנט פאַר דעם אויבערשטן מיין האַרץ אויסגעגאָסן, ווייל מיר איז געווען אַזוי שלעכט און אַזוי שווער אויף׳ן האַרצן, אַז איך האָב געמיינט איך וועל פון אומעט פאַרגיין...

וואָלף האָט געפרוווט זיין קאָפּ אויפצוהויבן, אָבער ער איז אים ווי אַ שטיק בליי אויף די קישנס צוריקגעפאַלן, נאָר זיינע אויגן האָבן געבלאַנקעט

און געזוכט, ביז ענדלעך האבן זיי געפונען שוין לער דאס בעטל פון זיין ארימען 17 יאריקן שכן לייבעלען וועלכער האט שוין געהאט א וויזע קיין פאלעסטינע צו פארן, און זיינע עלטערן האבן אים אין איטאליע ביי יעדן שיף אפגעווארט, אבער אנשטאט אים, — האבן זיי אין א צייט ארום א בריוו פון דער קהילה באקומען: אז ער באלאנגט שוין לייבער ניט מער צו די לעבעדיקע, און זיי קענען זיין אש האבן (אזוי ווי זיי זענען זיך נוהג יעדן צו וויסן צוטאן וואס מיט זיינע אייגענע קומט פאר, האבן זיי דא אויך זייער טרויעריקן חוב ממלא געווען) ווייל זיי האבן אים פערטיק געמאכט, כדי ער זאל ניט קענען דערציילן די צרות און פיין וואס ער איז דא אויסגעשטאנען, — דארטן אין איטאליעווארטן נאך די עלטערן זיינע אויף אים, — און דא איז דאס בעטל שוין ליידיק. ניט קענען קומען אפילו צו קבר ישראל . . .

אוי רבונו של עולם, האט זיך א וויטיקדיקער ביטערער שמייכל איבער זיין אויסגעצערטן געלן פנים צעשפרייט, — האבן זיי מיך דען ניט אויך אמאל גערופן אז ס׳איז שוין דא א וויזע פאר מיר אין שאנכיי צו פארן, — אויב איך בין מסכים דערצו זאל איך אונטערשרייבן; און אזוי ווי ס׳האט זיך דערטראגן צו אונדז אז פוילן געהערט שוין אויך צו דייטשלאנד, האב איך מיר געטראכט: נו, וועלן זיי דאך אונדז שוין ארויסלאזן, — האב איך אונטערגעשריבן. דערנאך געהאפט יעדע רגע, שעה, און חודש, באפרייט צו ווערן, אלעליידן א צייט לאנג לייכטער דערטראגן . . .

ביז אמאל האב איך דערהערט ווי אנדערע יידן מיט וועלכע כ׳בין בייאנאנד געזעסן האבן זיך שטיל געשושקט: דער בעטריבער דא, האט שוין א וויזע אין שאנכיי צו פארן, אוי ס׳איז ביטער כמו גאל, ז׳וועלן אים באלד פערטיק מאכן . . .

איך האב עס דאמאלט נאך ניט פארשטאנען, האב איך געשמייכלט און געטראכט ביי זיך: אוודאי קנאה נעבעך, זיי פארגינען ניט איך זאל ארויס־קומען, דערפאר האבן זיי זיך געשעפטשעט: ס׳איז ביטער כמו גאל . . . אבער באלד דערנאך האב איך דערפילט זייערע שטיוואליעס אין מיין בויך, ריפן און אין די זייטן, און טאקע צייט דאמאלט קען איך מער צו זיך ניט קומען . . . נאר געליבט איז השם יתברך וואס איך בין שוין אזוי ווייט, אז קיין שום וויטיק פיל איך אין דער ברוסט כמעט ניט מער, — עס טוט מיר נאר א סך מאל דאס הארץ וויי, וואס ס׳וועט מיר דא אויסקומען אן א מנין יידן דעם עולם השקר צו פארלאזן; — אבער צי איז דען מיין טייערע שיינדעלע ניט אויך אזוי איינגעשלאפן צווישן אסך בעטן אין דער דריטער קלאס פון א שפיטאל, — אמת איך האב געקארגט דאס געלט, אבער דאך נאר דערפאר אז אויף דער עלטער זאל איך און שיינדעלע ניט דארפן אנקומען אויף קינדערס הענט חלילה . . .

האט ער דען ניט פאר זיין שיינדעלען דאס שענסטע און בעסטע געקויפט, פאר איר איז אים גארניט צו טייער געווען, — און ער איז דאך אזוי בטית

געווען אַז זי וועט געזונט ווערן, ער האָט נאָר געהאָרפן אַפּוואַרטן אַ שטיקל צייט ביז דער בעלדזער רבי וועט האָבן באַשטעטיקט זיין געלט־טעלעגראַם, דאַן האָט ער דעם מינדעסטן ספק ניט געהאַט . . .

יאָ, ער זעט עס נאָך ווי יעצט פאַר זיך: אַ חוץ אים האָט זיך קיינער ניט אין שפּיטאָלצימער געפינען.

שבת אין דער פרי איז עס געווען, אַ ליכטיקע צעשימערטע זון איז אין בלויען הימל געשטאַנען, פונעם שפּיטאָלגאָרטן האָט עס אַזוי אַריינגעשמעקט, אַז ער האָט פּשוט ניט געקענט משיג זיין פאַרוואָס איר איז פון דער פיינער לופט ניט בעסער געוואָרן, נאָר זי איז געלעגן אַ צעגליטע און נאָך קוים גע־שעפּטשעט: אַ זאָרג — זיך ניט — וואָלוטשע — מען — איז ניט — אַ־ליין . . .

און אויסגעזען האָט זי ווי אַ מלאך ה׳ צבאות, איר פּנים איז געווען אַזוי רויזיק צעבליט ווי אַמאָל אונטער דער חופּה, ווען מען האָט דאָס זיידענע דעקטוך פון איר קאָפּ אַראָפּגענומען, אירע אויגן האָבן אַזוי דערשראָקן געקוקט פונקט ווי דאַמאָלט...

ניין, דאָס קען דאָך ניט זיין, — האָט ער דאַמאָלט געמיינט, זי וועט דאָך מוזן געזונט ווערן, ער האָט דאָך אַזוי געגלויבט אַז דער רבי, דער קדוש עליון, דער צדיק וועט זי ראַטעווען, אַזאַ גדול בישראל וועט איר דאָך מוזן העלפן . . .

פּלוצים, דערזעט ער ווי צוויי פינצטערע געשטאַלטן ברענגען אַריין אַן ארון צוטראָגן, אָבער ער לעבט דאָך נאָך, ער איז דאָך נאָך ניט טויט, עפּעס שעפּטשען זיי צו זיך גייען אַרויס און דער ארון בלייבט נעבן אים שטיין . . .

ער וויל זיין האַנט אויפהייבן און שרייען: שמע — ישראל, — אָבער זיין האַנט וויל אים ניט פאָלגן, און זיין קול בלייבט אויך פאַרשטומט . . .

עס באַגיסט אים אַ טויטשווייס, ער האָט דאָס פאַרלאַנגן זיינע אויגן שוין צו שליסן, אָבער עפּעס אַ לעצטער כח און אין אים מאַכט זיי ברייטער אויף, און ער דערזעט: זיין שווער דעם צדיק מיט אַ ספר תורה, אין אַ טלית און קיטל פאַרהילט, עס פירן אים מלאכים מיט גרויסע צעשימערטע גאָלדענע ליכטער, און פון דעם לויטערן ליכט שמייכלען צו אים אַרויס זיינע טאַטע מאַמע . . . און פון אַ זילבערנעם וואָלקן מיט אַ פורפורנעם זוים, נידערט צו אים אַרונטער זיין שיינדעלע, ער הערט איר זיסן קול: וואָלוועלע, וואָלוועלע, געקומען צו דיר.

און זי שטרעקט אים ליב און וואַרעם אירע הייליקע, בלאַסע, הענט אויס, —קום מיט מיר מיין טייערער, קום אַהיים, דו האָרפּסט זיך אויסרוען, ביזט דאָך שוין אַזוי מיד פון די פּרעוניות און פיין, איך ווייס, איך ווייס אַלעס וואָס דו האָסט געהאַט דאָ אויסצושטיין, ווי מען האָט דיך פאַרפייניקט און געמאַטערט, מיין ניט אַז דאָס וועט זיי געשענקט בלייבן, כביכול האָט אַלעס געזען וואָס מען האָט דיר דאָ אָנגעטאָן, און יעצט בין איך דיך געקומען אויסצולייזן פון זייערע פינצטערע לאַפּעס . . . קום, גיב מיר דיין האַנט, איך וויל דיר העלפן, — קום, קום, וואָלוועלע — דיין שיינדעלע וואַרט אויף דיר; זי וועט דיך ברענגען אין אַ פרייען, ליכטיקן לאַנד אַריין, וווּ דו וועסט אויפגענומען ווערן

אַן אַ וויזע, און אַן אַ פוילישן סטעמפּל, קיינער וועט דיך מער ניט פאַרפאָלגן, פּלאָגן, און קוועלן, הערט וועסטו באַקומען אַן אייביקן פאַרבלייב...

— שיינדעלע טייערע, דו ביסט עס, רחמנות באַקומען אויף מיר ? —

יאָ, איך ווייס עס, דו ביסט פאַרבליבן ווי דו ביסט געווען — אויף אייביק מיינע, מיינע . . . וואַרט נאָר, וואַרט אַ ווייל׳נקע, איך גיי שוין מיט דיר, איך גיב דיר שוין מיין האַנט, — אוי ווי מיר, איך האָב דאָך גאָר קיין כח ניט מער זי אויפצוהייבן . . . שיינדעלע, שיינדעלע, העלף מיר, העלף מיר, באַלד באַלד, וועל איך מיט דיר גיין, — אַוועקוואַרפן דעם פינצטערן פוילישן סטעמפּל, די צרהדיקע וויזע קיין שאַנכיי, וואָס האָבן מיך אַזוי אומגליקלעך געמאַכט . . .

וואַרט נאָר, וואַרט נאָר צו אַ ווייל׳נקע מיין טייערע, אָט, גיי איך מיט דיר אַהיים, איצט האָב איך פאַר קיינעם מער קיין מורא ניט, איך ווייס עס : מען איז ניט אַליין מען איז ניט אַליין, — לא — ינום — ולא — יישן — שומר — ישראל . . .

די לעצטע נאכט

בעת עלזע איז געזעסן אויף גוסטאף׳ס שויס, און אים פעסט מיט אירע שלאנקע הענט אומארמט, האט עס אין מינכענער ענגלישן גארטן שוין צו הארבסטיקן אנגעהויבן. א מילעכ־ווייסער נעפל האט זיך פון דער וויזע אויפגעהויבן, און אויסגעקוקט ווי א טריבער טייך וואלט זיך איבער אלעם צעגאסן. דער דופט פון די גאלדברוינע בלעטער און וויאנענדיקע רויזן, האט זיך ווי א הארבער פערפיום־עקסטראקט אין אויר איינגעגעסן.

גוסטאף האט זיינע ליפן פון עלזעס צעשיידט און זיין שטים דערהויבן: עלזכן מירן זיך באלד הארפן אפגעזעגענען, ביז 12 אזייגער אויף דער נאכט הארפן מיר נאך צוזאמען זיין, — און פון 12 א זייגער אן, זענען מיר אויס פריינט, אויס באקאנטע, אויס געליבטע, — פון 12 אזייגער אן שטייט צווישן אונדז אזויווי א ווילדער מחבל — דאס פינצטערע, טעמפע „נירנבערגער־ראסנגעזעץ״; וואס באפעלט אונדז זיך געגנזייטיק נאר צו האסן און פארניכטן... אזוי איז עס עלזכן...

עלזע האט איר העל גאלד־געלאקטן קאפ אויף גוסטאפ׳ס שילטערן הענגן געלאזן, און איז אין אן אומעטיקן שוייגן פארזונקן...

באלד דערנאך האט זי זיך ווידער אין אים איינגענורעט, אים צו זיך געדריקט און איר קאפ צו זיין ברוסט געטוליעט ווי א שלאף קינד.

גוסטאף האט עס פארשטאנען, און זיינע פינגער הילפלאז אין די איריקע איינגעקלאמערט.

— עלזע האט גוסטפן טיף אין די אויגן געקוקט, און איר שטים האט מיט באליידיקטער ליבע אפגעקלונגען: גוסטל, איך ווייס ניט צו וואס דו דערציילסט מיר דאס אלץ, גלויבסטו אפשר, אז היטלערס פאפירענע געזעצן וועלן די שטים פון מיין בלוט, און דעם דראנג פון מיין נשמה בכח זיין צו דערשטיקן? גלויבסטו אפשר, אז דער פון גרויקייט אויפגעטויכטער דעמאן וועט זיין בכח דאס ליכט פון דער וועלט צו באזיגן?...

דאן גוסטל קענסטו דיין עלזען ניט און אויך ניט די גערמאנען פון וועלכע זי שטאמט, זיי זענען ניט אלע אין אלע צייטן גלייך געווען...

אויף גוסטלס ליפן האט זיך א דינער בייסנדיקער שמייכל צעשפילט...

— דו גלויב אן דער דייטשער טרייקייט, בעסער וועל איך ווי די „ניבעלונגן״ אין טויט פאר איר גיין איידער דיך פארראטן מיין געליבטער!... (און זי איז פון זיין שויס אראפ)

עלזכן מיין טרייע דיר גלויב איך, אבער ניט אן דעם היינטיקן דייטשלאנד, דאס לעבן און די לעבנסבאדינגונגן וועלכע היטלער פירט איצט איין אין

דייטשלאַנד, זענען שטאַרקער ווי איך און דו, און אַפילו ווי די גאַנצע דייטשע טרייקייט.

ניין גוסטאַף, דאַן קענסטו די דייטשע מענטאַליטעט ניט, היטלער איז נאָר אַ פּראָדוקט פונעם „ווערזיילער אָפּמאַך", — וואָס איז געשאַפן געוואָרן כדי דייטשלאַנד פיזיש און גייסטיק צו רואינירן; אָבער אַזוי גיך ווי דייטשלאַנדס לעבנסשטאַנדאַרד וועט זיך האָבן פאַרבעסערט, וועט דער גאַנצער היטלעריזמוס פאַרשווינדן... ווייל דייטשלאַנד איז ניט איטאַליע... און וואָלטן ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע, די פריערדיקע דעמאָקראַטישע רעגירונגן געווען געשטיצט, אַזויווי זיי שטיצן איצט דעם היטלעריזם, וואָלט היטלער זעכער קיינמאָל ניט געווען צו דער מאַכט געקומען...

געוויס זענען ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַמעריקע שולדיק, — אָבער ניט אין היטלערס קומען, נייערט אָן זיין פאַרבלייבן; מחמת זיי האָבן זיך געלאָזן איינרעדן: אַז דער נאַציאָנאַלסאָציאַליזמוס איז נאָר אַ וואַל אַ קייגן דער באָלשעוויסטישער געפאַר... די סיבה פון היטלערס קומען איז דערפאַר ניט דער ווערזיילער אָפּמאַך, נייערט די פרייסישע יונקער, מיט זייער אייביק פוסטן חלום אַז דייטשלאַנד פאַרמאָגט „צו ווייניק לעבנס־רוים", וואָס זיי האָבן דעם דייטשן פאָלק איינגערעדט, און אַזוי אַרום עס תמיד אין פאַרשיידענע בלוטיקע אַוואַנטורעס פאַרוויקלט; און וואָלט דער „ווערזיילער אָפּמאַך" געווען געזאָרגט פאַר דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די פרייסישע יונקער, — וואָלטן אַלע מלחמות אין דייטשלאַנד אומיגלעך געוואָרן, און ביז דאָס וועט ניט געשען, וועלן טאַקע די מלחמות ניט אויפהערן... איז וויאַזוי זאָל דייטשלאַנד קענען דאָס רעזשים פון זיך אַרונטערוואַרפן אַז דאָס אויסלאַנד שטיצט עס? ניין עלזע, דאָ וועט קיין בעסערער לעבנסשטאַנדאַרד אויך ניט העלפן... און ווען דאָס אויסלאַנד וועט מיט דער צייט זיך האָבן אַרומגעזען וועט עס איז די געפאַר פאַר דער וועלט, — האָב איך מורא וועט עס דערווייל שוין זיין צו שפּעט.. מחמת היטלערס שפּיאָנאַזשן־נעצן, זענען שוין ווייט איבערן קאָנטינענט פאַרשפּיבען און פאַרשפּרייט...

גוסטאַף, פון דיר פלייצט אַ ים מיט פעסימיזם, אָבער באַלד וועסטו זיך איבערצייגן אַז די לעגענדע „וועגן צו ווייניק לעבנסרוים", וואָס די פרייסישע יונקער האָבן איינגערעדט דער מאַסע — איז אין גרונט גענומען פרעמד דעם דייטשן וועזן; פונקט אַזוי פרעמד ווי עס איז צו דיין ראַסע יעדער מיליטאַריזם. אַלץ וואָס דייטשלאַנד ברויך איז נאָר אַן אמת'ע דעמאָקראַטיע געשטיצט פון אויסלאַנד, און אַ אינטערנאַציאָנאַלען אָפּמאַך־מאַרק פאַר האַנדל און אינדוסטרי...

אָ, זיי אויף מיר ניט בייז, עלזכן, אָבער דו ווייסט דאָך אַז אפילו דיין איי־גענער טאַטע איז אויך אין דער מיט פון דער פינסטערער קליקע... און מכח ראַסע וואָס דו האָסט פריער דערמאָנט, — גלויב איך אַז די דאָזיקע עקזיסטירט נאָר ביי היינט, אונטער מענטשן גיט עס נאָר גוטע אָדער שלעכטע, און דערצו איז קיין שום ראַסע ניט אויסגעוועלט אָדער פּאַטענטירט געוואָרן...

גוסטאַף, וואָס ביזטו דען אַזוי פאַרביטערט, איך האָב עס דאָך גאָרניט אַזוי געמיינט... צי האָסטו דען ווירקלעך פאַרגעסן די סיבות, וואָס האָבן מיין פאָטער געצוווּנגען דערצו? — ער איז דאָך אַן אינזשיניר אין דער קרופּישער אייזן און מעטאַל גיסעריי, און זיין ראַנג האָט עס פון אים געפאָדערט, כדי צו קענען אויף זיין פּאָסטן פאַרבלייבן... אָבער אין האַרצן ווייסטו דאָך, האָסט ער די גאַנצע קליקע, און פאַראַכט זייער נידריקע ברוטאַליטעט, מיט דער פאַנאַטישער אונטערטעניקייט צום „פירער"...

יאָ, גראָד ווייל דיין פאָטער פאַראַכט און האַסט זיי, און דאָך גייט ער מיט זיי צוליב זיין ראַנג און פּאָזיציע, — גראָד דערפאַר, עלזכן, מוז עס דיך דאָך טאָפּלט נאָכדענקלעך מאַכן, מחמת אַנדערע האָבן אויך פּאָזיציעס און „ראַנג", און האַסן פאַראַכטן זיי אויך ניט ווייניקער אין האַרצן ווי דיין פאָטער, דערפון אָבער קומט גאָרניט אַרויס, ווייל עס איז ניט גענוג אין האַרצן זיי צו פאַראַכטן און האַסן, און אָפּיציעל אַלע פאַרברעכנס מיט זיי מיט־צו־באַגיין... צו צוויי געטער קען איין מענטש ניט דינען, ווען ער איז ניט שוואַך, אָדער פייג, און אָט טאַקע אַ דאַנק דער פייגהייט, האָט דייטשלאַנד אַזאַ רעגירונג באַקומען. איר זייט אַלע געווען פאַרצווייפלט (פון דעם מיזעראַבלען עקאָנאָמישן מצב, וואָס די נאַציס האָבן קינסטלעך געזען וואָס אַמאָל נאָך מער צו פאַרשלעכטערן...) אָדער אַזוי היפּנאָטיזירט פון היטלער'ס אידייען און הבטחות, אַז איר זייט אײַ־בערגעשראָקן געוואָרן פון זיין דעספּאָטישער געוואַלט, און קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אַקייגן אים צו דערהויבן... עס האָט אים אויך פיל פאַרהאָלפן זיין שלאַנגיק פאַר'סם'טע פּאָליטיק, וואָס ער האָט אַזוי ערמה'דיק איבעראַל פאַרפירט. בעת ער האָט די יידן אַטאַקירט, האָבן די קריסטן געמיינט אַז מיט זיי קערט זיך דאָס גאָרניט אָן; האָט ער די אַרבייטער אַטאַקירט, האָבן יי סוחרים ווידער געמיינט אַז מיט זיי קערט זיך דאָס גאָרניט אָן, אַזוי איז עס אים געלונגען יעדן איינעם באַזונדער צו אַטאַקירן... און אַזוי באַלד ווי ער וועט נאָר מיט דייטשלאַנד פאַרטיק ווערן וועט ער זיך מיט דעם זעלביקן סיסטעם צו דער וועלט אַ נעם טאָן... אָט דאָס איז דער ביטערער אמת, עלזע, וועלכן דער אומפּאָליטישער דייטשער „מיכל" וואָס איז נאָר געוווינט צו שטיין: „האַבט אַכט!" קען גאָרניט משיג זיין...

בעת גוסטאַף האָט אַזוי גערעדט האָט עס עלזן צו פרירן אָנגעפאַנגען, זיינע ווערטער האָבן אויף איר אַן אייזיקן פראָסט אָנגעווייט, אַז זי האָט זיך עפּעס אויף איינמאָל געפילט דערווייטערט פון אים... און געוואָלט זיך ווערן, ניט לאָזן, נאָר שיצן פאַר דעם ווייטיק וואָס זיינע רייד האָבן איר גורם געווען; אָבער זי האָט אַלע אַרגומענטן פאַרלוירן, פּשוט ניט געקענט מער אַרויסברענ־גען נאָר די קלעגלעכע ווערטער: גוסטאַף, מיך פרירט עס, לאָמיר בעסער אַהיימגיין, ס'ווערט שפּעט...

גוסטאַף האָט עס באַנומען און איז דערפאַר מוטלאָז און טרויעריק גע־וואָרן, — דאָס מיינט, האָט ער זיך דאַן שטיל און געבראָכן צו עלזן געווענדט:

„אַן אַדיע אויף אייביק זיך זאָגן, און קיינמאָל מער ניט ווידער זען"...

אָבער גוסטאַף — האָט עלזע מער ניט געקענט אויסהאַלטן — וואָס דענקסטו דען פון מיר, ווער מיינסטו בין איך דען ?...

נעם מיר ניט פאַריבל, עלזכן, אומשטענדן פאָרמען און געשטאַלטיקן דעם מענטשן, ווען דער מענטש איז ניט בכח זיי צו פאָרמען...

עלזע וואָס האָט אַ לאַנגע צייט שוין צופריער געהאַט געקעמפט מיט איר ווייַ, איז אויף איינמאָל אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין :— אַך, גוסטאַף, דו ווייסט גאָרניט ווי דו האָסט מיך באַליידיקט און מיר ווייַ געטאָן, — ניין, בעסער וויל איך שטאַרבן, אויפהערן צו זיין, איידער דיך פאַרלאָזן מיין שאַץ, הלואי דו זאָלסט נאָר אַזוי שטאַרק בלייבן ווי איך, איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן, קיינמאָל ניט, אַ קיינמאָל ניט,— ווו דו וועסט זיין, וועל איך צו דיר קומען, ווייל דיין גליק איז דאָס מייניקע, אַז איך האָב געקענט גליקלעך זיין מיט דיר, וועל איך אויך קענען דאָס אומגליק צעזאַמען טראָגן מט דיר...

— טייערעס עלזכן, מיין גאָלד, דיין לעצטע באַקענטעניש איז די היילִיק־סטע עוואַנגעליע, וואָס דיין ליבע האָט אין מיין לעבן אַריינגעשריבן, — וועל איך טאָקע קענען רואיק דייטשלאַנד פאַרלאָזן, מחמת פאַרלאָזן מוז איך עס דאָך, צוליב דעם וואָס מיין פאָטער — דערליידנשאַפטלעכער ליבקנעכט אָנ־העגגער — האָט זיך בעת דער מינכענער איבערקערעניש, אין דער „ראַטנ־מאַכט" באַטייליקט. דערפאַר האָבן זיי אונזער גאַנצע פאַמיליע אויף דער ליסטע.

— דאָס ווייס איך, מיין ליבסטער, און דערפאַר וועל איך טאָקע אַ סך רו־איקער זיין ווען דו וועסט אַוועק אין אויסלאַנד, הגם עס ווילט זיך ניט גלויבן אַז די נאַציס פירן דאָ חשבון, איבער דעם וואָס דיין פאָטער האָט פאַר 15 יאָר חוטא געווען...

— אָ, דאַן קענסטו ניט די דייטשע גרינטלעכקייט, זיי זענען זער פינקט־לעך, און געניי, פאַרמאָגן אויף דעם געביט כמעט קיין קאָנקורענט ניט...

— עס וועט פאַר מיר מתחילת טאַקע זער שווער זיין, גוסטאַף, אָבער איך וועל גליקלעך זיין צו דענקן, אַז דו וועסט מער ניט זיין אין געפאַר...

— יאָ, עלזכן, אַזוי איז עס, אָבער היינט וועלן מיר נאָך צעזאַמען פאַר־ברענגען, היינט וועלן מיר נאָך אונזער לעצטע אַפשידס־נאַכט אונטערן „האַקנ־קרייץ" פייערן, און זיך ווינטשן אויף אַ באַלדיקן ווידערזען אין אַ נייען באַ־פרייטן גליקלעכן דייטשלאַנד...

2

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט זיך גוסטאַף מיט עלזע'ס נאָענטקייט ניט באַקוועם דערפילט, — מחמת דאָרט ערגעץ טיף אין זיין אונטערבאַוווסט־זיין האָט שוין געשלומערט דאָס געפיל פון אַנגסט, און ווי פאַרנעפלט ביי אים געפאָדערט מיט איר ניט מער צוזאַמענצוזיין ; אָבער זיין האַרץ האָט זי באַגערט, און זיין איך געשמאַכט נאָך איר וואַרימע נאָענטקייט... אַז יעדעס אַנדערע געפיל

איז ביי אים בטל געווארן... ניט דאס ערשטע מאל איז עלזע שוין ביי אים איבער נאכט געבליבן, אבער תמיד האט ער זי מיטן זעלבן קלאפנדיקן הארצן דערווארט, און מיט דער זעלביקער דערווארטונג באגערט, — זיין גאנצער וועזן האט אייביק מיט דער אומפארגעגלעכער בענקשאפט פון מאן צום ווייב אומגעשטילט געגלוסט נאך איר, און מיט דער גרעסטער אומגעדולד אפגעווארט אויף דעם גליקלעכן מאמענט, ווען ער האט דערפילט דעם רייצנדיקן דופט פון איר נאקעטן לייב, זיין בלוט איז אזוי ווי א צעבליטער פרילינג הימל אנגעלאדן געווארן מיט שווערע רעגנוואלקן און געווארט אויף דעם אויפשווידערנדיקן מאמענט, צו קענען פארזינקן אין א פארציטערטן ליבעס־רויש, וואס איז זיין גליקלעכסטע פארגעסנקייט געווען אין דער וועלט . . .

אויך דאס מאל האבן זיי ווי תמיד צום ערשט נאכטמאל אפגעגעסן, אבער די גליקלעכע צופרידנקייט האט ביי זיי אויסגעפעלט, מחמת אין א באהאלטענעם ווינקל פון יעדנס הארצן באזונדער, איז שוין געזעסן די אומרו, און אזוי ווי א טרויעריקע סאווע זיך געזעטיקט מיט פינסטערע אנונגען...

גוסטאף איז פון עסן אויפגעשטאנען און א פאר מאל אין זיין פרימיטיוון חדר׳ל אויף און אפ געגאנגען, — אין וועלכן ער האט געוווינט אלס קאמאניק ביי דעם ארבעטסלאזן טאפעצירער פעטער האגנמילער, ניט וויסנדיק אז יענער האט באלאנגט צו די ערשטע מיטגלידער פון די „ס.א.“...

עלזע האט גוסטלס אומרו באמערקט, נאר ביי זיך געטראכט — נארישקייטן, זיי וועלן דאך ניט קומען אויסגערעכנט גראד אין דער ערשטער נאכט צו אים, ווען דאס נירנבערגער געזעץ טרעט אריין אין קראפט; וויל ווער ווייסט דען פון זיי, און וועמען פאראינטערעסירט דען זייער ליבע? דאס איז ראשית, והשנית ווען מען וויל שוין גאר פארזיכטיק זיין, האט זי תמיד צייט 12 אזייגער אהיימצוגיין... דערפאר איז דערוויילֿ ניטא קיין שום סיבה אונטערן אומעט און אנגסט ארונטערצופאלן.

— גוסטל — האט זי א פריידיקע און אנטשלאסענע אויסגערופן — קום אהער צו מיר, נארישער ייִנגל, און קריך ניט אזוי אויף און אפ אין צימער, וויל דאס מאכט מיך נאר נערוועז, עס איז אבסאלוט קיין שום גרונט ניט פאראן באאומרואיקט צו זיין, מחמת ווער, וואס, ווען, ווי?... ביי דיר אין דער היים ביזטו דאך זיכער, — דעם הער האגנמילער קענסטו דאך אלס א בראוון מאן, און ער דיך אויך אלס אן אנשטענדיקן מענטשן, ניט אזוי, גוסטאף?

— געוויס, עלזכן, דו האסט גאנץ רעכט, עס איז מער די סוגעסטיע פון דער אנענדיקער מורא, ווי די מורא גופא... דערפאר, געליבטע, טארן מיר טאקע זיך ניט שטערן לאזן פון בייזע מחשבות אונזער ליבע...

גוסטל האט זי לײדנשאפטלעך אומארעמט, געקושט אירע דורכזיכטיקע קינדיש בלויע אויגן, זייטע ליפן אין איר מוילעכל אײנגעזויגן, און דערפילט איר הייסן אטעם וואס האט געדופטעט מיט דעם פאר׳שכור׳נדיקן אראמאט פון איר צעבליטער סעקסואליטעט... ווי דאס בלוט וואלט זיך אין איר צעזונגען פון

אייביק אומגעשטילטער ליבע. און חדר'ל האָט עס געפּינסטערט, נאָר פון דער סאַמעטענער טונקלקייט האָט איר מיידלעשער גוף אַרויסגעלויכטן...

גוסטאַף האָט וויטיקדיק אויפגעזיפצט פון ליבע: אַך, עלזע, ווי וועל איך דען קענען לעבן אָן דיר ? !

— נאַריש יינגל — האָט זי אים געזוכט צו טרייסטן, אַרומנעמענדיק מיט אירע שלאַנקע הענט, אַזוי ווי אַ ווינט געטריבענעם שמעטערלינג, אַ צעזונטע רויז...

זיין קאָפּ האָט זיך אין אירע ברוסטן איינגעבורעט און געשעפּטשעט: אַך, עלזכן, מיר'ן באַלד זיך ווידער אין אויסלאַנד צוזאַמענטרעפן, — ניט אַזוי, געליבטע ?...

גוסטאַף האָט זי פעסטער צו זיך צוגעצויגן און לאַנג, שווער אָטעמדיק אָפּגעזיפצט.

— טראַכט ניט דערפון, גוסטאַף, ווייל פריער קען נאָך דער גאַנצער היט־לעריזם פאַרשווינדן,— ווייסט זען אַז ביז 3 חדשים וועט אַלעס אויס זיין, זיי וועלן מוזן אונטערגיין, דער יידישער „בויקאָט" וועט זיי עקאָנאָמיש דעם האַלז צושניירן... איך גלויב אין דעם, ווייל אַ סך דייטשן זאָגן עס: „ווער עס הויבט מיט די יידן אָן, דער האָט אַ בייזן סוף"...

— יאָ, עלזע, אַצינד וויל איך דיר אַלעס גלויבן, נאָר רעד מיט מיר בע־סער מער ניט דערפון מיין טייערע...

— דו האָסט רעכט, גוסטאַף, איך וועל מער דערפון ניט רעדן...

— עלזע, ווי דייגע ליפּן גליען היינט, — אַ, איך וואָלט זיך געוואָלט מיט ליבע איצט אָנטרינקען, כדי אָן אַלעם אויף אייביק צו פאַרגעסן, אָבער ווי קורץ איז יעדעס גליק אין לעבן... כ'קען מיר גאָרניט פאָרשטעלן דאָס זאָל זיין אונזער לעצטע נאַכט . . .

— האָסט רעכט, געליבטער, האָסט רעכט — האָט עלזע געפּליסטערט צע־פּיבערט פון באַגערן, און אַזוי ווי אַן עלאַסטיש פלינק קעצל איז איר גאַנצע ווייבלעכקייט אויף אים אַרויפגעשפּרונגען און אים באַבליצט מיט דער בלוי־קייט פון אירע פאַר'כשופ'טע קינדער־אויגן.

פון אַ דערנעבנדיקן צימער ווו פעטער האַגענמילער (גוסטאַף'ס בעל־הבית) איז געלעגן מיט זיין אַלטער קראַנקער פרוי, האָט ער פאַרנומען זייער ערגאַטיש געשושקע, און ס'געהיימניספולע גערודער... יעדעס וואָרט זייערס איז אין דעם אַלטן פאַרשטויבטן תאוה־נעץ פון זיין האַרצן העגגען געבליבן, און זיי צעפלאַטערטע פליגן, צאַפּלענדיק פון אים אַרויסגעריסן זיך.

אַך, האָט גוסטאַפס ציטעריקע קול ניט אויפגעהערט אין אים צו צאַפּלען און צו זומען: „איך קען מיר גאָרניט פאַרשטעלן אַז דאָס זאָל אונזער לעצטע נאַכט זיין, געליבטע, ווי דייגע ליפּן גליען היינט, אַ איך וואָלט זיך געוואָלט מיט ליבע איצט אָנטרינקען כדי אַלעס אויף אייביק צו פאַרגעסן"...

און האַגענמילער'ס צעיושעטע גיריקייט האָט דערשפּירט פון אונטער דער

וואַנט זייער יעדן קוש, יעדע אומאַרמונג און זייער קערפּערלעכן צעניפּוואַקסן זיך; און דאָס וואָס זיין אינסטינקט האָט ניט געקענט דערפילן, האָט אים זיין כח הדמיון ממלא געווען. ער האָט געהערט און אין זיך איינגעזויגן זייער תאווהדיק פאַרסאָפּעטן און אָפּגעהאַקטן אָטעם, וואָס האָט אים זיין בלוט אויפגערודערט און טיף צערייצט זיינע חושים ביז צו אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט...

עס האָט אים אַן עקל אַרומגענומען צו זיין אַלטער קראַנקער פרוי, און אַ גליענדיקער האַס צו דעם פאַרפלוכטן ייד...

און פון זיין קראַנקהאַפט צערייצטן מוח האָט דער האַס אַריינגעבילט אין זיין האַרצן: „די זאַו־יודן", דאָס געלט האָבן זיי ביי אונז אויסגערויבט, אַלע העכסטע שטעלן פאַרנומען, דאָס גאַנצע לאַנד פאַרפּלייצט, און אפילו אונזערע פרויען נעמען זיי אויך ביי אונז צו, יאָ, די שענסטע און בליענדיקסטע אַרישע פרויען פאַרפעסטן זיי מיט זייער מינדערווערטיקן ראַסן בלוט... אָבער איך וועל עס אים שוין באַזאָרגן דעם עלענדיקן „יודנבענגל", איך וועל אים שוין באַווייזן, וואָס דאָס מיינט ריין אַרישעס בלוט מטמא צו זיין.

און פעטער האַגענמילער איז אַ צעקאָכטער אַרויס פון בעט און אַראָפּ צו אַ נאָנטסטן טעלעפאָן הייזל...

זאָלן זיי וויסן, אַז ער האָט ניט בחינם יאָרן לאַנג אָנגעפילט מאַטראַצן מיט דער שלעכטסטער און שטויביקסטער קונסטוואָל, פאַר דעם חזיר'שן גאַליציאַנער ייד, וואָס איז דאָ געקומען פאַרלויזט קיין דייטשלאַנד אָן אַ פעניק, און אַזוי לאַנג געשאַכערט און געדרייט, ביז ער האָט זיך אויפגעעפנט אַ גרויס מעבל־געשעפט מיט אַ מאַטראַצן ווערקשטאַט, און ער, דער ריין אַריער פעטער האַגענמילער, האָט געמוזט אַזוי לאַנג אַרבעטן ביי דעם גאַליצישן שווין, ביז ער האָט פליטה געמאַכט, און ער איז געוואָרן אַרבעטסלאָז...

.3

אָבער ער וועט עס זיי שוין באַווייזן פאַר אַלע צייטן, אַז די הונטס־באַנדע זאָל וויסן וווּ אַהין זי געהערט...

אין צווישן האָט פאַר גוסטאַף'ן אַלעס אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ער האָט נאָר געפילט די פייכטקייט פון איר שלאַנק, עלאַסטישן גוף'ל וואָס האָט אים מיט אַ פאַרצערנדיקן אַראָמאַט איינגעשלעפערט...

און זיי האָבן זיך ביידע געוויגט אין דעם דופטנדיקן חלום פון פאַרגעסנקייט, — ווי אַ בין מיט אַ רויז אין זוניקע כוואַליעס.

פלוצים האָבן זיך דערהערט דריי העפטיקע קלעפּ אין טיר: עפנען!

עלזע האָט עס באַלד באַנומען, און זי האָט אויפגעשוידערט, ווי אַ קאַלטער שטראָם וואָלט זיך דורך איר בלוט אַדורכגעריסן... נאָר זי האָט זיך געזוכט צו באַרואיקן מיט דעם געדאַנק אַז עס וועט זיכער זיין צום הער האַגענמילער...

אָבער באַלד האָט זי אויך געהערט אַ געפּליסטער, אַדורכגעוועבט מיט

האַגענמילערס טונקל מעטאַלענעם באַס־קול: „יאָ, יאָ, דער קערל איזט היר, אונד דאַס לודער ביי אים, נור צו, מיינע הערן!“...

עלזע איז אַן אָטעם פון בעט אַרונטער, אויפגעמאַכט שטיל דאָס פענ־סטער וואָס איז צום וואַשהויז־דאַך אַרויסגעגאַנגען, און געוואָלט אַז גוסטאַף זאָל זיך ראַטעווען.

גלייך האָבן זיך דריי פעסטערע קלעפ איבערגע׳חזר׳ט: „יוד גוסטאַף נוי־מייער, זאָפאָרט עפנען, די געסטאַפּאָ איזט היר!“

גוסטאַף האָט זיך געוועקט, געפרוווט דעם קאָפ אויפצוהויבן, אָבער די אויגן זענען אים ווידער צוגעפאַלן פאַר מידקייט...

ביז אַ שרעקלעכער זעץ אין טיר אַריין פון די באַצישע שטיוואַליעס האָבן אים גאַנץ וואַך געמאַכט... עס האָט אים אַ קאַלטער שווייס באַדעקט, זיינע גליי־דער זענען געוואָרן ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, ער האָט געפרוווט זיינע פיס פון בעט אַראָפצולאָזן, אָבער די קניען האָבן אים געציטערט, און זיי האָבן זיך גע־וואַקלט ווי אין פיבער. אין זיין קאָפ האָט אַ גרויל מחשבה ווי אַ פינסטערע כוואַליע אַריינגעשלאָגן, — ער האָט זיך שוין דערזען אַן אייביק פאַרפאַלענער און געפייניקטער, אין אַ חושכדיק נאַסן תפיסה־צעל, אונטער די צעווילדעווע־טע לאַפּעס פונעם בלוטיקן האַקנקרייץ...

— גוסטאַף! — איז עלזע אייליק און שטאַנדהאַפטיק צו אים צוגעלאָפן

— עס איז נאָר איין אויסוועג פאַראַן, כ׳בינד דאָס ליילעך אָן פענסטער אָן, און דו לאָזט זיך אויפן וואַשהויז־דאַך אַרונטער, טראַכט ניט לאַנג איבער, דו טאָרסט קיין רגע ניט פאַרזוימען, — יאָ אָדער ניין, אַנטשליס זיך תיכף, אַז ניט זענען מיר פאַרלוירן... די געסטאַפּאָ קלאַפּט שוין לאַנג, האַגענמילער האָט אונז פאַר־ראַטן . . .

— עפן בעסער, עלזע, איך וויל ניט זיי זאָלן באַכשיסן, און אויך ניט אַנט־לויפן, איך בין ניט קיין גנב, און האָב ניט וואָס מורא צו האָבן... זאָל זיין וואָס עס וויל — מיר האָבן זיך ליב, זאָלן זיי מיט אונז מאַכן וואָס זיי ווילן, מיר האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, אונזער ליבע קענען זיי ביי אונז ניט אַוועקרויבן... און ידו, עלזע, דו ביזט אַן אַריערין, דיר קען דאָך ניט פיל פאַסירן . . .

— אַנטלויף, גוסטאַף מיין טייערער — האָט עלזע געציטערט — אַנטלויף, ווען דו ליבסט מיך...

— איך ליב דיך, עלזע, און דערפאַר וועל איך דאָ בלייבן, ניט פייג אַנט־לויפן...

און עלזע האָט געזען ווי גוסטאַף איז מיט אַ שטאָלערנער דרייסטקייט צו דער טיר צוגעגאַנגען און זי געעפנט.

צוויי געסטאַפּאָ־לייט מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערס זענען אין צימער אַריין, איינער אַ קליינער דיקער מיט אַ ליסינע, און אַ שראַמפּ אויף דער לינ־קער באַק, דער צווייטער אַ הויכער, דאַרער, מיט שטופּלען אויפ׳ן נאָז, און קליינע כיטרע אויגן...

— וואָס ווינטשן די הערן? — האָט גוסטאַף געלאָסן און קאַלט געפרעגט.

— באַלד, זאַר־יוד, וועלן מיר דיר דערציילן וואָס מיר ווינטשן, — ווייסטו דען ניט אַז זינט היינט 12 אַזייגער בייטאָג איז דאָס „בירגערבערגער ראַסן־געזעץ" שוין אַריין אין קראַפט?! און דו, זאַר־יוד, האָסט זיך דערוועגט דעם „אַריער־פּאַראַגראַף" עובר צו זיין, דערפאַר וועט דיך דאָס קאָנצענטראַציע־לאַגער שוין דיסציפּלינירן, און אויסלערנען ווי אַזוי צו אַכטן אונזערע געזעצן, דו דרעק־יוד!

דער קליינער דיקער מיט דער לישינע און שראַמפּ אויף דער לינקער באַק האָט אויפגעהויבן זיין קורצע פעטע האַנט און גוסטאַף'ן אַ הילכיקן פּאַטש אַרונטערגעלאָזן. עלזע האָט צו שרייען אָנגעפאַנגען און איז זיך אין אַ היסטערישן געוויין פאַרגאַנגען. גוסטאַף איז שטיין געבליבן מיט אַ געלע טויטע נאַז פאַרביסענע ליפּן, און בלוט פאַרלאָפענע אויגן . . .

— און דו, ווייבסבילד, וואָס שרייסטו דאָס אַזוי — האָט דער הויכער דאַרער מיט די שטופּלען אויף דער נאַז און ביטערע קליינע אייגעלעך זיך צו עלזען געוואָנדן — ווי שעמסטו זיך ניט אַלס אַ שטאָלצע גערמאַנישע מיידל, מיט אַזאַ מינדערווערטיקן יוד אַ פאַרהעלטניס צו האָבן?... צי ווייסטו ניט אַז דאָס איז דיר נאָר ביז 12 אַזייגער דערלויבט געווען?

בעת גוסטאַף האָט זיינע ליפּן בלוטיק צום שווייגן פאַרביסן, האָט עלזע אַ פאַרצווייפלטע געענטפערט: מיר קענען ניט קיין ראַסן־אונטערשייד, מיר קענען נאָר דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דער וואָס ליבט איז גוט, און דער וואָס האָסט איז שלעכט, — מיר זענען גוט און האָבן זיך ליב, איז וועמען קען דאָס שאַדן, און ווער האָט דאָס רעכט זיך אין אונזער ליבע אַריינצומישן און וועלן אונז שטערן?...

— וואַאָס — האָט זיך דער געשטופּלטער דאַרער צעביטערט — דו האָסט נאָך די חוצפּה דאָ אָפן צו דערקלערן אַז איר ליבט איך, און צו פרעגן ווער עס האָט דאָס רעכט אייך צו שטערן?...

— וואַרטס נאָר, וואַרטס, מיר'ן אייך די ליבע שוין אַרויסטרייבן און אייך אַ לעקציע געבן וואָס רעכט איז, און ווער עס וויל אייך שטערן — האָט זיך דער קליינער דיקער אָנגערופן און אויף זיין לינקער באַק האָט דער שראַמפּ צו צוקן אָנגעפאַנגען פאַר צאָרן.

— מיינע הערן — האָט גוסטאַף זיך צו זיי קאַלטבלוטיק און אָן אַנגסט געוועגדעט — מיר האָבן דאָך ניט געקענט וויסן אַז איר וועט אַזעלכע געזעצן פאַרפאַסן, און זיי אַזוי גיך גילטיק מאַכן. מיר האָבן זיך דאָך שוין פריער געליבט, נאָך איידער איר האָט די געזעצן געמאַכט און זיי אין קראַפט אַריינגעבראַכט...

— אָבער איר האָט גענוג לאַנג צייט געהאַט אייך פונאַנדערצוגיין — האָבן די געסטאַפּאָ־לייט געשריען — מחמת 3 חדשים פריער איז עס פּובליקירט געוואָרן, און איר האָט געהאַט גענוג מעגלעכקייטן צו נעמען נאָטיץ דערפון...

— אָבער מיינע הערן — האָט גוסטאַף ווידער געפּרוווט זיין פאַרנומפט אָנ־צוווענדן — קענט איר דען ניט איינזען, אַז עס לאָזט זיך ניט דורך צופעליקע פּאַפּירענע געזעצן צערייסן דאָס האַרץ־געזעץ פון ליבע, וואָס איז אַזוי שטאַרק ווי דער טויט...

— שווייג, דו עלנדיקער „יודענבענגעל״! נעם דיינע בעבעכעס צענויף און קום מיט!

— און דו, יודענהורע, פּאַק זיך אויך מיט, אַז ניט וועסטו פליען מיט דיין שמוציקן דרעקיגן קערל!

בעת גוסטאַף מיט עליזען האָבן גענומען דאָס צימער פאַרלאָזן, האָבן זיי נאָך דערהערט האַגענמילער׳ס שעלמישן געלעכטער: איצט וועלן זיי וויסן, איצט וועלן זיי די ריכטיקע לעקציע באַקומען, די פאַרפלוכטע פּאַראַזיטן, צום ערשט האָבן זיי דייטשלאַנד אין קריג אַריין געהעצט, און בעת דייטשלאַנד האָט זיך אויסגעשעפּט, האָבן זיי זיך מיט זיין שווייס און בלוט באַרייכערט, דערנאָך האָבן זיי די פּראַנט „ערדאַלכט״ מיט דער יודענרעוואָלוציע; און אַצינד ווילן זיי דייטשלאַנד באַלשעוויזירן, די הייזער, ס׳געלט, די געשעפטן, מיט אַלע שענסטע פרויען ביי אונז צונעמען — יאָ, די שענסטע פרויען וואָס מיר פאַר־מאָגן האָבן זיי שוין פאַרכאַפּט; אָבער דייטשלאַנד איז הערוואַכט, און ווען אונ־זערע מעסערס וועלן אויפבליצן, וועט באַלד דאָס יודענבלוט שפּריצן, און אַלע וועלן קראַפּירן, און האָבן די לעצטע נאַכט, יאָ, די אמתדיקע „לעצטע אָפּשידס־נאַכט״ . . .

פון די טונקעלע קאָרידאָר־טרעפּן האָבן צו האַגענמילער׳ן נאָך דערגרייכט גוסטאַפס לעצטע ווערטער: פייגער דענונציאַנט — דיין גאַנץ לעבן האָסטו זיך צום רייכן יידן גע׳חנפ׳עט, פאַרן געלט אים דעם „אררש געווישט״, פאַר איס געאַרבעט אַזוי לאַנג ווי ער האָט דיר מער באַצאָלט ווי יעדער אַנדערער, גע־ווען גליקלעך פון אים אַ ביינדל אָפּצולעקן, און איצט — איצט ביזטו אויף איינ־מאָל אַ שטאָלצער ריין־ראַסיקער אַריער געוואָרן, און דעם מינדערווערטיקן יודן פאַראַטן, דו פייגער מיאוסער העגונציאַנט פאַרעטער, דו ביזט עס דער ריכטיקער „יודאַס״, מיין גרעסטע פאַראַכטונג צו דיר, פוי, פוי!...— גוסטאַף האָט נאָך געוואָלט ווייטער רעדן, אָבער אויף איינמאָל האָט ער דערפילט אַז אַ האַרטע שווערע פויסט האָט ווי אַ שאַרפער קיזלשטיין אים דאָס מויל צו־געשלאָגן, און ער האָט זיך מיט זיין רויטן וואַרימען בלוט פאַרבליבעט...

ווען די וועלט ברענט...

איבעם שטעטל איז געווען קאלט און נאס, פונעם רעגן וואס האט זיך פון דרויסן כסדר אריינגעריסן. די פוילבלעכע לופט און די טונקל־פארשלייערטע באלייכטונג, האט יעדן מיט אן אומהיימלעכן געפיל אנגעשטעקט...

ארום אויף ברעטער־בענק זענען געזעסן אלטע לייט און פרויען מיט קינדער ביי דער ברוסט, וואס דער שלאף האט זיי געפייניקט און זיך ווי א געדיכטע שווערע מאסע אויף זייער הארצן אוועקגעלייגט.

א סך יינגע פארלעך האבן געפרווט די מידקייט און מרה־שחורה מיט געזאנג און הארמאניקע צו פארטרייבן, מען האט אפילו געטאנצט און זיך אויך געקושט, נאר דער זיצנדיקער, מיט דעם שפעטער צוגעקומענעם ארומשטייענדיקן עולם, האט קוים געשמייכלט, מחמת יעדעס מאל האט זיך ווידער פון דאס ניי דערהערט דאס בוירנדיקע זומען פון די דייטשע פליערס איבער אלעמענס קעפ . . . און באלד דערנאך האט עס א קנאל געגעבן, וואס האט יעדן אויפגעשוידערט און ס׳באוווסטזיין אויף א וויילע איבערגעריסן . . .

נאך א קורצן שוויגן, אז מען האט ווידער אין זיך ס׳לעבן דערפילט, האבן נייגעריקע געפרווט די קעפ ארויסצורוקן און געזען ווי די גאסן טונקען זיך אין א ים פון בלוטיקע פלאמען, און ווי די הייזער זענען געבליבן שטיין געשפאלטן און האלב צעשאטן, ווי אלטע מצבות אויף א פארלאזענעם בית־עולם . . . און דאס געוועגלעכע זיפצן, צוויפלען און האפן, האט ווידער באגינען; אזוי האבן זיך געצויגן ווי פארבארגענע גיפטיקע שלאנגען: סעקונדן, מינוטן און שעה׳ן, וועלכע האבן אויף יעדן געהיים געלויערט...

צווישן דעם פארזאמעלטן עולם וואס איז געלאפן אין שעלטער אריין פון די באמבעס זיך צו באשיצן, האבן זיך אויך געפונען די 19 יאריקע שלאנקע, בלאנדע אידא,— וועלכע איז געזעסן איינגעהילט אין א לייכטן מאנטל און גלייכגילטיק איר קרויזיקן קאפ געלאזן הענגען; און נעבן איר אויף דער זעלביקער באנק מרדכי ווייגבערג, א בלאסער בחור מיט א פון ליידן צעגערבט און אויסגעפאלטלטן פנים פון וועלכן ס׳האבן ארויסגעקוקט רירנדיק בלויע, גרויסע אויגן, וואס אידא האט גארניט באמערקט . . .

אבער וואס פאר א צרות אויף מרדכי׳ן האבן ניט געזאלט קומען, האט ער תמיד געזוכט מיט א לייכטן שמייכל זיי צו איבערטראגן, ניט אויפגעבנדיק זיין האפנונג אפילו אין די פינסטערסטע מינוטן פון זיין לעבן . . .

— פריילין — האט מרדכי זיך פלוצים אן א ישוב צו אידא׳ן געוואנדן — וואס זיצט איר עפעס מיט אזא אומעטיקער גלייכגילטיקייט ? . . .

און בעת אידא האט אירע קינדיש צעשראקענע שווארצע אויגן אויפגע־

הויבן, האָט דערווייל זיין גאַנצער איך זיך אָנגעזויגן מיט דער צוציענדיקער ליבע, פון אירע האַרציקע חן־גריבלעך . . . אידאַ האָט די נאָענטקייט פון זיין איך, פשוט אויף אירע אויגן, מויל און אין איר האַרצן דערפילט, אירע באַקן האָבן זיך אין אַ רויטן פלעמל איינגעהילט און זי האָט פאַרשעמט איר קרויז־קאָפּ ווידער פאַלן געלאָזן . . .

— פריילײן — האָט מרדכי באַוועגט פון איר נאָאיוועקייט זיך נאָך אַמאָל צו איר געוואָנדן, אָבער דאָס מאָל שוין אַ סך אינטימער — לאָמיר זיין באַקאַנט, איר ווייזט אויס צו זיין אַליין, איך בין אויך אַליין, וואָלט פאַר אונדז אַ סך בעסער און לייכטער געווען, ווען מיר זענען באַקאַנט; מיר וואָלטן זיך איינער דעם אַנדערן געקענט אויסהעלפן מיט אַלעם מעגלעכן און אַזוי אַרום דאָס האַרטע לעבן דערטרעגלעכער מאַכן . . .

אידאַן זענען זיינע פשוטע, אויפריכטיקע רייד איינגעגאַנגען, און זי האָט נאָך אַ קורצן שווייגן מיט אַ געדריקטער שטים געענטפערט: אודאי וואָלט עס בעסער געווען נאָך דעם אַלעם וואָס איך בין אין דער לעצטער צייט אויסגע־שטאַנען, צו האָבן אַ מענטשן, יאָ, כאָטש עמעצן אין דער וועלט, פאַר וועמען צו קענען דאָס האַרץ עפענען און זיך אַ ביסל אַראָפּריידן ווען עס גייט פון ווייטיק פשוט שיר איבער . . .

מרדכי׳ס אויגן האָבן פון רירונג אַ פייכטן גלאַנץ באַקומען, אָבער ער האָט זיינע ליפּן פעסט פאַרביסן און מיט אַ געקינצלטן שמייכל זיך צו איר גע־וואָנדן: אַך ייִנגע פריילײן, איר רעדט פון אויסגעשטאַנען, — ווער פון אונדז פּליטים האָט עס ניט גאַנצע בערגער מיט פּיין, וועלדער מיט געפאַר, און ימים מיט פאַרצווייפלונג, הינטער זיך צוריקגעלאָזן, אַנטלויפנדיק פון דייטשלאַנד, שוואַרצנדיק זיך איבער בייזע סכנה׳דיקע גרענעצן, נאָר זיין לעבן זיך צו ראַ־טעווען, יאָ מיין האַרציקע פריילײן . . .

— מיין נאָמען איז אידאַ.

און מיין נאָמען איז מרדכי ווייגבערג. מיינע עלטערן האָב איך אין ווין צוריקגעלאָזן, און זינט איך בין פון קאָנצענטראַציע לאַגער אַרויס, פאַר ניט אין גאַנצן נאָכגעוויזענער קאָמוניסטישער טעטיקייט, האָב איך מער ניט גע־הערט פון זיי; אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געלאָזן פאַרשאָטענען מיין געמיט, דורך די וואָלקנס וואָס האָבן זיך אָפּט אין מיין מוח פאַרצויגן . . . איך האָב תמיד געזוכט מונטער צו זיין און איבער מיינע בערגלעך פון צרות, — אַזוי ווי קינדער איבער גריבלעך אַריבערגעשפּרונגען . . .

מרדכי האָט זיך מעכאַניש צעלאַכט הגם אין זיין האַלדז האָבן אים טרערן געוואָרגן . . .

פון זיינע רייד האָט זיך אידאַ נאָך מער צוגעצויגן דערפילט, זייער האַר־ציקער, וואַרימער קלאַנג האָט פאַרבאָרגענע שטראַמלעך פון ליבע צו איר האַרצן צוגעפירט, — נאָך וועלכע זי האָט אומבאַוווסט אַזוי געבענקט זינט איר מוטער איז געשטאָרבן . . .

און אַזוי ווי אַ בליץ אין אַ טונקלען הימל, האָט אויף איינמאָל אַ טיף גע־פיל צו אים אין איר אויפגעהעלט. זיינע רייד האָבן זי געצערטלט, געגלעט און אומאַרמט, ווי אַמאָל איר מוטערס געטרייע און ליבע הענט . . .

און זי האָט אָנגעפאַנגען מתחילת פאַרציטערט, דערנאָך מיט אַ וואָס אַמאָל מער רואיקער און געלאַסענער קול: מיין פאָטער איז אויך אין אַ קאָנ־צענטראַציע לאַגער פון דאַכאַו פאַרבליבן. מיין עלטסטער ברודער האָט ניט באַוויזן, ווי מיר, מיט דער לעצטער שיף זיך צו ראַטעווען וואָס איז פון בעל־גיען אָפּגעגאַנגען. ווו ער איז אַהין געקומען ווייס איך נאָך עד היום ניט. מיין יינגסטע שוועסטער איז מיט אַ קינדער קאַראַוואַן נאָך פון דייטשלאַנד קיין האָ־לאַנד געשיקט געוואָרן. אָבער מיר, איך און מיין מוטער, איז עס געלונגען זיך אין אומאָקופּירטן פראַנקרייך אַריינצובאַקומען. נאָר בעת היטלער האָט עס גע־נומען באַזעצן, האָבן מיר פון דאָס ניי געמוזט אונדזער לעבן איינשטעלן, אַנט־לויפנדיק פון דאָרטן זיך ראַטעוועודיק איבער דער שפּאַנישער גרענעץ. אין שפּאַניע האָט מען אונדז אינטערנירט און געדראָט צוריקצושיקן קיין דייטש־לאַנד, ביז אַ ווייטער קרוב פון מיין פאָטערס צד, אַן אַמעריקאַנער וואָס האָט געלעבט אין לאָנדאָן, האָט זיך איבער אונדז דערבאַרעמט און אין לאַנד אַריין גענומען. אַ צייט לאַנג האָט ער אונדז אויסגעהאַלטן, אָבער ווען לאָנדאָנ׳ס טונקלקייט האָט אויפגעהערט אויפצובליצן פון די דייטשע באָמבעס, האָט ער גע־נומען און גלייך קיין אַמעריקע אָפּגעפאָרן. איז אונדז ניט עפּעס אַנדערש אי־בעריק פאַרבליבן, נור אָנצוקומען אויף קעסט צום „בלומסבורי הויז״, ווייל מיין מוטער האָט ניט געקענט אַרבעטן צוליב איר שלאַפקייט, און מיין פאַרדינסט וואָס איך האָב אַהיים געבראַכט פון דאַמענקאָנפעקציע־שאָפּ האָט קוים גע־קלעקט אויף דירה־געלט. אָבער מיר זענען געווען צעפרידן ביז . . . ביז . . . (דאָ האָט איר שטים ווידער אָנגעהויבן צו ציטערן) מיין מוטער האָט דאָס אומ־גליק געטראָפן . . .

מרדכי האָט מיט נייגעריקער שרעק איר האַנט אין די זייניקע אַריינגע־נומען און געבעטן ביי איר ווייטער צו דערציילן.

אידאַ האָט פאַרגעסן אַן שעלטער, ניט געזען מער דעם מידן פאַרשלאָ־פענעם עולם אַרום זיך, און אויך ניט מער געהערט דאָס פייפן פון די אויפ־פלאַצנדיקע באָמבעס, נור מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן פאַרטגעזעצט: אַמאָל אין אַ רעגנדיק פאַרנעפּלטן אָוונט, בעת דאָס האַרץ־אָפּטויטנדיקע עיר־רעיד־צייכן האָט זיך מיט אַן אומהיימלעכער דערוואַרטונג ביטער איבער אַלעם צע־לייגט, — איז מיין מוטער אַ צוגעקילטע אינעם בעט געלעגן, זי האָט אפילו געוואָלט אויפהויבן זיך ראָש אָנקליידן, און אין שעלטער אַריין לויפן, אָבער איך האָב איר אָפּגערעדט, געבעטן זי אין דער היים צו פאַרבלייבן, מחמת זי האָט געהאַט מיטן האַרצן צו טאָן . . .

דער רעגן און דער נעפּל זענען באַלד פאַרשווונדן, גאַנץ לאָנדאָן איז איינ־געהילט געוואָרן אין איין פורפּורדיק גליענדיקן פלאַם. פונעם הימל האָט עס

געהאָגלט מיט באָמבעס וועלכע האָבן יעדעס מאָל טויב אָפּגעקנאַלט און אויפגעריסן, אָפּווישנדיק גאַנצע גאַסן אויף קיינמאָל מער ניט צו דערקענען. איך בין דאַמאָלט ביי דער מאַמעס בעט געזעסן, איר האַנט אין מיינער געהאַלטן, און ביי יעדן אויפשוידערנדיקן זעץ, געזוכט צו באַשיצן זיך ביי איר, איינגעטוליעט, פאַרבאַהאַלטן זיך, אין איר שלאַפן גוף פאַר פחד. אַ ווילע איז עס רואיקער געוואָרן, די מאַמע האָט מיך געבעטן איך זאָל איר אַ ביסל מילך דערלאַנגען, איך בין אין קיך אַריין געגאַנגען, געוואָלט אַ טעפל אין האַנט נעמען, — אין דער רגע האָט זיך אַ מוראדיקער שמעטער דערהערט, און אַוועקגעריסן אַ האַלב הויז מיט מיין אָרימער מוטער. איך בין געבליבן שטיין מיט אַ הוילן קאָפּ, ווי אַ זייגער וואָס מען האָט זיין געווערק פון אים אַרויסגעשלאָגן . . . און נור געזען ווי איר קלייד וואָס איז געהאָנגען אָן אַ האָק אויף דער טיר, האָט זיך געוויגט און געפלאַטערט אין ווינט . . .

איך האָב געוואָלט שרייען, אָבער מיין קול איז ווי אָפּגענומען געוואָרן, איך האָב קיין לויט ניט אַרויסגעבראַכט; איך האָב געוואָלט וויינען, אָבער מיינע אויגן זענען ווי אויסגעטריקנט געוואָרן, איך האָב קיין טרער ניט אַרויסגעבראַכט, דער אומגליק האָט ווי אַ ווילדע חיה מיין האַרץ אַזוי ביטער צוגעפרעסט, ביז איך בין געפאַלן אין חלשות. איך בין האַן אַ צייט לאַנג אין אַ האָספּיטאַל אָפּגעלעגן, דערנאָך ווידער צו דער אַרבעט צוריקגעגאַנגען, געאַרבעט אָן חשק, אָן ווילן, געמיינט אַז איך וועל אַהיימקומען וועל איך נאָך מיין טייערע מוטער אָנטרעפן, עס האָט זיך ניט געקענט און ניט געוואָלט גלויבן, אַז איך וועל זי שוין מער קיינמאָל ניט זען, אַזוי בין איך איינע אַליין פון אַלע מיינע נאָנטסטע פאַרבליבן . . .

פון אָנפאַנג האָב איך מיר געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן, ווייל אַזוי לעבן האָב איך ניט געקענט, אָבער צום שטאַרבן האָט מיר אויך כח און מוט אויסגעפעלט . . . דער אומעט האָט מיין גוף און נשמה געלעמט, און איך בין פאַרבליבן אָן כח צום לעבן, און אָן מוט צום שטאַרבן, און בין געוואָרן אַזוי פאַרזונקען אין זיך, ווי אַ שווערער שטיין אין אַ פינסטערן אָפּגרונד . . .

איין אומגליק קומט אָבער ס׳בלייבט ניט אַליין; — האָב איך אין אַ קורצע צייט באַלד דערנאָך אויך אַ בריוו פון רויטן־קרייץ באַקומען, אַז מיין טאַטע איז אין קאָנצענטראַציע־לאַגער געשטאָרבן. מיר איז מיין לעבן אַזוי שווער געוואָרן, אַז איך האָב געמיינט כ׳וועל פון זינען אַראָפּ, איך האָב מורא באַקומען אין גאַס אַרויסצוגיין, עס האָבן מיך געשראָקן די הויכע, פאַרנדיקע מענטשנפולע באַסעס, מיט די מיך פאַרפאָלגנדיקע אויטאָס, איך האָב פאַרלאַנגט נאָך רו, יאָ, נאָך די שטומע ווייכע, אייביק פאַרוויגנדיקע רו . . .

אָבער אויף איינמאָל, איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי, בין איך ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן, — עס איז אין מיר אויפגעשטיגן אַזאַ געוואַלטיקער נקמה־געפיל צו די נאַציס, וואָס האָט מיך אויפגעשטורעמט אַ ווילדע נקמה אין זיי צו דערלעבן . . .

איך בין צו די „וועפּס" אַוועקגעגאַנגען, געוואָלט מען זאָל מיך צו מיליטער צונעמען, אָבער מען האָט מיך פֿאַר צו שוואַך דערקלערט . . . און איך פֿיל זיך טאַקע אַ סך מאָל אַזוי הילפֿלאָז און שוואַך, אַז מיר איז נור גוט און לייכטער, ווען דאָס ווילדע נקמה־געפֿיל טרייסלט מיך אויף, איך ווער דאַן ווי שכור, און באַקום אַזאַ חשק מיט יעדן וואָס קומט אין מיין נאָענטקייט זיך אָפּצורעכענען, ווי אַלע וואָלטן נאַציס געווען . . . אָבער דערנאָך ווער איך ווידער אַזוי מוטלאָז און מיד, זינק צוריק אין דער בלינדער אויסזיכטסלאָזיקייט אַריין, מיינע קני הויבן אָן צו ציטערן, אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך, עס עקלט מיך פֿאַר אַלעם, און ס'ווערט מיר אַלעס גלייכגילטיק, איך פֿאַרבלייב ווידער אָן חשק צום לעבן, און אָן מוט צום שטאַרבן . . .

פּלוצים האָט עס גאַנץ נאָענט פֿון זיי אויפֿגעיאָמערט, ווי אַ שאַקאַל וואָלט זיך צעקלאָגט, און באַלד דערנאָך האָט זיך אַ מאוים'דיקער קראַך דערהערט וואָס איז אין אַ בלוטיקן פֿלאַם אויפֿגעגאַנגען, די ליכט־לייטונג איז איבערגעריסן געוואָרן, אין שעלטער איז אַ פּאַניק אויסגעבראָכן מיט ווילדע יללות און געשרייען, — און איבער אַלע געשרייען און געוויינען האָט זיך געטראָגן מרדכי'ס פֿאַרצווייפֿלטער קול: אידאַ, ווו זייט איר, אידאַ, ווו זייט איר?!

ביז די „עיר־רעיד וואָרדענס" זענען געקומען און מען האָט זיך דערוווּסט אַז דער דערנעבנדיקער שעלטער איז געטראָפֿן געוואָרן.

אידאַ איז אויפֿגעוואַכט פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם טרוים, וואָס זי האָט איצט נאָכאַמאָל אַזוי שמערצפֿול דאָ אין שעלטער איבערגעחלומט, — און געענטפֿערט מיט אַ שניידנדיקן גלייכגילט: איך בין דאָ, איך בין דאָ, מיר האָט גאָר ניט פּאַסירט, איך לעב פּונקט ווי פֿריער . . .

— אָ, ווי גליקלעך בין איך אייער קול ווידער צו הערן, נאָר על פּי נס זענען מיר לעבן געבליבן, דערפֿאַר פֿריילין אידאַ, קומט און לאָמיר גיין . . .

— קען מען דען שוין אַרויסגיין פֿונעם שעלטער, איז דער „אָל־קליר"־ציכן שוין געגעבן געוואָרן? . . .

— האָט איר דען ניט געהערט, פֿריילין אידאַ, ס'איז דאָך אַלעס שוין לאַנג פֿאַרביי . . .

— ניין, ניין — האָט זי פּלוצים אויפֿגעשלוכצט — ס'איז נאָך גאָרניט פֿאַרביי, מיין אָל־קליר־ציכן איז נאָך ניט געגעבן געוואָרן, ווייל די שאַקאַלן זומען נאָך אין מיינע אויערן, און ווער קען דען ציכנס געבן, ווען די וועלט ברענט נאָך און פֿאַרגייט אין אייגענעם בלוט און פּיין? . . .

— אָבער אידאַ, וואָס רעדט איר, דאָס פֿייער איז דאָך שוין פֿאַרלאָשן, די דייטשע פֿליערס פֿאַרשוווּנדן מיט דער נאַכט, און ווידער נעמט די זון אַ ליכטיקע און ליבע אויפֿגיין, קומט אַרויס פֿון דעם פֿינסטערן נאַסן שעלטער און לאָמיר באַטרעטן דעם בלוטיק פֿאַרדאָרנטן וועג צו דער גאָלדענער ליכטיקער זון . . .

— אָ, מרדכי, וואָס זאָגט איר אַז דאָס פֿייער איז שוין פֿאַרלאָשן, אפֿשר

איז עס דאָס פייער פון דער גאַס דאָ, — אָבער ניט פון דער וועלט; ווייל דאָס פייער ברענט נאָך אין אַלע לענדער, שטעט, ניט נור אין די גאַסן און הייזער, נייערט אויך אין די הערצער, יאָ, אין אַלע צעפייניקטע מענטשלעכע געמיטער ברענט דער צער, האַס און פיין, מיט אַ פאַרצווייפלטער נקמה . . . עס ברע־נען אין אונדז די דורות לאַנגע פאַרפאָלגונגען און אומזיסטע מאָרדן, מיט אַן אייביק אומפאַרלעשלעכן גיהנומדיקן פייער, עס ברענט די גאַנצע וועלט אין אונדז און מיט אונדז . . . טאָ ווו זאָלן מיר גיין ווען די וועלט ברענט? . . . ווו איז אונזער לאַנד?!

אונדזער לאַנד געהערט צו יעדן, — און יעדער געהערט צו אונדזער לאַנד . . . אַ טייל דערפון האָבן מיר שוין געוווּנען, דעם אַנדערן טייל נאָך ניט . . . מיר מוזן אַרויס פון די פינסטערע שעלטערס, ווו מיר ליגן אין אונדזער אייביקן עלנט און מורא פאַרבאָרגן, דאָס פייער צו פאַרלעשן . . .

— אָבער, מרדכי, ווי אַזוי, און מיט וואָס? . . .

— מיט פייער און שווערט, חבר'טע אידאַ . . .

— אָ, מרדכי, וואָס רעדט איר, מיט פייער זאָל מען פייער פאַרלעשן? . . .

— יאָ, יאָ, אַזאַ דורות־אַלטער פאַרניכטנדיקער פייער קען נור מיט נאָך אַ שטאַרקערן פייער אויסגעלאָשן ווערן . . .

— אָ, איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ אופן מען קען דאָס טאָן . . .

— גאַנץ פשוט, אָנשליסן זיך אָן די פייער אַוואַנגאַרדן . . .

— ווו זענען זיי, מרדכי?

— אויף דער גאַנצער וועלט . . .

— ווער איז זייער וועג־ווייזער? . . .

— דער ליכטיק צעגליטער רויטער שטערן, — וואָס גייט אויף מיט איי־ביקער פרייהייט . . .

— איך בין צו שוואַך און קליין . . .

— אין קאַמף ווערט מען גרויס און שטאַרק, דערפאַר קומט און פאַר־זוימט ניט מער קיין רגע, צו צווייט איז מען זיכערער און דרייסטער . . .

— אָ, דער אומעט מיט דער נקמה דריקן דאָך אַזוי שווער אויפן געמיט...

— קומט, חבר'טע, עס וועט אייך לייכטער ווערן, אייער אומעט און נקמה וועט אויפגיין און זיך אויסלייטערן אין קאַמף, פאַר אַ נייער גערעכטער, גליק־לעכער וועלט; אָן ראַסן און קלאַסן, אָן באַדריקער און באַדריקטע, אָן פאַר־פאָלגער און פאַרפאָלגטע . . .

— אָבער ווי קען מען דען גיין ווען די גאַנצע ערד איז פאַרצוימט און פאַרוויסט, — און פון אַלע ווינקלען שפּאַרן זיך נאָך דערשטיקנדיק פאַרניכטנ־דיקע פלאַמען? . . .

— איבער חורבות און צוימען, ווען די וועלט ברענט איז נור פאַראַן איין וועג, — און דער דאָזיקער איז: אַרויס פונעם פינסטערן שעלטער, אַרויס פונעם אייגענעם קראַנקן איך, און אַריין אינעם פלאַמענדיקן פייער, מיט נאָך אַ גרע־

סערן פייער, ביז אַלעס בייזע און אומגערעכטע וועט אויסגעבּרענט ווערן, און איבּער אַלעמען וועט אויפגיין און לייכטן דער גאָלדן רויטער שטערן: פון פרייהייט, ליבּע און אייבּיקן גליק . . .

— חבר טייערער, אייער האַנט . . .

— קומט, מיר וועלן גיין . . .

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL
ייִדישע פּאָלקס־ביבּליאָטעק
הספריה היהודית העממית

איך דריק אויס מיין האַרציקסטן דאַנק צו מיינע ליבּע פריינט און קאָלעגן משה עובד, ש. ווהייט, ב. מרגליות, מ. הערשמאַן, ר. שטורם, ל. יאַסקאָוויטש און ל. לאַקער, וועלכע האָבּן מיר פינאַנציעל פאַרלייכטערט דאָס אַרויסגעבּן פון דעם יעצטיקן בוך.

דער מחבר.